STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04671

YIDN IN DOREM-AFRIKE

Leybl Feldman

Permanent preservation of this book was made possible
by Harold & Frances Gottlieb
in memory of
Joseph R. Simons

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייבל פֿעלדמאַן

ייִדן אין דאָרעם-אַפֿריקע

1937

יאָהאַנעסבורג — ווילנע

צום אָנדענק

דעם פֿרי פֿאַרשטאָרבענעם

אינטימען פֿריינד און כאַווער

מוישע קריין

L. Feldman — „Żydzi w Afryce Południowej“

LEIBL FELDMAN

JEWS IN SOUTH AFRICA

Johannesburg — Wilno 1937

Printed in Poland

Druk. Inż. G. Kleckina, Wilno

א פּאָר באַמערקונגען

„ייִדן אין דאָרעם־אַפֿריקע״ איז דער ערשטער פּרוּוו צו געבן אַ בילד פֿון סאָציאַלן, עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן פֿון די ייִדן אין דעם דאָזיקן לאַנד.

איך האָב זיך דערהויפּט אָפּגעשטעלט אויף יענע ייִדן אין דאָרעם־אַפֿריקע, וועלכע זײַנען נאָך אַד־היַיעם באַקאַנט אַלס רוסישע ייִדן (האַגאַם דער גאָר גרעסטער טייל פֿון זיי שטאַמט פֿון דער ליטע), ווײַל זיי זײַנען די מערהײַט פֿון די ייִדן אין דעם לאַנד.

דאָס בוך פּרעטענדירט ניט צו געבן אַן אויסשעפּיקע היסטאָרישע אָפּהאַנדלונג. דאָס איז נאָר אַ מאַטעריאַל, וואָס דאַרף זײַן אַן אָנרעגונג פֿאַר ווײַטערדיקער פֿאָרשונג.

ס׳איז צו האָפֿן, אַז עס וועט זיך געפֿינען די פּאַסיקע פּערזאָן, וועלכע וועט פֿאָרזעצן די אַרבעט פֿון שרײַבן די געשיכטע פֿון יונגן ייִדישן קיבוץ אין אונדזער זוניקער דאָרעם־אַפֿריקע.

צוליב דעם וואָס דער גאָר גרעסטער טייל פֿון דעם בוך איז געווען געדרוקט אין דער פֿאָרם פֿון אַרטיקלען אין „אַפֿריקאַנער אידישער צײַטונג״, ווערן מאַנכע שטעלן איבערגעכאַזערט.

דער מעכאַבער.

יאָהאַנעסבורג, מײַ 1937.

אַלגעמיינער בילד

נאָך די בורן און ענגלענדער — די הערשנדיקע און דאָמינירנדיקע אייראָפּעיִשע באַפעלקערונג אין דאָרעם־אַפריקע — קומען די ייִדן. כאָטש די ייִדן באַטרעפן אַן ערך פינף פּראָצענט פון דער אייראָפּעיִשער באַפעלקערונג אין ד״אַ, זײַנען זיי אַכוץ די דערמאָנטע צוויי הערשנדיקע אייראָפּעיִשע פעלקער, די באַדײַטנדיקסטע צווישן די צענדליגער אַנדערע אייראָפּעיִשע פעלקער, וועלכע זײַנען פאַרטראָטן אין דער דאָרעם־אַפריקאַנישער ווײַסער באַפעלקערונג.

ווייניק, גאָר ווייניק איז געשריבן געוואָרן וועגן דער אײַנוואַנדערונג פון ייִדן אין דאָרעם־אַפריקע, וועגן זייער סאָציאַלן, עקאָנאָמישן אָדער קולטורעלן לעבן. ס׳איז קימאַט גאָרנישט געשריבן געוואָרן וועגן די אײַנגעוואַנדערטע ליטוויש־רוסישע ייִדן, וועלכע זײַנען די מערהייט פון דאָרעם־אַפריקאַנישן ייִדנטום.

אין 1916 האָט נ. ד. האָפמאַן (אַגעוו, דער ערשטער, וועלכער האָט אַריבערגעבראַכט אין ד״אַ דעם ייִדישן בלײַענעם שריפט און האָט שוין אין 1890 אַרויסגעגעבן אין יאָהאַנעסבורג אַ ייִדישע צײַטונג) אַליין אויסגעזעצט, אַליין געדרוקט און אַרויסגעגעבן, אין גרויסן פאָרמאַט, אַ בוך אין ייִדיש — „ספר זכרונות“. צוליב פּאַרנאָסע, קענטיק, האָט ער עס אין ענגליש אָנגערופן מיטן קלינגענדיקן נאָמען The Jews of S. Africa. כוץ וועגן זײַן פּערזענלעכן לעבן אין רוסלאַנד (וואָס פאַרנעמט אַן ערך אַ העלפט) שרײַבט נ. ד. האָפמאַן אין דעם בוך וועגן ד״אַ ביכלאַל, וועגן די בורן, וועגן ייִדן. אַ גאָר גרויסן טייל פאַרנעמען ביאָגראַפיעס

פון רעליגיעזע, רייכע און באוווסטע יידן פון ד"א און אויך — א „כלי־קודש־אלבאם", צו באנוצן זיינע ווערטער — „א ליסטע פון רבנים, דיינים, רעווערענדס, חזנים און מוהלים אין סויטה אפריקא" (דאס בוך איז געשריבן אין א שלעכטן יידיש און דער מעכאבער באנוצט און מישט אריין א סאך ענגלישע און בורישע ווערטער).

די באשרייבונגען פון ד"א און די ציטאטן, וועלכע דער מעכאבער ברענגט, מאכן דעם איינדרוק, ווי ער וואלט זיינע אינפארמאציעס גענומען פון „וועגווייזער"־ביכער.

צוליב דעם, וואס נ. ד. האפמאן דערציילט גאר קנאפ וועגן יידישן לעבן אין ד"א און איז ווייניק מאקפיד אויף גענויקייט און פינקטלעכקייט — האט דאס בוך „ספר זכרונות" א קליינעם היסטארישן ווערט.

אין 1930 האט לואי הערמאן ארויסגעגעבן א בוך (אין ענגליש) „א היסטאריע פון די יידן אין ד"א ביז 1895". דאס איז א היסטאריע, אבער ניט די היסטאריע פון די יידן אין ד"א. כאטש דאס בוך איז געשריבן אין אן ערנסטן און פאראנטווארטלעכן טאן, קען מען צבער ווייניק וואס לערנען וועגן סאציאלן, עקאנאמישן אדער קולטורעלן לעבן פון די יידן אין ד"א. נאכן איבערלייענען דאס בוך ווייס מען ניט און מען פילט ניט, ווי אזוי די יידן אין ד"א האבן געלעבט ביזן יאר 1895.

דער מעכאבער זאגט אין דער הקדמה, אז דער געדאנק ארויסצוגעבן דאס בוך איז צו אים געקומען, ווען ער האט געקליבן מאטעריאלן ארויסצוגעבן די היסטאריע פון דער קייפטאונער יידישער קהילה (Capetown Hebrew Congregation) און דאס פילט מען טאקע לייענענדיק דאס בוך. ער גיט ניט קיין היסטארישע בילדער, נאר עס פילט זיך א היסטארישע כראנאלאגיע. ער גיט אן איינצלהייטן פון נעמען און דאטעס פון א יידישער סינאגאגע און שפעטער וועגן עטלעכע סינאגאגעס. זיין באמערקונג צום סאף פון בוך, אז קיין צנדער וויכטיקער פאקטאר אכוץ

דער סינאַגאָגע האָט ניט עקסיסטירט, איז נאַריש. אים פֿעלט דער היסטאָריש־וויסנשאַפֿטלעכער צוגאַנג פֿון אַנאַלאָגיע. צ״ב די פּאַסירונג מיט דער שיף „נעפּטון״ — זייער אַ וויכטיקער און אינטערעסאַנטער עפּיזאָד — בלײַבט זייער בלאָס און ניט קלאָר. דער אינצידענט איז געווען אַזאַ: אין יאָר 1849 האָט די ענגלישע רעגירונג אַרויסגעשיקט אַ שיף מיטן נאָמען „נעפּטון״, צו באַזעצן און עקספּלאָאַטירן אַרעסטאַנטן אין קייפּטאָון. דורך דעם אַקט פֿון דער רעגירונג איז שטאַרק באַליידיקט געוואָרן דער קאָוועד און ייִכעס פֿון ווײַסן. ניט נאָר די גאַנצע אייראָפּעיִשע באַפֿעל־קערונג פֿון קייפּטאָון און אומגעגנט איז געווען קעגן דעם, נאָר ס'איז געוואָרן אַ רעוואָלט. די אַגיטאַציע איז געוואַקסן. מ'האָט געקראָגן די אונטערשריפֿט פֿון יעדן אייראָפּעער צו באָיקאָטירן די שיף דורך ניט צולאָזן קיין פּראָוויאַנט. יעדער אייראָפּעער איז געווען גרייט צו טאָן דירעקט און אומדירעקט אַלץ, וואָס איז נאָר געווען מעגלעך, קעדיי צו ווירקן, אַז מ'זאָל די שיף מיט די אַרעסטאַנטן צוריקשיקן. די שיף איז געשטאַנען אין האַפֿן און די אַרעסטאַנטן האָט מען ניט אַרונטערגעלאָזן. אָט דער הויי־ליקער צוזאָג, אויף וועלכן אַלע אייראָפּעיִשע אײַנוווינער האָבן זיך אונטערגעשריבן, איז געבראָכן געוואָרן דורך צוועלף מאַן. דער ערשטער נאָמען אויף דער שוואַרצער ליסטע איז געווען בענ־דזשאַמין נארדין, אויך זײַן איידעם און נאָך אַ ייִד. צוליב דעם, וואָס נארדין איז געווען דער פּירער און פּרעזידענט פֿון דער דעמאָלט קליינער ייִדישער געמיינדע, האָט עס אַרויסגערופֿן אַ גרויסן האַס און צאָרן ניט נאָר קעגן די דרײַ ייִדישע ערנ־וואָרט־ברעכער, נאָר קעגן אַלע ייִדן. מען האָט געזאָגט: „אַלע ייִדן זײַנען קעגן ווילן פֿון פֿאָלק״. דאָס האָט דערבראַכט דערצו, אַז דער סעקרעטאַר פֿון דער געמיינדע האָט געדאַרפֿט פּובליקירן אין דער אָרטיקער צײַטונג, אַז „ייִדן צוזאַמען מיט דער גאַנצער באַפֿעלקערונג זײַנען קעגן אַראָפּלאָזן די אַרע־סטאַנטן פֿון שיף „נעפּטון״. דער פֿאַקט, וואָס דרײַ ייִדן זײַנען

פֿאַראַן אויף דער שוואַרצער ליסטע, מיינט דאָך נישט, אַז אַלע ייִדן זײַנען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר זיי". שפּעטער, בעשאַס „ימים נוראים", האָבן די ייִדן געדאַרפֿט האָבן פּאָליציי בײַ דער סינאַגאָגע אַלס שוץ. דאָס איז אַ וויכטיקע פּאַסירונג, ווען וועלכער דער מעכאַבער האָט קיין שום באַלײַכטונג ניט געגעבן. ביז 1849 איז דער גרעסטער טייל ייִדן געווען ענגלישע און די איבעריקע — דײַטשע. אַכוץ, וואָס זיי זײַנען געווען געמאַלט און טפּילע געטאָן אַנדערש ווי די ניט־ייִדן, איז דאָך פּאַשעט קיין אונטערשייד ניט געווען צווישן זיי און זייערע אייראָפּעער—מיטבירגער. די זעלביקע שפּראַך, דער זעלביקער און עפּשער נאָך מער ענגלישער פּאַטריאָ־טיזם.

פֿאַר וואָס זשע האָט דער „נעפּטון"־אינצידענט פֿאָרט אַרויס־גערופֿן אַזאַ האַס און צאָרן קעגן אַלע ייִדן — און די אַלע ייִדן פֿון ד"אַ אין 1849 האָט געוויס ניט דערגרייכט דרײַ ציפֿערן (ד"ה געוויס אַ סאַך וויניקער ווי הונדערט)? דער ענטפֿער ליגט אין די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, וועלכע די ייִדן האָבן פֿאַרנומען. די ענגלישע און די דײַטשע ייִדן זײַנען אַהער געקומען מיט ביל־דונג, סאָכרישער דערפֿאַרונג און מאַנכע מיט געלט און האָבן פֿאַרנומען אַלע וויכטיקע פּאָזיציעס. דאָ וואָלט דער מעכאַבער געקענט געפֿינען דעם ענטפֿער.

דאָך געפֿינט מען אין בוך „אַ היסטאָריע פֿון אידן אין ד"אַ ביז 1895" וויכטיקע דאַטעס און ציפֿערן. אויסער דעם געפֿינט מען אין בוך ייִדישע היסטאָרישע דעקאָראַציעס. אָט די היסטאָרישע דעקאָראַציעס מערקן זיך לעצטנס ביכלאַל שטאַרק אויף דער ייִדישער גאַס אין וואָרט און אין שריפֿט. מען זוכט און מען גריבלט זיך און מען געפֿינט אויס באַלגײַוועס־שטאָף צו באַרעכטיקן זייער זײַן אין לאַנד אויף דעם ייִכעס פֿון אַמאָל. דאָס זײַנען זייער שוואַכע באַרעכטיקונגען!

דער שטאַך פֿון דאָרעם־אַפֿריקע, וואָס איז באַקאַנט אַלס „יוניאָן פֿון דאָרעם־אַפֿריקע" (דאָרעם־אַפֿריקאַנישע פֿאַראייניקטע

שטאַטן), איז אויסגעפֿונען געוואָרן דורך צוויי פּאָרטוגעזער: באַרטהאָלאָמיי דיאַז און שפּעטער — וואַסקאָ דע גאַמאַ, ווען זיי זײַנען געפֿאָרן אויפֿן וועג קיין אינדיע אין יאָר 1487.

ס'איז באַקאַנט, אַז ייִדן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין פּאָרטוגאַל צו יענער צײַט אין הילכעס אַסטראָנאָמיע, אַסטראָלאָגיע און נאַוויגאַציע. זייער בײַטראָג צו דער עקספּעדיציע בײַם אויס־געפֿינען ד"אַ איז געווען גוואַלדיק גרויס. אַפֿילו דאָס ענריק — „פּרינץ הענרי דער נאַוויגאַטאָר", וועלכער איז געווען דער הויפּט־מאַן, וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיט נײַע מערק און האָט אויס־געפֿונען נײַע לענדער, האָט געהאַט געלערנטע ייִדן, וועלכע האָבן אים געהאָלפֿן אָרגאַניזירן און דורכפֿירן די עקספּעדיציע קיין דאָרעם־אַפֿריקע. דאָך איז קיין שום סימען און שבֿור ניטאָ, אַז וועלכע ניט איז פּאָרטוגעזישע ייִדן זאָלן האָבן געווען די פּיאָ־נערן פֿון די אייראָפּעער אין ד"אַ.

כאָטש דער דאָרעם מדיקער טייל פֿון אַפֿריקע איז געפֿונען געוואָרן אין יאָר 1487, האָבן זיך ביזן 17טן יאָרהונדערט קיין אייראָפּעער דאָ ניט באַזעצט. ענגלישע, האָלענדישע און פּאָרטו־געזישע שיפֿן פֿלעגן זיך נאָר אָפּשטעלן אויפֿן וועג קיין אינדיע. צו באַזעצן ד"אַ מיט אייראָפּעער האָט אָנגעהויבן די „האָלענדישע מיזרעך־אינדישע געזעלשאַפֿט" אין אָנפֿאַנג פֿון יאָר 1652. זי האָט אָנגעהויבן באַזעצן אין ד"אַ פֿאַרקאָנטראַקטירטע זעלנער און מעלוכע־אָנגעשטעלטע. די אימיגראַציע אָבער איז געווען אין קליינע גרופּקעס, אַזוי אַז די אייראָפּעיִשע באַפֿעלקערונג אין ד"אַ איז צום סאָף פֿון 17טן יאָרהונדערט באַשטאַנען סאַכאַקל פֿון עטלעכע הונדערט מענטשן. אַפֿילו צום סאָף פֿון 18טן י"ה האָט די אייראָפּעיִשע באַפֿעלקערונג אין דאָרעם־אַפֿריקע ניט דערגרייכט ביז זעכצן טויזנט נפֿשות. אין אָנהייב פֿון אַכצעטן יאָרהונדערט איז געקומען קיין קייפּטאָון אַ שטרענג רעליגיעזער ייִד מיט זײַן ייִדישן שקלאַף. מ'ווייס וועגן דעם, ווײַל ער האָט געבעטן די שיפֿס־געזעלשאַפֿט, זי זאָל אים פֿאַרביליגערן די שיפֿס־קאַרטעס

פֿאַר אים און זײַן ייִדישן שקלאַף, מאַכמעס זיי עסן ניט די ניט־קאָשערע אַכילעס אויף דער שיף. דער ייִד מיט זײַן שקלאַף איז, ווײַזט אויס, לאַנג דאָ ניט געווען, ווײַל ס'איז מער קיין סימען ניטאָ פֿון זײַן געפֿינען זיך אין ד"אַ.

„דער ערשטער איד, וועלכער האָט צו ערשט באַטראָטן דעם באָדען פֿון סויטה אַפֿריקאָ און געלאַנדעט אין קייפּטאָן דעם 21טן אויגוסט 1835, איז געווען אַ געוויסער סיימאָן מייער לעוויאָן, אַ לאָנדאָנער אידישער מאַטראָס, וועלכער האָט געדינט אויף די זעגעל־שיף „אַפֿריקאַ". אַכט מאָנאַט האָט איהם געדויערט די רײַזע פֿון לאָנדאָן ביז קייפּטאָן" (נ. ד. האָפֿמאַן, ספר זכרונות. אַגעוו — לואי הערמאַן דערמאָנט עס אַפֿילע ניט).

אַכוץ די צוויי אויסנאַמפֿאַלן איז ניט פֿאַרצייכנט קיין אײנ־ציקער פֿאַל, אַז ניט־קריסטלעכע ייִדן זאָלן האָבן געווען אין ד"אַ פֿאַרן סאָף פֿון 18טן י"ה. עס זײַנען געווען געשמאַדטע ייִדן, מאַראַנען, אָדער האָלענדער, ענגלענדער און דײַטשן פֿון ייִדישן אָפּשטאַם. עס זײַנען געווען ייִדן פּאַסיווע צו דער ייִדישער רע־ליגיע און ייִדן ביכלאַל. מענטשן, וועלכע האָבן זיך ניט אָנער־קענט און זיך ניט פּראָקלאַמירט אַלס ייִדן, זײַנען עפּשער אויך געווען אין 17טן י"ה. די אַלע טיפּן פֿון ייִדישן אָפּשטאַם זײַנען פֿאַרקריסטלעכט געוואָרן און ס'איז קיין געדעכעניש ניט געבליבן פֿון זייער ייִדישער אָנגעהעריקייט.

ס'איז קעדײַ צו דערמאָנען דרײַ פֿאַקטאָרן, וואָס האָבן גע־טריבן מענטשן פֿון ייִדישן אָפּשטאַם צו קריסטנטום. ערשטנס, זײַנען ניט געווען קיין סינאַגאָגעס אָדער אַ ייִדישע געזעלשאַפֿט־לעכקייט. אין יענער צײַט זײַנען דאָך אַלע אָן אונטערשייד גע־ווען זייער רעליגיעז. צווייטנס, האָט דער הערשנדיקער רעזשים ניט צוגעלאָזן ביזן סוף פֿון 18טן י"ה קיין אַנדער רעליגיע אָדער רעליגיעזע סעקטע אַכוץ די קריסטלעכע. דריטנס, די „האָלענ־דישע מיזרעך־אינדישע געזעלשאַפֿט", וועלכע האָט דאַן געוועלטיקט אין ד"אַ, האָט געפֿאָדערט פֿון יעדן אייראָפּעער — ווער ער זאָל

ניט זײַן — שטרענג אָפּצוהיטן די קריסטלעכע רעליגיע. די לעצ־טע צוויי פֿאַקטאָרן האָבן געטריבן מענטשן, וועלכע זײַנען געווען פּאַסיוו צו דער ייִדישער רעליגיע, אָנצונעמען די הערשנדיקע רעליגיע, וואָס איז געווען אָבליגאַטאָריש. דער פֿאָלגנדיקער אויפֿ־רוף, אָדער בעסער געזאָגט „אוקאַז" פֿון יאַן וואַן ריבעק, דער קאָמאַנדיר פֿון דער „האָלענדישער מיזרעך־אינדישער געזעלשאַפֿט" אין 17טן י"ה, ווײַזט ווי ווירקזאַם דער רעליגיעזער אַפּאַראַט פֿון אײַנפֿלאַנצן קריסטלעכע ליבע, צערטלעכקייט און טאָלעראַנץ האָט געאַרבעט: „אַזוי ווי אַ סאַך קומען ניט צו די טעגלעכע און צפֿילע ניט צו די זונטאָגדיקע טפֿילעס און גיבן אָפּ ווייניק אויפֿמערק־זאַמקייט צו זייער רעליגיע, וואָס יעדער עמעסדיקער קריסט דאַרף טאָן צוליב זײַן געוויסן... אום גאָטס כעסעד זאָל זיך ניט אָפּ־ווענדן פֿון דעם דאָזיקן פּלאַץ און אום גאָטס בראָכע זאָל זײַן אויף אונדז, מוז יעדערער איינער, ווער און וואָס ער זאָל ניט זײַן, באַזוכן די טפֿילעס רעגולער. פֿאַרן ניט קומען איין מאָל צום דאַוונען וועט ער באַשטראָפֿט ווערן מיט דעם, וואָס ער וועט ניט קריגן זעקס טעג זײַן פּאָרציע ווײַן. פֿאַרן צווייטן מאָל ניט קומען צום דאַוונען פֿאַרלירט ער אַכוץ די פּאָרציע ווײַן אַ כוידעש סכירעס. פֿאַרן דריטן מאָל ניט קומען צום דאַוונען מוז ער אַ גאַנץ יאָר אַרבעטן קאַטאָרזשנע אַרבעט פֿאַר דער רע־גירונג, געשמידט אין קייטן".

אָט דער באַרבאַרישער רעזשים האָט אָנגעהאַלטן ביז 1795. ביז דאַן פֿלעגן קומען קיין ד"אַ נאָר די, וועמען די „האָלענדישע מיזרעך־אינדישע געזעלשאַפֿט" האָט דערלויבט, ווײַל אייגנטלעך האָט דאָך דאַן געהערט צו זיי דאָס, וואָס איז געווען באַוווּסט אַלס ד"אַ. זיי האָבן קאָנטראָלירט די אימיגראַציע קיין ד"אַ און זי איז באַשטאַנען פֿון זייערע אָנגעשטעלטע, מיליטער און פֿאַרקאָנ־טראַקטירטע, וועלכע האָבן געאַרבעט שווער און בײַ שרעקלעכע באַדינגונגען און זײַנען געווען אונטערדריקט ווי אַרעסטאַנטן. צוזאַמען מיט דער „האָלענדישער מיזרעך־אינדישער געזעלשאַפֿט"

איז אויך אַוועק אין 1795 די אונטערדריקונג פֿון אַנדערע רעלי־גיעס. אין 1803, ווען די האָלענדער האָבן איבערגענומען די מאַכט און שפּעטער, ווען די ענגלענדער האָבן אין 1806 מיט קייאָך צוגענומען די קייפּ, איז די אונטערדריקונג פֿון דער רעלי־גיע געוואָרן באַזײַטיקט.

אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 19טן י״ה איז געקומען אַ מישפּחה פֿון אַן ערעך עלף מאַן פֿון סאַנט העלענע. דאָס זײַנען געווען די סאָלאָמאָנס און זייער פּלימעניק נאַטאַניעל אײַזיקס. די סאָלאָמאָנס האָבן געשפּילט איינע פֿון די גרעסטע ראָלעס, דערהויפּט שאָול סאָלאָמאָן — אַ גרויסער שטאַטסמאַן און געזעלשאַפֿטלעכער טוער. נאַטאַניעל אײַזיקס איז געווען אַ גרוי־סער „אַדווענטשורער”, ענגלישער אימפּעריאַליסט און פֿאַרפֿאַסער פֿון צוויי אינטערעסאַנטע ביכער: אײַנדרוקן איבער דער נאָך ניט באַקאַנטער דאָרעם־אַפֿריקע. אײַזיקס ראָמאַנטישע באַציִונגען צום הויפּטלינג פֿון די זולוס טשאַקאַ און זײַנע אונטערהאַנדלונ־גען מיט אים פֿאַר דער ענגלישער ד״אַ־רעגירונג איז אַן אינטע־רעסאַנטער עפּיזאָד. די סאָלאָמאָנס זײַנען געווען פֿון ייִדישן אָפּשטאַם, אָבער זיי זײַנען געווען געשמאַדטע און זיך געהאַלטן פֿאַר קריסטן. דאָך זײַנען זיי געווען באַקאַנט אַלס די קינדער און נאָענטע קרוֹיווים פֿון ייִדישן קיניג — קויפֿמאַן פֿון סאַנט העלענע.

אין 1820 האָבן די ענגלענדער גענומען שיקן שיפֿן מיט מענטשן, זיי צו באַזעצן און קאָלאָניזירן אין ד״אַ. צווישן די 4—5 טויזנט עמיגראַנטן, וועלכע די ענגלישע רעגירונג האָט געשיקט, האָבן זיך אויך געפֿונען עטלעכע ייִדישע מישפּחות. זיי האָבן זיך גאָר אַ קורצע צײַט באַשעפֿטיקט מיט פֿאַרמערײַ. לעהייפּעך צו די פֿריִערדיקע, וועלכע זײַנען געקומען פֿאַר זיי, האָבן זיי זיך ניט געשמאַדט, אָדער אַוועק, אַזוי צו זאָגן, פֿון ייִדנטום. זיי זײַנען די גרינדער און אָרגאַניזירער פֿון דער ער־שטער ייִדישער קעהילע און מיניען. כאָטש די רעליגיעזע באַ־

גרענעצונגען און אונטערדריקונגען זײַנען געווען אָפּגעשאַפֿט אין 1795 און די אימיגראַציע האָט זיך פֿאַרגרעסערט, איז דער ערשטער מיניען, וואָס איז באַשטאַנען פֿון 17 ייִדן, פֿאָרגעקומען יום־קיפּער ענדע סעפּטעמבער 1841 אין אַ פּריוואַטן הויז. פּרווון צו רופֿן און צו שאַפֿן אַ מיניען זײַנען געמאַכט געוואָרן פֿריִער; ס'זײַנען געווען מער ווי צען ייִדן, אָבער ס'איז געווען אָן דער־פֿאָלג. נאָכן ערשטן מיניען האָבן זיי זיך פֿאָרמירט אין אַ געזעל־שאַפֿט—אַ קעהילע, וועמעס ציל עס איז אויפֿצוהאַלטן די ייִדישע רעליגיע אין ד"אַ. פֿון 1841 הייבט זיך אָן אַן אַקטיוו און ניט אונ־טערבראָכן ייִדיש רעליגיעז לעבן. כאָטש אין 1842 זײַנען נאָר געווען יום־קיפּער צום דאַוונען 16 מענער, זײַנען אָבער געווען אַ סאַך מער ייִדן אין די געגנטן אַרום קייפּטאָון. די אַלגעמיינע אייראָ־פּעיִשע באַפֿעלקערונג פֿון קייפּטאָון אין 1842 איז געווען 9359, און פֿון זיי נאָר 17 ייִדן. אין 1849 האָבן שוין ייִדן פֿון קייפּטאָון געקראָגן פֿון ענגלאַנד אַ רעווערענד און דעם זעלביקן יאָר האָבן זיי שוין געהאַט אַן אייגענע שול. כאָטש די מיטגלידערשאַפֿט (מענער) איז אין 1849 געווען בלויז 28, זײַנען אָבער ייִדן געווען אַ סאַך, אַ סאַך מער. זיי זײַנען שוין געווען צעוואָרפֿן איבערן גרויסן שטעטל אין ניט גאָר נאָענטער שכיינעס מיט קייפּטאָון. אין 1859 זײַנען געווען איבערן גאַנצן גרויסן שטעטל פֿון דער קייפּ־קאָלאָניע אַ זעכציק ייִדישע פֿאַמיליעס. אין 1862, ווען מען האָט געבויט די ערשטע שול, האָט מען פֿונאַנדערגעשיקט 150 אײַנלאַ־דונגען איבערן גאַנצן לאַנד. דאָס איז געווען מיסטאָמע צו אַלע ייִדן פֿון לאַנד. ס'איז קעדײַ צו באַמערקן, אַז אין יאָר 1865 זײַנען געווען אין גאַנצן לאַנד ניט מער ווי 263,000 ווײַסע מענטשן.

אַזוי האָט זיך געצויגן אַ גאָר לאַנגזאַמער פּראָצעס פֿון דער ייִדישער אימיגראַציע ביזן יאָר 1870. די קליינע צאָל ייִדן, פּונקט ווי די אַלגעמיינע באַפֿעלקערונג, איז געווען צעזייט און צעשפּרייט איבער די אייראָפּעיִשע אָנגעהעריקע טיילן פֿון ד"אַ. די ייִדישע

באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון ענגלישע און דײַטשע ייִדן. דער איקער האָבן די ענגלישע ייִדן געגעבן דעם טאָן אין ייִדישע רעליגיעזע איניאַנים. די ענגלישע ייִדן זײַנען געווען גוטע ענגלענדער, אָבער ניט קיין פרומע ענגלענדער. זיי זײַנען געווען ענגלענדער פון ייִדישן גלויבן, ווײַל זיי האָבן געדינט אַן אַנדער רעליגיע. פּאַטריאָטיש זײַנען זיי געווען פּונקט ווי די ענגלענדער. פּונקט ווי זייער פּאָליטיק איז געקומען און קאָנטראָלירט געוואָרן פון ענגלאַנד, אַזוי איז אויך זייער רעליגיע קאָנטראָלירט געוואָרן דורך לאָנדאָן. וועגן יעדן רעליגיעזן איניען, ווי לעמאָשל קריגן אַ רעווערענד, אָדער ענלעכע זאַכן, פלעגט מען זיך ווענדן צום הויפּט־ראַבינער אין לאָנדאָן. וואָס ער פלעגט טאָן, פלעגט זײַן דאָמינירנדיק. די ייִדן, וועלכע זײַנען דאָ געווען (אַרײַנרעכענענדיק די קריסטן פון ייִדישן אָפּשטאַם), זײַנען געווען געבילדעטע און פעיִקע. זיי זײַנען געשטאַנען אויף אַ העכערער קולטורעלער מאַדרייגע, ווי די ניט־ייִדישע באַפעלקערונג. מאַנכע פון זיי האָבן מיטגעבראַכט גרויסע קאַפּיטאַלן. די ייִדן האָבן פאַרנומען גאָר גרויסע פּאָזיציעס אין האַנדל און אויך אין סאָציאַלן און פּאָליטישן לעבן. עקאָנאָמיש זײַנען זיי געווען צעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס: קאַפּיטאַליסטן און הענדלער. שפּעטער האָט זיך שוין אויך געפונען אַ גאָר קליינער פּראָצענט דאָקטוירים.

אין 1870 האָבן זיך אַנטפּלעקט די דימענט־גרעבערײַען אין קימבערלי. ס'איז געוואָרן אַן איבערקערעניש בײַ די אייראָפּעער אין לאַנד. ס'איז געוואָרן אַ בעהאָלע. אייצרעס האָט מען אַנטדעקט. מען האָט זיך אַ לאָז געטאָן קיין קימבערלי. ניט נאָר אייראָפּעער פון לאַנד גופע. געפּאַקטע שיפן האָבן גענומען אָנקומען קיין דאָרעם־אַפריקע — יעגער נאָך דער כאַיע, וואָס הייסט דימענטן. קיין קימבערלי האָבן זיך געצויגן מענטשן פון דער גאַנצער וועלט, ווען עס האָט פאַרבלענדט דער גלאַנץ פון דימענטן. די פון זון פאַרברענטע קימבערלי, וואָס געפינט זיך

ביי דער וויסטעניש קאַרו, איז דורך נאַכט געוואָרן אַ שטאָט פֿון ביידלעך. אַ סעמיטראָפּישער באַזאַר פֿון הענדלער, ספּעקולאַנטן און דימענטן־גרעבער. מאַמעש אייצרעס פֿלעגט מען מאַכן אין געציילטע טעג.

די אימיגראַציע איז געווען דערהויפּט פֿון ענגלאַנד. צווישן אָט די נייע אימיגראַנטן זיינען געווען אַ היבשע צאָל יידן — מערסטנטייל פֿון ענגלישן געטאָ. ביי דער דימענט־גרעבעריי אין די 70ער יאָרן פֿון פֿאַריקן י"ה זיינען געווען בלויז עטלעכע רוסישע יידן, וועלכע האָבן געלעבט אַ קורצע צייט אין ענגלאַנד פֿאַר זייער אַריבערקומען אַהער.

ס'איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז ביז 1870 איז ניט געווען קיין איין ייד, וועמעס מוטערשפּראַך זאָל זיין יידיש און וואָס זאָל שטאַמען פֿון אַמאָליקן רוסלאַנד, גאַליציע אָדער רומעניע (אַן אויסנאַם איז דער רעווערענד ראַבינאָוויץ). ביזן יאָר 1880 זיינען קוים געווען אין ד"אַ 6 יידן פֿון רוסלאַנד, גאַליציע און רומעניע, וואָס זייער שפּראַך איז געווען יידיש. די רוסיש־ליטווישע עמיגראַציע קיין ד"אַ האָט זיך אָנגעהויבן אומגעפֿער אין 1882 און איז אָנגעגאַנגען מיט אַ סאַך אַ גרעסערן טעמפּאָ ווי די יידישע עמיגראַציע ביז דאַן, אַזוי אַז אין 1891 זיינען שוין די רוסיש־ליטווישע יידן מיט זייער מוטערשפּראַך יידיש געווען אַ מערהייט אין פֿאַרגלייך מיט די איבעריקע יידן.

גאָר ווייניק מאַטעריאַל איז פֿאַראַן וועגן דער אימיגראַציע פֿון די רוסיש־ליטווישע יידן. ביזן יאָר 1904 איז אַפֿילע ניט געווען קיין סטאַטיסטיק. ס'איז וויכטיק צו דערמאָנען, אַז אין 1893 האָט עמעצער אָנגעפֿרעגט אין קייפּ־פּאַרלאַמענט די רעגירונג וואָס פֿאַראַ מיטלען רעכנט זי אָנצונעמען, קעדיי אָפּצושטעלן דעם גרויסן שטראָם פֿון דער רוסישער אימיגראַציע.

אין דער צייט, ווען די רוסיש־ליטווישע יידישע אימיגראַ־ציע האָט זיך אָנגעפֿאַנגען, איז שוין די האָניקצייט פֿון די די־מענטן געווען פֿאַרביי. אַלע ערד־שטאָכים אַרום קימבערלי, ווו

ס'האָבן זיך געפֿונען די דימענטן און דימענט־גרעבערײַען, זײַנען געווען קאָנצענטרירט אין עטלעכע הענט. ס'איז געבליבן נאָר פּלאַץ פֿאַר קרעמער צו קאָנקורירן מיט די פֿריַערדיקע קרעמער. דערפֿאַר אָבער זײַנען די ערשטע אימיגראַנטן געקומען פֿאַרן גאָלדענעם פּעריאָד פֿון דער גאָלד־בעהאָלע אין טראַנסוואַל — די בורישע רעפּובליק. אין 1885 האָט דער גאָלדענער קאַלב, וואָס איז געלעגן אין גאָלדראַנד אין די געדערים פֿון דער טראַנס־וואַלער ערד גענומען ציִען צו זיך ווי אַ מאַגנעט דעם גרעסטן טייל אייראָפּעער פֿון די דימענטפֿעלדער און פֿון אַנדערע טיילן פֿון לאַנד. עס האָבן זיך אַ צי געטאָן אַלע אימיגראַנטן, אַרײַנרע־כענענדיק אַפֿילו די דערשלאָגענע אָרעמע ליטוויש־רוסישע ייִדישע אימיגראַנטן. מען איז באַפֿאַלן דעם גאָלדענעם קאַלב מיט ברייטע גרויסע ליידיקע קעשענעס. אין 1886, ווען יאָהאַנעסבורג — דער צענטער פֿון די גאָלדגרובן — איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס אַ שטאָט (אַ יאָר נאָך דעם, ווי די אימיגראַציע האָט זיך אָנגע־פֿאַנגען אין יאָהאַנעסבורג), האָבן די ייִדן (מערסטנטייל ליטוויש־רוסישע) באַטראָפֿן איבער 10 פּראָצענט פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג.

די רוסיש־ייִדישע אימיגראַציע קיין ד"אַ איז אומגעשטערט אָנגעגאַנגען ביזן יאָר 1899. אַריבערגעקומענע האָבן אַריבערגע־בראַכט קרויווים און לאַנדסלײַט. כאָטש די ייִדישע אימיגראַציע קיין דאָרעם־אַפֿריקע איז געווען נישטיק אין פֿאַרגלײַך מיט דער אימיגראַציע קיין אַמעריקע אין יענער צײַט, איז אָבער די ייִדישע אימיגראַציע קיין ד"אַ אין פֿאַרגלײַך מיט דער אימיגראַציע פֿון ניט ייִדן געווען גאַנץ באַדײַטנדיק.

אין 1899 האָט דער דונער פֿון דעם ענגליש־בורישן קריג געטראָפֿן צום מערסטן די רוסיש־ליטווישע ייִדן, וועלכע האָבן נאָך געפֿירט אַן אימיגראַנטישן ניט־אָרגאַניזירטן לעבן. ניט נאָר דאָס האָט געגעבן אַ טויטקלאַפּ דער ייִדישער אײַנוואַנדערונג, נאָר דער אומדערוואַרטער אויסברוך פֿון קריג האָט אַרויסגערופֿן אַ שרעק־

לעכע פאַניק. מ׳האָט איבערגעלאָזן האָב און גוטס און מ׳איז געלאָפן. די ענגלישע ייִדן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די רייען פון די ענגלענדער אין קאַמף קעגן די בורן. די דײַטשע ייִדן, פונקט ווי פשוטע דײַטשן, האָבן סימפּאַטיזירט מיט די בורן. אַ סאַך פון זיי האָבן זיך געשלאָגן קעגן די ענגלענדער. אַגעוו האָט די דײַטשע רעגירונג שטאַרק סימפּאַטיזירט מיט די בורן. די רוסיש־ליטווישע ייִדן האָבן זיך געפונען אין אַ מעשונעדיקער לאַגע. צו די ענגלענדער האָבן זיי זיך געפילט פרעמד, צו די בורן — אַ סאַך נעענטער. דער גאַר גרעסטער טייל פון זיי האָט סימפּאַטיזירט מיט די בורן, וואָס זײַנען באַפאַלן געוואָרן פון די ענגלענדער, וועלכע האָבן געוואָלט אַוועקנעמען בײַ די בורן זייער רעפּובליק, וווּ ס׳האָבן זיך געפונען די גאָלדגרובן. אָבער די בורן האָבן דאָך אויך באַטראַכט די רוסיש־ליטווישע ייִדן אַלס אויסלענדער. דער ליטווישער ייִד האָט זיך נאָך געפילט אין דער בורישער רעפּובליק אַלס צופעליקער, דערווײַליקער. ער איז נאָך ניט געווען אײַנגעוואָרצלט אין לאַנד. זײַן היים — טאַטע־מאַמע, פרוי און קינדער זײַנען נאָך געווען טויזנטער מײַלן פון דער טראַנסוואַלער רעפּובליק.

די רוסיש־ליטווישע ייִדן זײַנען געווען פון עטלעכע קאַטעגאָריעס. די רײַכע און יעכידים, וועלכע זײַנען געוואָרן ענגליזירט, האָבן זיך געשלאָגן אויפן זײַט פון די ענגלענדער. אָבער דער טייל איז געווען גאָר אַ קליינער. אַ גרעסערע צאָל האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן די בורן. אָבער דער גרעסטער טייל פון זיי איז אַוועק קיין קייפּטאָון, אָדער אויפן פאַרלאַנג פון טאַטע־מאַמע זײַנען זיי אַוועקגעפאָרן צוריק צו זייער אַלטער היים. אַ טייל האָט געטראַכט איבערצוּוואַרטן די מילכאָמע און דאַן קומען צוריק. מאַנכע פון זיי זײַנען אָבער געפאָרן מיט דער קאַוואָנע ניט צוריקצוקערן זיך.

דרײַ יאָר האָט געדויערט דער ענגליש־בורישער קריג. אין 1902, ווען די מילכאָמע איז געווען געענדיקט, האָבן די

טראַנסוואַלער ייִדן סײַ פֿון קייפּטאָון און סײַ די, וועלכע זײַנען אַוועק אין זייער אַלטער היים, געוומען צוריקקערן זיך. עמעס, דאָס איז פֿאָרגעקומען לאַנגזאַם, אָבער ס'זײַנען ניט אַוועק קיין סאַך יאָרן און די פֿריִערדיקע פֿאַרהעלטניסמעסיק קליינע אימי־גראַציע פֿון רוסיש־ליטווישע ייִדן איז פֿאָרגעזעצט געוואָרן. ליטווישע ייִדן האָבן גענומען זיך מער באַפֿעסטיקן אין לאַנד, פֿאַרנעמען געוויסע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און אָנגעהויבן ביס־לעכווײַז אַראָפּברענגען אַהער זייערע פֿרויען און קינדער. מ'האָט אָנגעהויבן בויען דאָ אין ד"אַ אַ היים.

ביז 1904 זײַנען ניטאָ קיינע סטאַטיסטישע ציפֿערן וועגן ייִדן אין ד"אַ. אין 1904 זײַנען געווען 38,101 ייִדן, 1911—46,919, 1916 — 58,741, 1921 — 62,103, 1926 — 72,169, 1930 — 80,000 און אין 1936 (קיין גענויע ציפֿערן זײַנען ניטאָ) אומגעפֿער 95,000, ד"ה אַן ערך פֿינף פּראָצענט פֿון דער אַלגעמיינער ווײַסער באַפֿעלקערונג אין ד"אַ.

בערערך 40 פּראָצ' פֿון די ייִדן אין ד"אַ געפֿינען זיך אין יאָהאַנעסבורג, ווו זיי באַטרעפֿן מער ווי 10 פּראָצ' פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג.

פֿופֿציק פּראָצענט פֿון די ייִדן אין דאָרעם־אַפֿריקע לעב[ן] אין וויטוואָטערסראַנד (ווײַסער וואַסערראַנד — אַ מעהאַלעך פֿון זעכציק מײַל, ווו עס ציט זיך דער גאָלדאָדער פֿון ראַנדפֿאָנטיין ביז ספּרינגס, פֿון וועלכן יאָהאַנעסבורג איז דער מיטלפּונקט).

ווי געזאָגט, איז די איבערוועגנדיקע מערהייט פֿון די אײַנגעוואַנדערטע ייִדן אין ד"אַ געקומען פֿון אַמאָליקן רוסלאַנד, אין וועלכן ליטע איז געווען אַ טייל. די רוסישע ייִדן זײַנען געקומען ניט פֿון גאַנץ רוסלאַנד, נאָר קימאַט אין גאַנצן פֿון איין גאָר קליינעם טייל, וואָס איז באַקאַנט אַלס ליטע.

ווי קומט עס, וואָס פֿון אַמאָליקן רוסלאַנד, וואָס האָט געהאַט גרויסע ייִדישע צענטערס, ווי לעמאָשל פּוילן, זײַנען פֿון די אַנדערע צענטערס אַהער געקומען גאָר ווייניק? וואָס האָט

געטריבן דעם ייִדן פֿון ליטע און ווי אַזוי קומט ער קיין ד״אַ? וואָס פֿאַר אַן עלעמענט שטעלט מיט זיך פֿאָר אָט דער ליטווישער ייִד? וואָס פֿאַר אַ קולטור־באַגאַזש האָט ער געבראַכט פֿון דער היים און ווי האָט ער זיך אַנטוויקלט?

ווי געזאָגט, האָט די ליטוויש־ייִדישע אימיגראַציע קיין ד״אַ זיך אָנגעהויבן אין אָנפֿאַנג פֿון די אַכציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט. דאָס איז געווען אין דער זעלביקער צײַט, ווען ס׳האָט זיך אָנגעפֿאַנגען די היסטאָרישע גרויסע עמיגראַציע פֿון רוסלאַנד און האָט זיך געצויגן דער איקער קיין אַמעריקע די דאָזיקע עמיגראַציע איז געווען פֿאַראורזאַכט דערהויפּט דורך די באַרבאַרישע פֿאַרפֿאָלגונגען קעגן ייִדן אין דער פֿאָרם פֿון פּאָגראָמען און פּאָליטישע שרעקלעכע אונטערדריקונגען, וואָס זײַנען פֿאָרגעקומען אין יענער צײַט.

איז דען די ליטוויש־ייִדישע אימיגראַציע קיין ד״אַ אויך פֿאַראורזאַכט געוואָרן דורך די אויבן דערמאָנטע סיבעס?

אומדירעקט עפּשער יאָ, אָבער געוויס ניט דירעקט. אומדירעקט אין דעם זין, וואָס דער טראַדיציאָנעלער אײַז פֿון בלײַבן אין זומפּ פֿון אָרעמקייט, דאַכקעס און שמוץ, ווו מ׳האָט געוווינט דייערעס לאַנג, איז געבראָכן געוואָרן דורך דער גרויסער עמיגראַציע קיין אַמעריקע און אין אַ סאַך אַ קלענערער מאָס אויך קיין ענגלאַנד. אין ליטע זײַנען אָבער קיין פּאָגראָמען ניט געווען. די שטראַלן פֿון פרײַהייט און באַוווּסטזײַן פֿון דער אויפֿוואַכנדיקער זון האָבן קוים דורכגעבראָכן די וואַנט פֿון דער טראַדיציאָנעל רעליגיעזער קאַבצאָנעס פֿון דעם ליטווישן געטאָ. ס׳האָט דאָרט געפֿעלט דער עלעמענט, וועלכער איז דער אַוואַנגאַרד און דער אויפֿנעמער פֿון אָט די שטראַלן.

קיין אינדוסטריע איז אין ליטע ניט געווען. דער גרעסטער טייל פֿון די ייִדן אין ליטע זײַנען געווען קרעמערלעך און הענדלער און געמאַכט איינער דעם אַנדערן ענג.

קיין אַמעריקע זײַנען יידן געפֿאָרן ווי צו אַ לאַנד פֿון פֿרײַהייט, ווו יעדער בירגער האָט אַ ווערט אַלס מענטש (דער הייפּעך ווי ס׳איז געווען אין רוסלאַנד דאַן). אַמעריקע איז געווען באַקאַנט אַלס נײַ פֿרײַ לאַנד פֿאַר עמיגראַנטן — אַ לאַנד, וואָס שטרעקט אויס אירע יונגע אָרעמס צו עקאָנאָמיש און פּאָליטיש דערשלאָגענע עמיגראַנטן; אַ לאַנד, וואָס גיט און שאַפֿט גרויסע עקאָנאָמישע און קולטורעלע מעגלעכקייטן. אַמעריקע איז געווען פֿאַר די רוסישע פּראָגרעסיווע און האָרעפּאַשנע, פּאָליטיש דערשלאָגענע מאַסן אַ סימבאָל פֿון פֿרײַהייט און גלײַכקייט אָן די איבלען פֿון טראַדיציעס פֿון אַלטערטום, וואָס האָט זיי געשטיקט אין רוסלאַנד. קיין אַמעריקע איז מען געפֿאָרן צו בויען און שאַפֿן פֿאַר זיך און פֿאַר דער מישפּאָכע אַ נײַע היים.

ניט אַזוי איז עס געווען דער פֿאַל מיט די יידן פֿון ליטע, ווען זיי האָבן גענומען פֿאָרן קיין ד״אַ.

אַפֿריקע איז געווען פֿאַר זיי פֿרעמד און איז פֿאַר זיי געווען באַדעקט ווי מיט אַ געדיכטן שלייער. פֿאַר ד״אַ האָט מען זיך געשראָקן. אַפֿריקע האָט ניט גערופֿן. ניט נאָר זי האָט ניט אויסגעשטרעקט אירע אָרעמס פֿאַר די דערשלאָגענע, פּאָליטיש אונטערדריקטע, אָרעמע און פּאָגראָמירטע יידן, נאָר זי האָט ביכלאַל קיין אָרעמס ניט געהאַט פֿאַר אימיגראַנטן. אַפֿריקע איז געווען באַקאַנט אַלס אַ ווײַט, זייער ווײַט, הייס לאַנד, ווו עס געפֿינען זיך ווילדע כאַיעס, ווילדע שוואַרצע מענטשן און אַ סאַך רײַכטי-מער, ווי גאָלד און ברילִיאַנטן. ווילדע לעגענדעס פֿלעגט מען דערציילן וועגן ד״אַ, פּונקט ווי זי וואָלט זיך געפֿונען אויף יענער זײַט סאַמבאַטיען. דער וועג איז אַ דויערנדיקער. וואָכן דאַרף מען זיך שלעפּן אויפֿן גרויסן אָקעאַן און דערנאָך אויף יאַבאָשע, און אַכוץ וואָס מ׳ריזיקירט מיטן לעבן, איז דער וועג אַ שווע-רער. דערפֿאַר אָבער, אַז מ׳קומט שוין דאָרט יאָ אָן בעשאָלעם, שעפּט מען געלט מאַמעש מיט די הויפֿנס. עפּעס ווי אַ מיראַזש פֿון אַן אייצער האָט זיך אַפֿריקע אַנטפּלעקט.

ייִדן פֿון ליטע זײַנען ניט געקומען קיין ד״אַ דערפֿאַר, ווײַל זיי האָבן מער ניט געקענט לעבן אין רוסלאַנד צוליב די פּאָגראָמען און פּאָליטישע אונטערדריקונגען, ווי דאָס איז געווען מיטן גרעסטן טייל רוסישע ייִדן, וועלכע זײַנען געפֿאָרן זוכן אַ נײַע היים אין אַמעריקע און ענגלאַנד. מען איז ניט געפֿאָרן קיין אַפֿריקע שאַפֿן אַ נײַע היים פֿאַר זיך און פֿאַר דער מישפּאָכע. מען איז געפֿאָרן קיין ד״אַ צו קענען אַרויסטרײַבן דעם דאַלעס פֿון דער היים, אָנשעפּן אַ ביסל אָדער טאָקע אַ סאַך געלט און פֿאָרן צוריק אַהיים.

אינטערעסאַנט איז, וואָס די ייִדישע עמיגראַציע פֿון ליטע אין די אַכציקער יאָרן איז געווען גאָר אַ קליינע. גרויס איז זי געוואָרן פֿאַרהעלטניסמעסיק נאָר אין די נײַנציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן י״ה, ווען מען האָט זיך שוין, ווײַזט אויס, איבערצײַגט, אַז ד״אַ איז ניט אַזוי שרעקלעך און ניט אַזוי ווילד, ווי מען האָט זיך עס פֿריער פֿאָרגעשטעלט און מען האָט באַמערקט, אַז די עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן זײַנען גרויסע. די אימיגראַציע איז געווען אַ מערקווערדיקע — אַ מישפּאָכע־ און לאַנדסלײַט־אימיגראַציע. פּאָשעט: יעכידים, וועלכע זײַנען אַהער צופֿעליק געקומען און ס׳איז זיי גוט געגאַנגען (מ׳האָט גוט פֿאַרדינט), האָבן גענומען אַראָפּברענגען קרויווים פֿון שטעטל. די אַריבערגעקומענע קרויווים, ווידער, האָבן אַזוי גיך, ווי זיי האָבן נאָר געקענט, אַראָפּגעבראַכט נאָך קרויווים און לאַנדסלײַט. און אַזוי איז עס פֿאָרגעזעצט געוואָרן, פּונקט ווי איין רינגעלע וואָלט שלעפּן דעם צווייטן רינגעלע אין קייט. אין מאַנכע שטעטלעך אין ליטע איז ניט געווען קיין איינציק הויז, וועלכע האָט ניט געהאַט קיין קרויווים אין דער „גאָלדענער״ מעדינע. דאָס איז געווען די סיבע, וואָס די אימיגראַציע פֿון רוסלאַנד קיין ד״אַ איז געווען אויסשליסלעך פֿון די ליטווישע שטעט און שטעטלעך.

די ערשטע יאָרן זײַנען קיין אַפֿריקע געפֿאָרן נאָר מענער. ס׳האָט גענומען אַ לאַנגע צײַט, ביז די ליטווישע ייִדן האָבן

באשלאָסן צו מאַכן זייער היים אין ד"א, ווען מ'האָט גענומען אַראָפּברענגען זייערע פרויען, קינדער און קאַלעס. אַפילו אין 1904 — ד"ה 22 יאָר נאָך דעם, ווי די ערשטע ליטוויש-ייִדישע אימיגראַציע האָט זיך אָנגעהויבן, איז נאָך געווען 2 מאָל אַזוי פיל מענער ווי פרויען. נעמט מען פון דער ציפער אַרונטער די צאָל פון די ענגלישע און דײַטש-ייִדישע פרויען, באַקומט זיך מער ווי דרײַ ליטוויש-ייִדישע מענער צו איין פרוי. שפּעטער האָט זיך דער פּראָצענט אַלץ מער און מער אויסגעגליכן.

קיין אַמעריקע און לאָנדאָן זײַנען געפאָרן אַ סך פּאָליטיש געריידעפטע פּראָגרעסיווע און אַנטוויקלטע ייִדן. קיין ד"א זײַנען געפאָרן ייִדן פון ליטע, וועלכע האָט זיך געפונען אין אַ סעמי-פעאָדאַלן צושטאַנד. די ייִדן, וועלכע זײַנען געקומען קיין דאָרעם-אַפריקע, באַזונדערס אין לעצטן י"ה, זײַנען געווען אַ רעגרעסיווער, מיטלאַלטערלעכער, לומפּיקער מיטלקלאַס-עלעמענט, קימאַט אָן בילדונג און מיט אַ נידעריקן צושטאַנד פון קולטור. זייער ווייניק פון זיי האָבן באַזוכט מאָדערנע עלעמענטאַרע שולן און נאָך ווייניקער האָבן באַקומען מיטל- אָדער הויכשול-בילדונג. דאָס לעבן אין די ליטווישע קליינע שטעטלעך, פון וואַנען די ייִדן זײַנען געקומען קיין ד"א, איז געווען האַלב אַזיאַטיש צוליב דער שטרענגקייט אין רעליגיע און אַלטע טראַדיציעס. דער כיידער און די ישיווע — זיי האָבן עס געקאָרמעט דעם יונגן דאָר מיט גײַסטיקער שפּײַז.

דער ישיווע האָט מען פיל צו פאַרדאַנקען די גײַסטיקע הינטערשטעליקייט און פאַרקריפּלטקייט פון אַ סאַך ייִדן, וועלכע האָבן פאַרבראַכט זייערע בעסטע יאָרן אין איר. די ישיווע איז געווען אַ מין גײַסטיקער וואַרשטאַט, ווו מען האָט געלערנט דעם יונגן דאָר שטענדיק זוכן און שאַפן גײַסטיקע קאָמבינאַציעס. מען האָט זיי געלערנט דעם „פּאַך" פון גײַסטיקער אַקראָבאַטישער מייאַך-שלײַפעכץ און שפּיצלעך, פון אַבסטראַקטע נאַרישקייטן. אין ישי-

ווע האָט מען געלערנט דעם „פּאַך‟ צו זען קרום גלײַכע אַב־סטראַקטע ליניעס און בייגן זיי.

דרײַ וואָכן פּאָרן קיין ד״א האָט אָן שום ספֿק אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם קליינשטעטלדיקן ליטוויש־ייִדישן עמיגראַנט. זײַן באַגרענעצטער האָריזאָנט ווערט פֿאַרברייטערט. דער דאָזיקער טיפּ עמיגראַנט איז אַ היגטערשטעליקער, ניט געבילדעטער, אַ פֿאַר־אָרעמטער און פֿאַרדײַגעטער, ניט קיין צוגעגרייטער און פֿול מיט שרעק פֿאַר דאָס אומבאַקאַנטע, אָן שום כוש פֿאַר מאָדערנער פּראַקטישקייט און קולטורעלע באַדערפֿענישן. דער באַגאַזש, וואָס אָט דער טיפּ עמיגראַנט ברענגט אַכוץ דאַלעס, איז אָרטאָדאָקסיש־רעליגיעזע געוווינהייטן און טראַדיציעס, ענערגיע און אַמביציע רײַך צו ווערן.

וואָס פֿאַר אַ ווירקונג האָט אויף די עמיגראַנטן די אַפֿרי־קאַנער וואַרעמקייט און קימאַט שטענדיקע זונענשײַן, ווען מען קומט פֿון אַזאַ האַרטן קלימאַט ווי ליטע?!

ליטע, אָדער ליטוואַ — ווי די ליטווינער רופֿן עס — איז ענלעך צום וואָרט ליעטוס, וואָס עס מיינט אין ליטוויש רעגן. די ווינטערדיקע קעלטן און שנייען צוזאַמען מיט די ליטווישע הימלען, וואָס זײַנען אַזוי אָפֿט באַדעקט מיט מאָרע־שווערעדיקע רעגן־וואָלקנס, מאַכן דעם אײַנדרוק, ווי זיי וואָלטן אָפּשפּיגלען די סאַך בלאָטעס פֿון די וועגן און שטעטלעך. אַזעלכע וועטערן שאַפֿן אַ שטימונג פֿון גרויקייט, וואַכעדיקייט און בענקעניש און ווירקן אויף מענטשן אַזוי, ווי דאָס וואָלט אים אײַנגעקאָרטשעט. אַן עמיגראַנט פֿון ליטע, אָנקומענדיק קיין ד״א, דאַרף פֿילן אויף זיך די וואַרעמקייט און באַזונדערס די שעפֿע פֿון זונען־שטראַלן ווי אַ פּראָזשעקטאָר. דאָס רופֿט אַרויס בײַ אים זעלבסטווערדע, וועקט אַ געפֿיל פֿון וועלן אויסגלײַכן זײַן אײַנגעקאָרטשעטקייט און שאַפֿט אַ שטימונג פֿון יאָנטעוודיקייט.

די ענגלענדער, האָלענדער, דײַטשן און אַנדערע (אַרײַנ־רעכענענדיק די ייִדן פֿון אָט די לענדער), ווען זיי קומען קיין ד"אַ, האָבן זיי שוין פֿון פֿריִער אַן אַנונג וועגן די שוואַרצהויטיקע (שוואַרצע), וועלכע געפֿינען זיך דאָ אין לאַנד. זיי ווייסן, וואָס פֿאַר אַ באַציִונג די ווײַסהויטיקע (ווײַסע), די אַזוי גערופֿענע אייראָפּעער, האָבן צו שוואַרצע. זיי האָבן אויך אַן אַנונג וועגן הערשן און וועגן קאָלאָניאַל־פּאָליטיק. זיי האָט מען וועגן דעם געלערנט אין די שולן און זיי האָבן וועגן דעם געלייענט אין די ביכער. גאָר אַנדערש איז עס מיט די ליטוויש־ייִדישע עמיגראַנטן. אין כיידער אָדער אין ישיווע האָט מען דאָך געוויס ניט געלערנט מיט זיי וועגן דעם. און ביכער וועגן שוואַרצהויטיקע מענטשן אָדער וועגן קאָלאָניעס האָבן זיי אויך ניט געלייענט. אַראָפּקו־מענדיק קיין ד"אַ און קומענדיק אין באַרירונג פּאָנים־על־פּאָנים מיט דער שוואַרצהויטיקער מאַסע, ווערן זיי אויף אַ ווײַלע פֿאַרלוירן. איך זאָג: אויף אַ ווײַלע, ווײַל גלײַך ווערט ער דאָך געקרוינט אַלס הערשער אַ דאַנק זײַן ווײַסהויטיקייט, אַלס אייראָפּעער, איבער די אײַנגעבוירענע שוואַרצהויטיקע, וועלכע באַטרעפֿן מער ווי דרײַ פֿערטל פֿון דער באַפֿעלקערונג אין לאַנד. וואָס פֿאַר אַ פּסיכאָ־לאָגישע ווירקונג מוז האָבן דער פֿאַקט, וואָס ייִדן פֿון צאַרישן רוסלאַנד — פּאָליטיש, סאָציאַל און עקאָנאָמיש אונטערדריקטע, באַליידיקטע און פֿאַרשטופּטע — ווערן גלײַך בײַם אַרײַנקומען אין נײַעם לאַנד, צוליבן קאָליר פֿון זייער הויט אַרײַנגענומען אין דעם דאָמינירנדיקן, הערשנדיקן און פּריווילעגירטן טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג? בײַ אים מוז דאָך זײַן עגאָ ווערן היפּאַטראָפֿירט — אַ קרענק, פֿון וועלכער עס לײַדט קימאַט יעדער ווײַסהויטיקער אין ד"אַ. ער ווערט צוזאַמען מיט אַלע ווײַסע אין לאַנד דער פּריווילעגירטער הערשער און פֿאַרשקלאַפֿער פֿון די רעכטלאָזע, אונטערדריקטע, דערשלאָגענע און ניט אַנטוויקלטע מיליאָניקע שוואַרצהויטיקע מאַסן.

ווי בײַ אַלע הערשער און געוועלטיקער איבער שקלאַפן, ווערט אויך בײַ די ד״אַ די זעלבסטווערדע ניט נאָר איבערגעשאַצט, נאָר געשוואָלן. אין דער צײַט, וואָס די שקלאַפן טרוימען און שטרעבן צו באַפרײַונג, לעבן אָט די זעלבסטגעקרוינטע שקלאַפן-הערשער אין אַן אייביקן פּסיכאָז פון שרעק ניט צו פאַרלירן די הערשאַפט, וואָס גיט זיי אַזוי פיל פּריווילעגיעס. אַזאַ צושטאַנד און צוגאַנג צו די שוואַרצהויטיקע מוז טרײַבן די ווײַסהויטיקע צו דעגענעראַציע. די ייִדן פון ליטע זײַנען ניט קיין אויסנאַם, ווײַל זייער שטעלונג און באַציִונג צו די שוואַרצהויטיקע איז די זעלביקע ווי די באַציִונג פון די אַנדערע ווײַסהויטיקע, וואָס וווינען אין ד״אַ.

עקאָנאָמיש

די ייִדן פון ליטע, וועלכע זײַנען געקומען קיין ד״אַ, זײַנען געווען אַ מיטלשטאַנד-עלעמענט. אַן אָרעמער, ניט אַנטוויקלטער, קולטורלאָזער מיטלקלאַס מיטן אויסנאַם פון אַן אומבאַדײַטנדיקן פּראָצענט קוסטאַרן — שנײַדער, שוסטער א״אַנד. די שפּראַך פון לאַנד האָבן זיי ניט געקענט. קיין פאַבריקן ווו זיי זאָלן זיך גלײַך שטעלן אַרבעטן און פאַרדינען און גלײַכצײַטיק זיך אויס-לערנען אַ פאַך, זײַנען ניט געווען, לעהייפּעך צו דעם פאַל מיט די ערשטע רוסישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע אָדער לאָנדאָן, ווו ס׳האָט זיך אַנטוויקלט, לעמאָשל, אַ גרויסע שנײַדער-אינדוסטריע. ניט באַזיצנדיק קיין פאַך און האָבנדיק דעם באַוווסטזײַן, אַז ער האָט ניט קיין צײַט זיך אָפּצוגעבן מיט לערנען אַ פאַך, ווײַל אין דער היים וואַרטן אומגעדולדיק אויף זײַנע באַלדיקע פאַרדינסטן פרוי און קינדער, עלטערן, ברידער און שוועסטער, האָט ער זיך געמוזט כאַפּן צו עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אים גלײַך געבן פאַרדינסט.

בעשאַס די ליטווישע ייִדן זײַנען אַהער געקומען, האָבן זיי געפונען אַ לאַגע, וואָס איז נאָך אין אַ גרויסער מאָס אויך הײַנט: די ענגלענדער זײַנען געווען דער שטאָטישער עלעמענט, די בורן —

דער דאָרפֿישער אָדער קליינשטעטלשער עלעמענט. די הויכע ראַנגען און פּאָזיציעס פֿון סאָציאַלן און עקאָנאָמישן לייטער, קאָמערץ און באַאַמטנטום, זײַנען געווען פֿאַרנומען דורך די ענגלענדער. די גאַר נידעריקערע שטאַפּלען זײַנען געווען פֿאַרנומען דורך דער פּאַסטאָראַלער בורישער און שוואַרצער באַפֿעלקערונג, אַזוי אַז דער גאַנצער מיטן פֿון סאָציאַל־עקאָנאָמישן לייטער איז געווען פֿרײַ. די ייִדן האָבן זיך גוט אַרײַנגעפּאַסט אין דעם גאַנצן ליידיקן מיטן פֿון דעם דאָזיקן סאָציאַל־עקאָנאָמישן לייטער, וועלכן זיי האָבן מיט אַ גיכן טעמפּאָ פֿאַרנומען און זיי האָבן זיך זייער גוט אַרײַנגעפּאַסט אין דער פּרימיטיווער פֿאָרם פֿון האַנדל, וואָס האָט דאַן עקסיסטירט, ווי אויך אין דער אינדוסטריע (וועלכע אין דאַן באַשטאַנען הויפּטזעכלעך פֿון גאָלדגרובן און דימענטן). אַזוי אַרום האָבן זיי אויסגעפֿירט די היסטאָרישע פֿונקציע פֿון דעם מיטלשטאַנד און פֿאַרמיטלער ווי גאַר אַמאָל אין פּוילן, ליטע א״א. לעהייפּעך צו ליטע זײַנען דאַן די מעגלעכקייטן פֿון קרעמערײַ, האַנדל און פֿאַרמיטלערײַ געווען אומבאַגרענעצט. ענערגיע, אַמבי־ציע רײַך צו ווערן און זײַן דערפֿאָלגרײַך האָבן די ייִדן פֿון ליטע געהאַט גענוג. ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט ביז ייִדן האָבן גענומען שטעלן קראָמען, טאָכן, פּעדלען, האַנדלען און ווערן פֿאַרמיטלער פֿון אַלץ און צו יעדן. ייִדישע קראָמען האָבן זיך באַוויזן אומעטום — איבערן גאַנצן לאַנד — אין יעדער שטאָט, שטעטל, דאָרף און סטאַם אַ קראָם אויפֿן פֿעלד אַלס אַ מיטלפּונקט פֿאַר די פּויערים.

ביידע לאַנדשפּראַכן, סײַ ענגליש און בוריש, האָבן זיי זיך שנעל אויסגעלערנט ריידן, ווײַל דאָס איז געווען אומבאַדינגט נייטיק צו כעיונע.

ווי האָבן די ייִדן גענומען געלט אויף צו קויפֿן סכיירע?

גאָר פּאָשעט: אַלס קרעמער האָט ער אויסגענוצט זײַן טאַלאַנט צו קריגן קרעדיטן. ער האָט עס געהאַט צו פֿאַרדאַנקען דער אימי־גראַנטישער אָפּגעזונדערטקייט און איינזאַמקייט פֿון די ליטווישע

ייִדן און דעם סטאַדע־געפיל פון צוזאַמענקייט, פאַרהיטן איינער דעם אַנדערנס אינטערעסן און העלפן איינער דעם אַנדערן.

„בשעת אַ גרינער איד פלעגט אָנקומען אין קייפּטאָן, פלעגט ער געוועהנליך אויפזוכען לאַנדסלײַט אָדער ווײַטיגע קרובֿים לויט די אַדרעסן, וואָס מען האָט איהם פון דער היים מיטגעגעבן. מען פלעגט איהם עמפּפאַנגען מיט רחמנות, פיהרן איהם אין באָד, אום די דריטע מכה צו פאַרטיליגען. אַרײַנפיהרען איהם צו אַ באַר־בער, געבען אַנדערע ריינע בגדים און איהם בײַ זיך אַהיים האַלטען אַ פּאָר וואָכן צײַט ביז ער פלעגט זיך אויסרוהען פון די ווײַטע נסיעה און זיך אַ ביסל אויסגרינען. דאַן פלעגן איהם די לאַנדסלײַט אַרײַנפיהרען בײַ אַ האָלסייל מערטשאַנט, וואו זיי האָבען געהאַט קרעדיט, פלעגען פאַר איהם גוט זאָגען פאַר עטליכע פונט סחורה. זיי פלעגען איהם העלפען אײַנפּאַקן דעם פּעקעל, אויפשרײַבן אויף יעדע שטיקעל סחורה דעם פּרײַז, וואָס איהם קאָסט אַליין, אויך דעם פּרײַז פאַר וויפיל ער זאָל עס פאַרקויפן. אַרויפלייגענדיק איהם דעם שווערען פּאַק אויף דעם רוקען און פעסט צובינדן מיט צוויי ברייטע לעדערנע רימענס, פלעגען זיי איהם ווינשען מזל און ברכה און פלעגען איהם אַרויס־שיקן אין קאָנטרא אַרום קייפּטאָן צווישן די בוערען". (נ. ד. האָפ־מאַן, ספר זכרונות).

ייִדן האָבן גענומען גוט פאַרדינען און שיקן געלט אַהיים. מ'האָט גענומען אַריבערברענגען קרויווים און לאַנדסלײַט, וועלכע קענען פאַרדינען. ייִדן האָבן אַ לאַנגע צײַט זיך געפילט אַלס ניט קיין היגע. דאָך איז מען צוריק אַהיים ניט געפאָרן. ס'האָט זיך ניט געבענקט נאָך דער אַלטער היים און דערצו נאָך האָט מען דאָך דאָ גוט פאַרדינט. טאָ צו וואָס פאָרן אַהיים?

ענדלעך איז מען געקומען צום ענדגילטיקן באַשלוס אין גאַנצן איבערצורײַסן פיזיש מיט דער אַלטער היים. מ'האָט גענומען אַראָפּברענגען די מישפּאָכעס און שאַפן דאָ זייער היים. דערמיט האָט זיך געשאַפן אַ מער סטאַביל, אַ מער אײַנגעפונדעוועט לעבן. די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין לאַנד זײַנען געוואָרן אַזעלכע: די ענגלענדער און די דײַטשע און ענגליש־ייִדישע יעכידים האָבן אָרגאַניזירט די גאָלד־, דימענטן־ און די איבעריקע אינדוסטריעס.

די שוואַרצע, דער אָרעמער בור און אָרעמער ענגלענדער האָבן אין דער אינדוסטריע געאַרבעט, און דער ייִד איז געווען דער הענדלער און צושטעלער פֿון פּראָדוקטן. דאָס זעלביקע איז געווען אויפֿן אַגריקולטורעלן געביט. דער בור איז געווען דער לאַנד־באַזיצער, דער שוואַרצהויטיקער האָט געאַרבעט, און דער ייִד האָט געהאַנדלט מיט די פּראָדוקטן, וואָס דער בור האָט אויסגעאַרבעט און אים האָט ער פֿאַרקויפֿט סכיירעס פֿאַר זײַן — דעם בורס — געברויך.

אַ דאַנק דער גוואַלדיק גרויסער אַנטוויקלונג פֿון דער מאָדערנער טעכניק, גוטער קאָמוניקאַציע און גיכן פֿאַרקער, אַ דאַנק די טרעסטן און קאָאָפּעראַטיוון, ווערן די פֿונקציעס פֿון ייִדן אין ד"אַ אַלס מיטלקלאַס אַלץ וויניקער און וויניקער שטאַנדהאַפֿטיק. אין דעם ניט אַנטוויקלטן צושטאַנד פֿון ד"אַ האָט דער ייִד אַלס פֿאַרמיטלער אויסגעפֿירט אַ נייטיקע פֿונקציע. דער אינזשעניער, דער מײַן־אַרבעטער, דער פּויער מוזן אַלעמאָל זײַן, ווײַל זיי זײַנען אַלעמאָל נייטיק. דער מיטלקלאַס אָבער, אַלס אומפּראָ־דוקטיווער עלעמענט, ווערט וואָס אַמאָל וויניקער נייטיק, און ווען ער איז ניט נייטיק ווערט ער באַטראַכט פֿאַר שעדלעך. כוץ די פֿרײַע פּראָפֿעסיעס, אין וועלכע די ייִדן זײַנען זייער שטאַרק פֿאַרטראָטן, האָבן ייִדן די לעצטע יאָרן גענומען נעמען אָנטייל מער און מער אין אַ סאַך צווײַגן פֿון דער אינדוסטריע און פּראָ־דוקציע, באַזונדערס אין דער מיטלבאַרער (Secondary) אינדוסטריע— ניט אַלס אַרבעטער, נאָר אַלס פֿאַבריקאַנטן. זיי האָבן דער־פֿאָלגרײַך אַריבערגעהויבן זייער מיטלשטאַנד פֿון האַנדל אין דער אינדוסטריע. דער פּראָצענט פֿון ייִדישע אַרבעטער אין ד"אַ איז ניט באַדײַטנדיק, ער איז קליין אין פֿאַרגלײַך מיטן גוואַלדיק גרויסן פּראָצענט פֿון מיטלקלאַס. די פֿירמע, וואָס הייסט מיטלקלאַס און אין וועלכער די ייִדן זײַנען פֿאַרטראָטן מיט מער ווי 80 פּראָצ' פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין ד"אַ, גייט פֿון טאָג צו טאָג געענטער עקאָנאָמיש צו באַנקראָט.

די קעגנזײַטיקע באַציונגען צווישן ייִדן און בורן און צווישן ייִדן און ענגלענדער

דער ליטווישער ייִד האָט זיך גאָר ווייניק אַסימילירט סײַ אַמאָל און סײַ הײַנט צווישן זײַנע מיטבירגער—די בורן און ענגלענדער. זײַן אָפּגעשטאַנענקייט, די פֿעסטע רעליגיעזע טראַדיציעס האָבן געשאַפֿן פֿאַר אים אַ צוים פֿון מוירע, אַ מין טאַבו. די סינע און אומצוטרוי צום ניט־ייִדן, וועלכע ער האָט געבראַכט פֿון זײַן אַלטער היים, האָט אים ניט צוגעלאָזן זיך צו אַסימילירן. אין פּריוואַטן לעבן האָט ער ניט געהאַט קיין קאָנטאַקט מיט די ניט־ייִדן. ער האָט אויסגעלעבט זײַנע ניט־אַרבעטשאָען מיט ייִדן און מיט טראַדיציעס פֿון דער היים. גײַסטיק האָט ער געלעבט מיט דער אַלטער היים און האָט זיך שטאַרק גערעכנט מיט דער מיינונג, קאָנווענציעס און טראַדיציעס פֿון זײַן ייִדישער געזעלשאַפֿט. די געמישטע כאַסענעס, וועלכע זײַנען יאָ פֿאָרגעקומען אין די לעצטע יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט און אין אָנפֿאַנג פֿון איצטיקן יאָרהונדערט, זײַנען ניט געווען קיין רעזולטאַט פֿון אײַנגעלעבטקייט מיט מענטשן, אָדער פֿון אַסימילירן זיך אין דער נײַער סוויווע. פּאָשעט: ס'זײַנען ניט געווען קיין ייִדישע מיידלעך אין די פֿאַרוואָרפֿענע ערטער, וווּ אַ סאַך יונגע לײַט זײַנען געווען. האָט מען כאַסענע געהאַט מיט ניט־ייִדישע מיידלעך.

פּויערים אין דער גאָרער וועלט זײַנען באַקאַנט אַלס פּאָשעטע און גאַסטפֿרײַנדלעכע מענטשן. די בורן, פֿון וועלכע דער גרע-

סטער טייל זײַנען פּויערים, זײַנען געווען נאָך מער גאָסטפּרײַנד־לעך, ווי די דורכשניטלעכע פּויערים פֿון דער וועלט.

פֿאַר וואָס? די קלימאַטישע באַדינגונגען פֿון לאַנד שאַפֿן אַ טענדענץ צו פֿאַרשלעפּערן די ענערגיע. די טענדענץ האָט געווירקט צום שטאַרקסטן אויף די פּויערים דערפֿאַר, ווײַל די פֿעלדאַרבעט ווערט מערסטנטייל געטאָן דורך די שוואַרצהויטיקע. דאָס גיט דעם פּויער די מעגלעכקייט צו האָבן אַ סאַך פֿרײַע צײַט. צווייטנס באַטראַכטן די בורן (און די ווײַסהויטיקע פּויערים ביכלאַל) די שוואַרצהויטיקע, וועלכע אַרבעטן פֿאַר זיי, אַלס ניט קיין גלײַכן צו זיי, מיט וועמען מען דאַרף (כאָטש געבן באַפֿעלן פֿאַר אַרבעט) קיין שום אייסעק ניט האָבן. זיי באַטראַכטן די שוואַרצהויטיקע פֿאַר מינדערווערטיקע באַשעפֿענישן, וועלכע זיי האַסן. זייער שטאָלץ און גײַוועדיקע איבערשאַצונג פֿון זייער ווײַסהויטיקייט אַלס הערשנדיקע ראַסע לאָזט זיי ניט באַפֿרײַנדן זיך מיט די שוואַרצהויטיקע, וועלכע אַרבעטן פֿאַר זיי. דריטנס: די גרויסע שטאָכים ערד, וואָס האָבן אָפּגעשיידט איין בור פֿון צווייטן, האָבן געשאַפֿן בײַ די בורן אַ בענקשאַפֿט און נײַגעריקייט נאָך מענטשן (ווײַסע, נאַטירלעך) צו לינדערן זייער איינזאַמקייט. דאָס, גלייב איך, זײַנען די סיבעס, פֿאַר וואָס די בורן זײַנען געווען אַזוי גאַסטפֿרײַנדלעך.

מיט אָט די גאַסטפֿרײַנדלעכע פּאַסטאָראַלע בורן האָבן די ליטווישע ייִדן געקענט זייער לײַכט זיך אײַנלעבן. די בורן האָבן אויפֿגענומען די ייִדן מיט אָפֿענע און פֿרײַנדלעכע אָרעמס. איין קלייניקייט! די קינדער פֿון פֿאָלק, וואָס האָט געגעבן דער וועלט די ביבל! די ביבל איז דאָך געווען בײַ די בורן, אַפֿילע ביז מיט עטלעכע צענדליגג יאָר צוריק, אַן אומבאַדינגט וויכטיקע און הייליקע נויטווענדיקייט פֿאַר יעדן בורישן הויז. די גאַנצע גײַסטיקע יעניקע פֿלעגט מען דאָך ציִען פֿון דער ביבל. דער בור האָט דעם ייִדן רעספּעקטירט. ער האָט אָנערקענט זײַנע פֿעיִקייטן, זײַן דערפֿאַרונג, זײַן וואַכזאַמקייט, ניכטערקייט און ענערגישן

טעמפּעראַמענט. אין פֿאַרגלײַך צום ענגלענדער האָט דער בור באַטראַכט דעם ייִדן ווי ניט קיין גרעסערן פֿון אים. דער בור האָט געקענט זיך צוזאַמענרײדן מיטן ייִדן. ער פֿלעגט באַוווּנ־דערן דעם ייִדנס גוט קענען דעם אַלטן טעסטאַמענט און ער פֿלעגט שטאַרק האַנאַע האָבן פֿון דעם ייִדנס מײַסעלעך. נאָך אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר, וואָס האָט דערנעענטערט דעם בור צום ייִדן איז דאָס, וואָס צום ענגלענדער האָט דער בור זיך באַצויגן מיט פֿרעמדקייט, סינע און אומצוטרוי. די בורן האָבן מוירע גע־האַט פֿאַר די ענגלענדער, ווי פֿאַר אַ כיטרען שטאָטישן עלעמענט. דעריבער האָט ער דעם ענגלענדער ניט געגלייבט. אַגעוו האָבן זייער ווייניק ענגלענדער געקענט ריידן די שפּראַך פֿון די בורן.

אַלע ניט־בורן זײַנען באַטראַכט געוואָרן אין דער בורן־רעפּובליק אַלס אויסלענדער, וועלכע זײַנען ניט געווען באַליבט. מען האָט זיי באַטראַכט אַלס ניט געוווּנטשענע שכיינים, וועלכע ווילן זאָגן אַ דייע, פֿאַרכאַפּן פּאָזיציעס און אָפּשוואַכן די מעמשאָלע פֿון דער בורישער רעפּובליק. די בורן האָבן געהאַט אַ טאָפּלטע שרעק פֿאַר די אויסלענדער, דערהויפּט פֿאַר די ענגלענדער. ערשטנס איז דאָס געווען די שרעק פֿון אַן אומדערפֿאַרענעם, אומפּראַקטישן אין וועלטלעכע איניאָנים פּויערים־עלעמענט קעגן דעם געשײַטן, מער געבילדעטן, פּראַקטישן שטאָטמענטש. צווייטנס איז דער ענגלענדער ניט געקומען אין דער בורישער רעפּובליק ווי אַ פּאַסיווער אימיגראַנט. די זוכענישן, דאָס געפֿינען און עקספּלאָאַטירן דאָס גאָלד און אַנדערע מינעראַלן אין דער טראַנסוואַ־לער רעפּובליק האָט געוואָרפֿן אַ כשאַד און מוירע אין דער בורישער רעפּובליק. דעם ליטווישן ייִדן האָבן די בורן ניט באַטראַכט ווי אַן אַגרעסיוון אויסלענדער, פֿאַר וועמען מען זאָל דאַרפֿן מוירע האָבן. די ליטווישע ייִדן האָבן דאָך ניט קיין אימפּע־ריאַליסטישע שטרעבונגען און דערצו נאָך זײַנען זיי דאָך קינדער פֿון פֿאָלק, וואָס האָט געגעבן די ביבל. די בורן האָבן געגאַרט נאָך דער פֿרײַנדשאַפֿט פֿון די ליטווישע ייִדן מיט דער האָפֿענונג,

אַז זיי וועלן זיך אײַנלעבן און ווערן אַ טייל פֿון זיי. דער פֿאַקט, וואָס דער ייִד האָט זיך לײַכט אויסגעלערנט די בורישע שפּראַך און זײַן לײַכטער און היימישער צוגאַנג צו די בורן, האָט געשאַפֿן אָט די מיינונג וועגן די ייִדן בײַ די בורן. ווי אַ נאַיִווע ראָמאַנטישע מיידל, וועלכע וויל זיך פֿאַרליבן אין אַ מאַנסביל, און דער מאַנסביל ענטפֿערט איר אָנשטאָט מיט ליבע און צערטלעכקייט: „איך האָב אַ ווײַב און קינד, אַ היים. איך בין דאָ ניט געקומען זיך צו פֿאַרליבן אָדער געליבט צו ווערן. איך בין געקומען אײַך צו פֿאַרקויפֿן אָדער פֿון אײַך צו קויפֿן סכיירע" — אָט אַזוי אומגעפֿער איז געווען די באַציִונג פֿון ייִד צום בור אַלס צו אַ לאַנדמענטש, וועמען מען קען צושטעלן סכיירעס, וואָס ער דאַרף, אָדער קויפֿן בײַ אים דאָס וואָס ער, דער פּויער, האָט צום פֿאַרקויפֿן.

אין „דרום־אַפֿריקע" (מײַ 1923) גיט א. מ. פּינקוס אין זײַנעם אַן אַרטיקל פֿאָלגנדיקן בילד: „...קולטורעל איז דער בור נאָך מער אָפּגעשטאַנען געווען ווי עקאָנאָמיש. נײַס פֿון דער אויסערער וועלט זײַנען אָנגעקומען זעלטן, צײַטונגען זײַנען געווען אַ יקר המציאות". „...די פֿאַרמערס האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט ניט נאָר פֿון דער גרויסער וועלט, נאָר אַפֿילו פֿון די אייגענע דרום־אַפֿריקאַנער גרעסערע צענטרען". „...אויף דער סצענע קומט אָן דער ייִד „דער פּיאָנער פֿון האַנדל און פֿינאַנץ" מיט אַ פּאַק אויף דער פּלייצע, וווּ עס געפֿינט זיך מכל טובֿ: קעמלעך, בערשטלעך, ליכט, שוועבעלעך, אַ זייגערל, אַ פּאָר הויזן, אַ הוט, אַ בלוזקע און נאָך אַזוינע פּראָדוקטן פֿון דער ציוויליזאַציע. דאָ האָט דער אָנבאָט באַשאַפֿן אַ נאָכפֿראַגע. באַלד געפֿינען זיך בײַם בור אין הויז אַזעלכע חפֿצים, פֿון וועלכע ער האָט פֿריִער ניט געחלומט".

ווי שוין געזאָגט, איז דער ליטווישער ייִד געקומען אָנזאַמלען געלט און פֿאָרן צוריק אַהיים. די פֿראַגע וועגן אײַנבירגערן זיך מיט די בורן איז פֿאַר אים גאָרניט געשטאַנען. אים

האָט נאָר אינטערעסירט דאָס קענען צופּאַסן זיך צו די בורן און צו די נײַע באַדינגונגען. דער ייִד האָט זיך באַטראַכט אַלס מער אַנטוויקלטער און פּעיִקערער אין פאַרגלײַך מיט די בורן, ווען ער האָט געהאַלטן פאַר אַ הינטערשטעליקן עלעמענט, מיט וועלכן ער האָט געמיינזאַמס נאָר געשעפטלעך.

שפּעטער צו האָבן די ליטווישע ייִדן שוין גענומען שאַפן זייער היים אין דראָרעם־אַפריקע ניט נאָר אין די שטעט און שטעטלעך, נאָר אַ טייל פון זיי האָט זיך גענומען באַזעצן אויפן לאַנד צווישן די בורן, וווּ זיי האָבן געקרעמלט און געהאַנדלט. זיי זײַנען אָבער פאַרבליבן צווישן די בורן אַלס אַ שטאָטישער עלעמענט אין אַ ניט־שטאָטישער סוויווע. זיי האָבן זיך ניט אַסימילירט מיט די בורן ניט אידעאָלאָגיש און ניט פיזיש. זייערע קינדער, אויב זיי האָבן נאָר געהאַט אַ מעגלעכקייט, האָבן זיי געשיקט אין די שטעט לערנען און שטודירן און דערצו נאָך אויסשליסלעך אין ענגלישע שולן. די ייִדן האָבן געלעבט און געטראַכט אַנדערש ווי די בורן. די פרײַנדלעכע באַציִונגען צווישן די בורן און די ייִדן זײַנען אַלץ מער און מער אָפּגעקילט געוואָרן. זיי האָבן גענומען באַמערקן, אַז כאָטש האַנדל ווערן זיי ניט דערנעענטערט און ניט באַפרײַנדט, ווײַל דער ייִד איז אַ שטאָטישער עלעמענט — ניט קיין פּויערישער. די שטאָט איז אַלעמאָל באַטראַכט געוואָרן אַלס סימבאָל פון ענגליש און ענגלישער קולטור, צו וועלכער די בורן האָבן זיך באַצויגן מיט פײַנדשאַפט. די אויבן דערמאָנטע שטעלונג צוזאַמען מיט דעם פאַקט, וואָס די פּאָליטיק פון די בורן איז אַלעמאָל געווען אַנטאַגאָניסטיש צו די עלעמענטן, וועלכע זײַנען פּראָ־ענגליש, ווײַל זיי האָבן שטענדיק מוירע ניט צו ווערן קיין מינאָריטעט בײַ די פּאַרלאַמענט־וואַלן (דאָס איז די סיבע, וואָס זיי זײַנען קעגן אַ גרויסער אימיגראַציע)— האָט דערגרייכט אַזאַ אַנטי־ייִדישע שטעלונג מיצאַד די בורן, אַז אין יאָר 1930 איז דורכגעפירט געוואָרן אַ געזעץ פון דער בורישער רעגירונג (אַגעוו זײַנען בלויז עטלעכע ענגלישע

פארלאמענט־מיטגלידער געווען קעגן דעם אנטי־ייִדישן געזעץ), וואָס באַגרענעצט שטאַרק דעם אַרײַנפֿאָר פֿון די מיזרעך־ייִדן (קוואָטע־געזעץ).

אַפּילע אין דער געגנט, ווו אַ היפּשע צאָל ליטווישע ייִדן האָבן זיך באַזעצט אַלס פּויערים אין בורישער שכײַנעשאַפֿט, ווערן זיי אויך באַטראַכט אַלס אַ שטאָטישער עלעמענט, האַגאַם ניט אין דער זעלבער מאָס, ווי דער ייִדישער קרעמער און הענדלער (אַגעוו האָבן די בורן אַן ענלעכע באַציִונג צום ענגלישן פֿאַרמער אויך). עס פֿילט זיך גאַנץ בוילעט אַ פֿרעמדקייט און ניט־כאַווע־רישע פּויערים־אײַנגעלעבטקייט צווישן דעם בורישן און ייִדישן פֿאַרמער. בײַם צווייטן דאָר וועט זיך עס פֿילן ווייניקער, ווײַל דער איצטיקער ייִדישער פֿאַרמער קומט דאָך פֿון אַן אַנדער לאַנד און אַן אַנדער סוויווע. ער ציט זײַן גײַסטיקע יעניקע פֿון שטאָט. דער ייִדישער פּויער האָט אַרײַנגעבראַכט אין זײַן נײַעם אָרט פֿאַרם־לעבן געשעפֿטסמעסיקייט, שטאָטישקייט און האָט גלײַך אַדאָפּטירט מאָדערנע מעטאָדן אין זײַן פּויערישקייט. אויפֿן לאַנד, אַלס פּויער, לעבט דער ייִד, ווי ווײַט עס לאָזט זיך, אַ שטאָטישן אָדער שטעטלשן שטייגער לעבן, וואָס איז גאָר אַנדערש ווי זײַן שאָכנס, דעם בורס.

בעשאַס די ליטווישע ייִדן האָבן גענומען אַרײַנקומען אין ד״אַ אין אַ גרעסערער צאָל, האָבן עס די ענגלענדער ניט געוואָלט לײַדן. אין אָנפֿאַנג פֿון די נײַנציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונ־דערט האָט מען אויפֿגעהויבן אַן אַגיטאַציע קעגן „דער פֿאַרפֿליי־צונג פֿון רוסן״. די ענגלענדער האָבן געקוקט אויף די ליטווישע ייִדן פֿון אויבן אַראָפּ און באַטראַכט זיי אַלס געטאָ־ און אומקול־טורעלן מיזרעך־טיפּ, וועלכער האָט רעליגיעזע מינהאָגים און מאַ־ניערן, וואָס זײַנען פֿרעמד דעם ענגלענדער. זיי האָבן באַטראַכט דעם ייִדן אַלס אַ פּאָטענציעלן קאָנקורענט.

עס האָט ניט לאַנג גענומען און מיסכער האָט זייביידן דערנעענטערט. די ענגלענדער האָבן גענומען מער טאָלערירן דעם ליטווישן ייִדן און אָנערקענט די געשעפֿטס־פֿעיִקייטן פֿון די דערפֿאָלגרייכע. נאָך אַ פֿאַקטאָר, וואָס האָט מיטגעווירקט צו דער טאָלעראַנץ, איז דער פֿאַקט, וואָס ליטווישע ייִדישע אימיגראַנטן זיינען ווייסהויטיקע — אין אַ לאַנד, וווּ ווייסהויטיקייט איז ניט נאָר אַ פּריווילעגיע, נאָר דער סימען פֿון העכערשנדיקן איבער די שוואַרצהויטיקע. אָבער אויסער געשעפֿט האָבן זיי זיך געהאַלטן פֿון דער ווייטן. די שטעלונג איז געווען: קאַלט, פּראַקטיש און טאָלעראַנט. די ענגלענדער האָבן שטענדיק באַטראַכט דעם ליטווישן ייִדן אַלס „פֿאָרעינער", וואָס עס מיינט מער ווי אַן אויס־לענדער — איינער ניט פֿון זיי. אַפֿילו נאַטוראַליזירטע ייִדן, וועלכע האָבן שוין דאָ געלעבט צענדליגגער יאָרן, ווערן באַטראַכט אַלס „פֿאָרעינערס". די ליטווישע ייִדן, וועלכע זיינען יאָ אַריינ־געדרונגען אין דער ענגלישער קאָמערץ, געזעלשאַפֿטלעכע און קולטורעלע קרייזן, איז עס געלונגען אַ דאַנק זייערע פֿעיִקייטן און דערפֿאָלגרייכער אַסימילירונג מיט דער ענגלישער געזעלשאַפֿט. די ענגלענדער האָבן זיך קיין מאָל ניט צוגעפּאַסט און קיין מאָל ניט געהאַט קיין פֿאַרלאַנג זיך צוצופּאַסן צו די ייִדן. די ליטווישע ייִדן האָבן זיך שטענדיק צוגעפּאַסט צו די ענגלענדער.

די ליטווישע ייִדן האָבן זיך געטוליעט צו די ענגלענדער צוליב פּראָטעקציע. זיי האָבן געדאַרפֿט אָנקומען צו די ענגלענדער סיי צוליב געשעפֿט און סיי אַמטלעך. אין דער צייט, ווען די ליטווישע ייִדן זיינען געווען קולטורעל העכער און ביכלאַל מער וועלטלעך פֿון די פּאַסטאָראַלע בורן, האָבן זיי אינסטינקטיוו געפֿילט, אַז די ענגלענדער זיינען מער קולטורעל און וועלטלעך. זייער איבערטריבענער פּראַקטישער כוש, קענטיק, האָט זיי געטריבן צו גרויס רעספּעקט און דרערך־ערעץ פֿאַר די פּראַקטישע וועלט־לעכע ענגלענדער. דערפֿאַר, עפּשער, האָבן די ייִדן אַלעמאָל געוואָלט זיי געפֿעלן און געשטרעבט זיי נאָכצומאַכן און צו זיין ווי

די ענגלענדער ניט נאָר אין מאַניערן און נעמען, נאָר אויסערלעך אין אַלץ. דאָס האָט נאַטירלעך געטריבן צו פאַרקריפּלטער קאַרי־קאַטורישער אויסערלעכער פאָרם צו אַסימילירן זיך מיט די ענגלענדער. אויב די ליטווישע יידן האָבן אַליין ניט געלערנט די ענגלישע שפּראַך און ליטעראַטור, האָבן זיי געשיקט זייערע קינדער אין די ענגלישע שולן און אוניווערסיטעטן. די ענגלישע שפּראַך און קולטור איז געוואָרן קימאַט אויסשליסלעך די שפּראַך און קולטור פון ליטווישן יידנס קינדער. זיי האָבן ניט געלערנט זייערע קינדער יידיש — די שפּראַך, אויף וועלכער זיי און זייערע עלטער־עלטער־זיידעס האָבן גערעדט. אין הילכעס רעליגיע האָבן די ליטווישע יידן ניט נאָר פרייוויליק זיך ניט אַסימילירט, נאָר פאַרקערט: זיי האָבן אַקשאָנעסדיק געקעמפט קעגן וועלכער ניט איז אַסימילאַציע און געשיקט זייערע קינדער אין רעליגיעזע אַנשטאַלטן אָדער צו ראַבייאים. דער פאַקט, וואָס דער נייער דאָר ליטווישע יידן האָט זיך ווייניק אַסימילירט, איז נאָר אַ דאַנק דער ווירקונג פון דער היים־סוויווע, הויפּטזעכלעך די ספּעצי־פישע יידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און — דאָס, וואָס די ענגלענדער לאָזן זיי ניט, אַזוי צו זאָגן, זיך אַסימילירן צווישן זיי.

די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן די רוסישע יידן און די ענגליש־דייטשע יידן

גלייך ביים אָנקומען אין דאָרעם־אַפריקע פון די ערשטע צענדליגער רוסיש־ליטווישע יידן, האָבן זיך גענומען שאַפן קאָנ־פליקטן מיט די ענגליש־דייטשע יידן. די ענגליש־דייטשע יידן זיינען געווען איינגעבירגערטע, פּאַטריאָטישע בירגער און האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט. עקאָנאָמיש זיינען זיי געווען פאַרהעלטניסמעסיק אין אַ גוטער לאַגע. זיי זיינען געווען קולטורעל, געבילדעט און דיסציפּלינירט.

זייער אָנגעהעריקייט צו יִדן איז געווען דערהויפּט אַ רעליגיעזע
זיי זײַנען געווען ענגלענדער און דײַטשן פֿון יִדישן גלויבן.
זייער מוטערשפּראַך איז געווען נאָר ענגליש פֿאַר די ענגלישע
יִדן און דײַטש פֿאַר די דײַטשע יִדן. העברעיִש איז די הייליקע
שפּראַך, אין וועלכער זיי האָבן טפֿילע געטאָן צו גאָט. רעליגיעזע
איניאָנים האָט מען איבערגעלאָזן דעם „רעווערענד" און דער
אויטאָריטעט איז געווען לאָנדאָן, וווּ עס געפֿינט זיך דער הויפּט־
ראַבינער פֿון דער ענגלישער אימפּעריע, פֿון וועלכער ד"אַ איז
אַ טייל.

מיט שאַנד און פֿאַראַכטונג האָבן זיי באַטראַכט דעם אָרעמען,
דערשלאָגענעם, קליינשטעטלשן פֿאַנאַטיש רעליגיעזן רוסיש־יִדישן
עמיגראַנט, ווי אַן אומגעבילדעטן, אומדיסציפּלינירטן און ווי
אַ מענטשן פֿון אַ נידעריקערער קאַטעגאָריע, מיט וועמען זיי האָבן
גאָרנישט געמיינזאַמס. דערקעגן די רוסיש־יִדישע עמיגראַנטן
האָבן ניט בייז באַטראַכט די ענגליש־דײַטשע. זיי האָבן באַטראַכט
די ענגליש־דײַטשע יִדן ווי אַריסטאָקראַטישע געווירישע אַסימי־
לירטע יִדן. זיי האָבן געוווּסט, אַז די ענגליש־דײַטשע יִדן שעמען
זיך מיט זיי און ווילן זיי ניט אָנערקענען אַפֿילו פֿאַר ווײַטע
קרוֹיווים. זיי האָבן געוווּסט, אַז די ענגליש־דײַטשע יִדן זײַנען
געבילדעט און וועלטלעך, אָבער זיי האָבן געהאַט אַ טרייסט,
אַז אין הילכעס געמאָרע און רעליגיעזע איניאָנים ווייסן די פֿאַר־
גוייִשטע יִדן, ווי די קאַץ. די ערשטע באַגעגעניש און קאָנפֿליקט
איז געווען אין דער סינאַגאָגע. די רוסישע יִדן, רעליגיעז און
שטרענג אָרטאָדאָקסישע, האָבן זיך ניט אונטערגעוואָרפֿן דער
דיסציפּלין פֿון דער אָרגאַניזירטער סינאַגאָגע, וווּ מ'האָט מער
אויפֿמערקזאַמקייט אָפּגעגעבן אויף רעליגיעזע מאַניערן און פּינקט־
לעכקייט, ווי צו רעליגיעזע ריטואַלן גופֿע, וועלכע ווערן לויט דער
מיינונג פֿון די רוסיש־ליטווישע יִדן שטאַרק פֿאַרנאַכלעסיקט.
אָנשטאָט אַ ראָוו מיט אַ באָרד און פּייעס, מיט אַ לאַנגער זופּעצע,
וועלכער קען גוט לערנען און לערנט טאַקע אַ סאַך געמאָרע,

האָבן זיי פֿאַר זיך געזען אַ „רעווערענד", וועלכער דערמאָנט מערער אָן אַ גאַלאַך ווי אָן אַ ראָוו. זיי האָבן קיין צוטרוי ניט געהאַט צו דער קאַשרעס פֿון דעם שויכעט. זיי איז ניט געפֿעלן געווען די אויספֿירונג פֿון די רעליגיעזע ריטואַלן. זיי האָבן קיין צוטרוי ניט געהאַט צו דער אויספֿירונג און אויפֿפּאַסונג פֿון דער ייִדישער רעליגיע פֿון די ענגליש-דײַטשע ייִדן און האָבן געקוקט אויף דעם, ווי דאָס וואָלט דורכגעפֿירט געוואָרן דורך קאַראַימען, אָדער ווי גויִים וואָלטן פּראָוון דעם סיידער. די רוסישע ייִדן האָבן רעוואָלטירט. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און זיי האָבן געשאַפֿן אַן אייגענעם אָרט, ווו צו דאַווענען, אַן אייגענעם שויכעט אאַז"וו. דערמיט האָבן זיי געבראָכן די רעליגיעזע אייניקייט, די דיסציפּלין און אויטאָריטעט פֿון ענגלישן הויפּט-ראַבינער. די ענגליש-דײַטשע ייִדן האָבן דאָס באַטראַכט ניט ווי אַ רעליגיעזן, נאָר ווי אַן אַלגעמיינעם דיסציפּלין-פֿאַרראַט מיצאַד די מיזרעך-ייִדן. די גאַנצע צײַט זײַנען פֿאָרגעקומען קאָנפֿליקטן און בייז בלוט האָט געהערשט צווישן די ענגליש-דײַטשע און די רוסישע ייִדן.

לואי הערמאַן באַמערקט פֿאַרבײַגייענדיק בײַם ענדע פֿון זײַן „אַ היסטאָריע פֿון די ייִדן אין ד"אַ ביז 1895", אַז די באַציִונגען פֿון די ענגליש-דײַטשע ייִדן מיט די רוסישע ייִדן זײַנען געווען אַזוי שלעכט, אַזביידע עלעמענטן זײַנען געוואָרן קעגנזײַטיקע אַנטיסעמיטן. עס איז עמעס, אַז זיי האָבן זיך איינע די אַנדערע געהאַסט, אָבער אַנטיסעמיטיש, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, איז די באַציִונג געווען נאָר פֿון איין צאַד — פֿ'ן די ענגליש-דײַטשע ייִדן צו די רוסישע ייִדן, וועלכע האָבן גוט געוווּסט, אַז די ענגליש-דײַטשע ייִדן האַסן און פֿאַראַכטן זיי און באַטראַכטן זיי אַלס מענטשן פֿון אַ נידעריקער מאַדרייגע. די ליטווישע ייִדן האָבן דאָס, נאַטירלעך, ניט געוואָלט לײַדן. דער קאָנפֿליקט איז אָנגעגאַנגען. די ענגליש-דײַטשע ייִדן האָבן געפֿילט, אַז די רוסישע, אָדער בעסער געזאָגט: די מיזרעך-ייִדן, קאָמפּראָמיטירן זיי אין די אויגן פֿון די ענגלענדער: די מיזרעך-ייִדן האָבן

אַ פֿאָלקסשפּראַך און ליטעראַטור (ד״ה, אַז ייִדן האָבן אַ וועלט־לעכע שפּראַך) און דער איקער דער פֿאַקט, וואָס די מיזרעך־ייִדן פּראָקלאַמירן, אַז ייִדן זײַנען אַ פֿאָלק און ניט קיין רעליגיעזע סעקטע. די ענגליש־דײַטשע ייִדן האָבן אַלעמאָל געקוקט מיט פֿאַראַכטונג און פֿון אויבן אַראָפּ אויף די רוסישע ייִדן. ס'האָט אַלעמאָל געהערשט אַ מעכיצע סײַ אין געזעלשאַפֿטלעכן און סײַ אין פּריוואַטן לעבן. אָט די אַנטאַגאָניסטישע באַציִונגען מיצאַד די ענגליש־דײַטשע ייִדן צו די מיזרעך־ייִדן האָבן אָנגעהאַלטן ביז גאָר, גאָר ניט לאַנג. צוליב דעם פֿאַקט, וואָס לעצטנס האָבן די רוסישע ייִדן זיך מער אַסימילירט אין שפּראַך, מאַניערן און געשעפֿט־איניאָנים, האָבן זיי זיך דערנעענטערט צו די ענגליש־דײַטשע ייִדן. גלײַכצײַטיק זײַנען די ענגליש־דײַטשע ייִדן געוואָרן מער באַוווסטזיניק דורך דעם פֿאַקט, וואָס זיי ווערן ניט באַטראַכט אַלס 100פּראָצענטיקע ענגלענדער אָדער דײַטשן. דער פֿאַקט, וואָס די ענגליש־דײַטשע ייִדן ווערן ניט אויסגעמיטן דורכן פֿאַר־ביסענעם אַנטיסעמיטיזם און דורך דער אַנטי־ייִדישער וואַקכאַ־נאַליע אָן אונטערשייד פֿון מיזרעך־ אָדער מײַרעוו־ייִד — דאָס האָט ניט נאָר אָפּגעשאַפֿן דעם שאַרפֿן אַנטאַגאָניזם און פֿאָראורטייל, נאָר האָט זיי דערנעענטערט געזעלשאַפֿטלעך און אויך אויף אַ סאַך געביטן פֿון ייִדישן לעבן אין דאָרעם־אַפֿריקע.

קולטור=צושטאַנד

אין דער צײַט, ווען די ליטווישע ייִדן האָבן גענומען אַרײַנקומען אין דאָרעם=אַפֿריקע, האָט געהערשט אַ היסטערישער בעהאָלע=צושטאַנד פֿון אייצרעס=דערוואַרטונגען בײַ אַ גרויסן טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג, וואָס אין איר סוויווע האָבן די ייִדישע אימיגראַנטן גענומען זיך באַזעצן. ס'האָט געהערשט אַ שטימונג פֿון אַ „מײַנינג=קעמפּ" (אַ מינען=לאַגער) = פּסיכאָלאָגיע, ווײַל די אויפֿמערקזאַמקייט און האָפֿענונג איז געווען קאָנצענטרירט ניט נאָר אויף די גאָלדגרובן, וואָס מ'האָט געפֿונען אַרום יאָהאַנעסבורג, נאָר אויך אויף דערוואַרטונגען פֿון נײַע אַנטדעקונגען.

אין אַזאַ מעהומע=צושטאַנד האָבן זיך די ליטווישע קליינשטעטלשע ייִדן, ניט קענענדיק ענגליש, בוריש און ניט די באַנטושפּראַכן, געדאַרפֿט צופּאַסן צו די נײַע באַדינגונגען און אײַנאָרדענען זיך ווי ניט איז. קיין רעגירונגס=אַפּאַראַט אָדער געזעלשאַפֿטן, וועלכע זאָלן זיי שטיצן און באַהילפֿיק זײַן מיט ראַט און טאַט, — וואָס זאָל זייער ענערגיע פֿירן אין אַ געוויסער עקאָנאָמיש=סיסטעמאַטישער ריכטונג, וואָס זאָל זײַן אין איינקלאַנג און געמיינשאַפֿטלעך סײַ פֿאַר די אינטערעסן פֿון דער געזעלשאַפֿט און סײַ פֿאַר די ייִדישע אימיגראַנטן — זײַנען ניט געווען. די נײַ אַריבערגעקומענע ייִדישע אימיגראַנטן האָבן גלײַך געמוזט נעמען זיך צו טאָן עפּעס וואָס, קעדיי צו פֿאַרדינען, ווײַל אין דער היים האָבן אומגעדולדיק געוואַרט ווײַב און קינדער אָדער עלטערן אויף דעם אַוועקגעפֿאָרענעמס ערשטע פֿאַרדינסטן. דעריבער האָבן די נײַ אַריבערגעקומענע ייִדישע אימיגראַנטן ניט געהאַט קיין מעג=

לעכקייט צו באַקענען זיך מיט די פּאַר זיי פרעמדע באַדינגונגען און מיט דער נײַער סוויווע.

אין אַזאַ אָנגעשטרענגטן צושטאַנד האָבן די ליטווישע ייִדן קוים געהאַט צײַט, ווייניק ווילן און פאַרלאַנג אויסצופּאַקן זייערע עמיגראַנטישע קולטור־טשעמאָדאַנעס, ווי קליין זיי זאָלן ניט זײַן. בײַם אָנקומען האָט מען אויסגעפּאַקט פאַרן מאָמענטאַלן געברויך טאַלעס און טפילין, סידער, כומעש און מאַכזער; מאַנכע — אויך געמאָרע. בײַ אַ סאַך איז נאָכן אַרויסנעמען די „געטלעכע קליי־זײַען" מער גאָרנישט ניט געבליבן. אַ סאַך, וועלכע האָבן יאָ עפּעס וואָס קולטורעלס מיטגעבראַכט, האָבן עס אַזוי לאַנג געהאַלטן אין די אַזוי גערופענע „טשעמאָדאַנעס", ביז דאָס איז פאַרשימלט גע־וואָרן. אַנדערע האָבן זיך ביכלאַל גענומען שעמען מיט זייער אַזוי אויך גײַסטיק אָרעמען באַגאַזש, ווען זיי האָבן עס געפּרוווט פאַרגלײַכן מיט דער קולטור פון דעם אַרום, אין וועלכן זיי לעבן. גאָר קליין איז געווען די צאָל פון די, וועלכע האָבן פונאַנדערגעעפנט זייערע „קולטור־טשעמאָדאַנעס", אין וועלכע עס זײַנען געווען קולטורווערטן אויף צו טיילן זיך און צו פאַרשפּרייטן עס צווישן זייערע מיטמענטשן און לאַנדסלײַט.

די לאַגע פון די ייִדישע אימיגראַנטן איז געווען אַ שווערע. „יעדער איד אין ד"אַ אָן אויסנאַם קען אײַך אָנשרײַבן אַ יאָרן לאַנג אַלס מאַרטירלאָג פון הונגער, נויט און דחקות" („די יודישע פאָהן", 28 פעברואַר 1911). מאַנכע האָבן ביכלאַל ניט געקענט אַרײַנלעבן זיך און צופּאַסן צו די נײַע לעבנס־באַדינגונגען אַפּילע אין צענדלינגער יאָרן שפּעטער. אָט די ייִדן האָבן זיך גענומען צו אַזוינע פּאַרנאָסעס, וואָס זיי האָבן באַטראַכט פאַר מער צו־טריטלעך פאַר זיי, מער ענלעך צום היימישן האַנדל און וואָס דערמעגלעכט זיי צום לײַכטסטן פאַרדינען כעיונע. זייער איגנאָ־רירן די נײַע פאָרמען און באַדינגונגען האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס זיי האָבן קאָנצענטרירט זייער האַנדל צווישן ייִדן און הויפּטזעכלעך צווישן די שוואַרצהויטיקע, וועמען זיי האָבן—

פונקט ווי די אַנדערע ווײַסהויטיקע טוען עס — באַטראַכט פֿאַר מינדערווערטיקע מענטשן, פֿאַר וועמען מען דאַרף ניט האָבן קיין סאַך ספּעציעלע קענטעניש צו האַנדלען מיט זיי. די ייִדן האָבן, אַזוי צו זאָגן, עקאָנאָמיש געפּראַוועט שאַבעס פֿאַר זיך.

ייִדן האָבן זיך גענומען צום „טרײַען" (צושטעלן) קאָשערע פֿלייש, ברויט, כאַלע, בייגל (אַ נײַס אין דער מעדינע!), פֿיש אד"גל. עס זײַנען אויך געווען „טרײַערס", וועלכע פֿלעגן צושטעלן די „קאַפּעריטעס", וואָס האָבן געהערט צו ייִדן, ביליגע ברויט, ביליגע פֿלייש און „דזשינדזשער ביר" (אינגבערביר).

„ש אַ מ ע ס י אַ ר ד"

דער אָ נאָמען, וואָס מיינט דעם שאַמעס הויף, קומט דערפֿון, וואָס אַט דער הויף האָט געהערט צום שאַמעס פֿון „גרינעם" בייס־מעדרעש. ער פֿלעגט עס פֿאַרדינגען די „צימערן" פֿון הויף. פֿון די אויבן דערמאָנטע טיפּן האָט זיך געשאַפֿן „שאַמעסעס יאַרד" און ענלעכע ערטער, וואָס עקסיסטירן נאָך אַד־היַיעם (אין אַ קלענערן פֿאָרמאַט). דער „שאַמעס יאַרד" איז אַ גרויסער פּירקאַנטיקער הויף; אין מיטן—ליידיק. אַרום דער ליידיקייט זײַנען פֿאַראַן געדיכט, איינע אויף די אַנדערע, פֿאַרזשאַווערטע בלעכענע „רומקעס" (צימערלעך). אין זיי איז זייער הייס זומער און זייער קאַלט אין די היגע ווינטערנעכט. דאָס מעבל פֿון אַט די „רומקעס" איז באַשטאַנען פֿון צעבראָכענע אַלטע בעטן, אַ גרעסערן קאַסטן פֿאַר אַ טיש און אַ קלענערן אַלס אַ שטול. אויפֿן „טיש" איז געשטאַנען אַ קאָכמאַשינקע, עטלעכע טעפּלעך צום קאָכן פֿאַר זיך און פֿון כיילעוו פֿאַרשמאַלצענע לײַכטער. אום אײַנצושפּאָרן דירעגעלט האָבן אין איין „רומקע" אָפּטמאָל געוווינט צוויי טרײַערס, אָדער אַ טרײַער מיט סטאַם אַן אָרעמען קרעמער, וועלכער האָט געוואָלט אײַנשפּאָרן דירעגעלט. קיין וואַסער־לייטונג און קיין עלעקטרישע באַלײַכטונג איז ניט געווען. די אײַנוווינער פֿון אָט דעם „שאַמעס יאַרד", וועלכער איז אַ מין

„טאַלקוטש", זײַנען געווען אויסשליסלעך ייִדן, וועלכע פּלעגן ציִען זייער כעיונע פֿון קויפֿן און פֿאַרקויפֿן אַלטוואַרג: אַלטע בעגאָדים פֿון קאָל האַמינים, אויסגעדילעטע און צעבראָכענע בעטן, אַלטע וועלאָסיפּעדן („בייסיקלעך") אוכדיימע. אַט דער עלעמענט ייִדן לעבן אַן אָפּגעלאָזענעם, פּאַסיוון, היימישן בייס־מעדרעשדיקן לעבן און אין דער פֿרײַער צײַט ווערן פֿון זיי באַטלאָנים־קלײַזלעך, ווו מען שמועסט וועגן דעם גײַסטיקן „טאָפּ פֿלייש" פֿון דער אַלטער היים.

„קאַפּעריטעס"

נאָך אַ ספּעציפֿיש ייִדישע פּאַרנאָסע, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע (און שפּילט נאָך אַ ראָלע אויך איצט) זײַנען געווען די „קאַפּעריטעס" (אַן עסשטוב פֿאַר קאַפּערס). אַ קאַפּעריטע באַשטייט אַכוץ דער קיך (פֿון וואַנען עס גייט שטענדיק אַ וואַרעמער, אַטעם פֿאַרכאַפּנדיקער אומאײַנגענעמער רייאַך) פֿון אַ גרויסן צימער, וואָס איז געדיכט אָנגעשטעלט מיט שמאָלע טישן און לאַנגע בענק און די פּאָדלאָגע איז אויסגעשאָטן מיט פּאַלעווינעס. דאָ איז שטענדיק ווייניק ליכט און נאָך ווייניקער פֿרישע לופֿט; אַלע מאָל שמוציק און מיט אַ געשטאַנק פֿון די שעפּסענע קעפּ, דרייבעס, פֿליישאָפּפֿאַל און מענטשנשווייס. דאָס איז אַן אָרט, ווו די שוואַרצהויטיקע (מערסטנטייל, וועלכע אַרבעטן אין די גרובן אָדער טוען אַנדערע אַלערליי שוואַרצע אַרבעט) באַקומען פֿאַר קליינגעלט אַכילע. קיין העכערע פּרײַזן וואָלטן זיי ניט געקענט באַצאָלן צוליב זייערע גאָר קליינע סכירעס.

די „קאַפּעריטניקעס" (אַזוי הייסן די באַלעבאַטים און אָנגעשטעלטע, וועלכע אַרבעטן אין קאַפּעריטע) — אַן ערעך 95 פּראָצענט פֿון זיי ייִדן — האָבן געאַרבעט פֿון פֿאַר זון־אויפֿגאַנג ביז שפּעט אין דער נאַכט, זיבן טעג אין וואָך און געשלאָפֿן אין אַ צימערל (דאָס ראָוו אַ בלעכענער) לעבן קאַפּעריטע אין שרעקלעכע באַדינגונגען. פּונקט ווי די ייִדישע עמיגראַנטן, וואָס פּלעגן קומען אָן אַ פּאַך קיין אַמעריקע, פּלעגן גלײַך אַוועקגיין אין די

פֿאַבריקן אַרבעטן, אַזוי האָבן אַ סאַך ייִדישע יונגע לײַט, אַריבער־קומענדיק קיין דראָם־אַפֿריקע קיין אַנדער ברייִרע ניט געהאַט ווי גיין אַרבעטן אין אַ קאַפֿעריטע, ווי מען פֿלעגט עס רופֿן „אויסגרינען זיך".

די לאַנגע שווערע אַרבעטשאָען און די שלעכטע און שווערע לעבנס־באַדינגונגען אין דער קאַפֿעריטע האָבן געשאַפֿן פֿאַר די יונגע אימיגראַנטן אַ געהענעם אָן דער אויפֿשריפֿט: „גיב אָפּ אַלע האָפֿענונגען יעדערער, וואָס קומט אַרײַן אַהער". יעדערער, וועל־כער האָט געאַרבעט אין אַ קאַפֿעריטע פֿלעגט פֿון דעסט וועגן יאָ האָפֿן (און בײַ אַ סאַך פֿלעגן אָט די „טרוימען" מעקויעם ווערן), אַז ס'וועט אַוועקגיין אַ ביסל צײַט און ער וועט אַליין עפֿענען אַ קאַפֿעריטע און ווערן פֿאַרמעגלעך אַזוי ווי זיין באַלעבאָס. אַכוץ מיט די שוואַרצהויטיקע, וועלכע פֿלעגן אַרײַנקומען אָפּעסן, פֿלעגן זיי מיט דער אויסערלעכער וועלט קוים קומען אין קאָנטאַקט. אין אַ פּראָצעס פֿון שווערער אַרבעט, לאַנגע אַרבעטשאָען, שווערע לעבנס־באַדינגונגען און אויך צוליב דעם, וואָס זיי קומען אין קאָנטאַקט נאָר מיט אומקולטורעלע, האַלב פּרימיטיווע מענטשן, זײַ־נען זיי געוואָרן פֿאַרגרעבט און דעמאָראַליזירט. דאָס וואָרט „קאַ־פֿעריטניק" סימבאָליזירט אַ פּראָסטן גראָבן יונג. די יונגע לײַט, וועלכע פֿלעגן אַוועקגיין אַרבעטן אין די קאַפֿעריטעס, פֿלעגן אַנ־שטאָט „אויסגרינען זיך" ווערן פֿאַרשוואַרצט.

מאַנכע אימיגראַנטן האָבן ביכלאַל ניט געקענט צופּאַסן זיך צו די נײַע באַדינגונגען. אָנשטאָט דער היימישער וואַרעמער סוויווע, צו וועלכער זיי זײַנען געווען געוווינט, האָבן זיי געפֿונען אַ קאַלטע פֿרעמדע סוויווע, וואָס האָט זייער שווער געווירקט אויף זיי. זיי האָבן זיך געלאָזן אַוועקשלעפּן מיטן שטראָם פֿון פּאַסיווער און אָפּטמאָל אַקטיווער העפּקיירעס. צוליב זייער שוואַכן און אומקולטורעלן כאַראַקטער, האָבן זיי מיסגעברויכט מיט זייער קלוימערשט שלעכטן מאַטעריעלן צושטאַנד און האָבן דורך דעם געפֿונען אַ העטער ניט צו זאָרגן פֿאַר זייער ווײַב, קינדער אָדער

עלטערן אין דער היים. זיי האָבן אויפֿן כעשבן פֿון זייער אומבאַהאָלפענער עמיגראַנטישקייט זיך אַראָפּגעלאָזט אין זומפּ פֿון אָפּגעלאָזנקייט, קאָרטנשפּילערײַ, שיקרעס, אַזאַרטשפּילן, ווי לעמאָשל „רייסעס" (טאָטאַליזירטע פֿערדגעיעגן), זנוס און האָבן געפֿירט ביכלאַל אַ העפקערדיקן און אומפֿאַראַנטוואָרטלעכן לעבן (אַד־האַיעם קען מען נאָך טרעפֿן אין יאָהאַנעסבורג צענדליגנער פֿאַרוואָרלאָזטע איינזאַמע עלטערע ייִדן, וועלכע זײַנען לעבעדיקע מאַצייוועס פֿון דעם אויבן דערמאָנטן טיפּ — „אַלטע אַפֿריקאַנער"). פֿון צווישן אָט דעם טיפּ ייִדן און ביכלאַל אומפֿאַראַנטוואָרטלעכע העפקער־יונגען האָבן זיך שפּעטער רעקרוטירט, אין די נאָך־(ענגליש־בורישע) מילכאָמע־יאָרן, אויסוווּרפֿן און די באַוווּסטע קעשענע־גאַנאָווים (אין יענע יאָרן, 1905—6—7, פֿלעגט יעדער גייער אין ייִדישן טעאַטער מוזן גוט אַכטונג געבן אויף די קעשע־נעס) און אַלפֿאָנסן. הינטערן פֿאַרקאַן פֿון אַלטן בייס־אַ״לאָם אין יאָהאַנעסבורג קען מען נאָך היינט זען זייערע קוואָרים אַרומ־געצאַמט מיט דראָט. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז די רעגי־רונג האָט אין 1909 אַרויסגעשיקט פֿון לאַנד אַ סאַך פּראָסטי־טוטקעס, וועלכע זײַנען אָנגעפֿאָרן גלײַך נאָכן ענגליש־בורישן קריג. צווישן זיי זײַנען אויך געווען אַ סאַך ייִדישע (מערסטנטייל פֿון פּוילן). אַזוי אַרום איז שטאַרק ענג געוואָרן די עקסיסטענץ פֿאַר די אַלפֿאָנסן, וועלכע זײַנען קימאַט פֿאַרשווּנדן, ווײַל מען האָט זיי געצוווּנגען אויפֿצוגעבן זייער „געשעפֿט".

אָבער דער גאָר גרעסטער טייל פֿון די ליטווישע אימיגראַנטן האָבן אַ דאַנק זייער פֿעסטן ווילן צו זײַן מאַטעריעל דערפֿאָלגרײַך און אַ דאַנק זייער אַרבעטסזאַמקייט, זיך גוט אַרײַנגעפּאַסט קאָמער־ציעל און זיך גוט אָריענטירט אין די נײַע באַדינגונגען און האָבן פֿעיִק אויסגענוצט די מעגלעכקייטן פֿון לאַנד.

די ליטווישע קליינשטעטלשע ייִדן זײַנען בטעווע ניט קיין רײַזנדער. דעריבער איז דאָס געפֿיל פֿון צוגעבונדנקייט צו זײַן

היים, ווײַב און קינדער אָדער עלטערן, ברידער און שוועסטער געווען זייער שטאַרק. פון קיין אַנדער אַרט לעבן ווי זײַן היימישן האָט ער ניט געוווּסט ביז ער איז געקומען קיין דאָרעם־אַפריקע. די טויזנטער מײַלן, וואָס האָבן אים אָפּגעשיידט פון זײַן היים, האָבן פאַרגרעסערט זײַן בענקשאַפט און עלנטקייט. נאָך דער אַרבעט, אין יאָנטיוויום און רועג, האָט ער מוירעדיק געפילט זײַן עלנטקייט און האָט שטאַרק געגאַרט נאָך געזעלשאַפט, וויניקסטנס פאַר צײַט־פאַרטרײַב. דער פאַרלאַנג נאָך געזעלשאַפט, צו שטילן כאָטש זײַן איינזאַמקייט און בענקשאַפט נאָך דער מישפּאָכע און היימישער סוויווע, האָט אים געטריבן צו דער געזעלשאַפט פון זײַנע שטעטלשע אָדער סטאַם ליטווישע יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַן ענלעכער לאַגע ווי ער. מ׳האָט זיך שטאַרק מעקאַרעוו געווען איינער דעם צווייטן. מ׳פלעגט זיך צוזאַמענקומען בײַ אַ לאַנדסמאַן און מ׳פלעגט שמועסן וועגן דער אַלטער היים, וועגן די שוועריקייטן פון דעם נײַעם לעבן, וועגן פּאַרנאָסע; מ׳פלעגט זיך פרעגן אייצעס און מ׳איז זיך באַהילפיק געווען איינער דעם צווייטן. דאָס האָט געפירט צו דער פאָרמירונג פון לאַנדס־מאַנשאַפטן און כעווראָס, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צו געבן מאַטעריעלע שטיצע (גמילעס־כאַסאָדים־קאַסעס, מעדיצינישע הילף) די לאַנדסלײַט און העלפן די שטעטלעך פון די באַטרעפנדיקע לאַנדסמאַנשאַפטן. אַ סאַך פון זיי עקסיסטירן נאָך אַד־האַיעם. קיין קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס אָדער אַנשטאַלטן האָבן די ייִד׳ אימי־גראַנטן ניט געפונען. די שיטערע אימיגראַציע האָט דאָס ניט געשאַפן. דעם פאַרלאַנג פאַר קולטור און געזעלשאַפטלעכקייט האָט מען נאָך געדאַרפט אַנטוויקלען בײַם גאָר גרעסטן טייל פון זיי. דער שוואַכער אינטערעס פאַר קולטור און געזעלשאַפטלעכקייט האָט דעריבער ניט געקענט אויספילן די פרײַע צײַט נאָך דער אַרבעט אָדער שטילן די בענקשאַפט נאָך דער היים.

דאָס צוזאַמענקומען פון לאַנדסלײַט אָדער סטאַם ייִדיש ריידנדיקע יידן האָט וואָס אַמאָל מער אָנגענומען אַ געזעלשאַפט־

לעכן כאַראַקטער. מ׳פֿלעגט זיך טרעפֿן אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער. אַכוץ זייער אַלטער היים און טאָגטעגלעכע עקאָנאָמישע פֿראַגן פֿלעגט מען אויך שמועסן און דיסקוטירן וועגן נײַס און וועלטלעכע איניאָנים.

מען פֿלעגט בײַ אָט די באַגעגענישן זיך מאַכן פֿריילעך, מען פֿלעגט זיך באַמיִען לוסטיק צו מאַכן און מען פֿלעגט קיבעצן. מ׳פֿלעגט שפּילן אַ קערטל, דאַמקעס, שאָך. קאָרטן שפּילן איז געווען פֿון אָנפֿאַנג, ווי דאַמקעס אָדער שאָך, בלויז אַ צײַטפֿאַרטרײַב. דערנאָך איז עס בײַ אַ סאַך געוואָרן אַ לײַדנשאַפֿט, וואָס האָט געצויגן און האָט אַ סאַך פֿון זיי טאַקע אַוועקגעצויגן פֿון קולטור און אַקטיווער געזעלשאַפֿטלעכקייט.

ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט און די ליטווישע רעליגיעז-טראַדיציאָנעלע ייִדן האָבן גענומען שאַפֿן געזעלשאַפֿטלעכע חברות און אַנשטאַלטן צו קענען פֿאָרזעצן זייער היימישן רעליגיעז-גײַסטיקן שטייגער לעבן אין נײַעם לאַנד און זיך באַהילפֿיק צו זײַן קעגנזײַטיק. די אַקטיוויטעט און פֿונקציעס פֿון אָט די חברות און אַנשטאַלטן זײַנען געווען רעליגיעזע און פֿילאַנטראָפּישע און האָבן גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט דער ניט-ייִדישער וועלט אַרום זיי.

ייִדיש טעאַטער

ווי ווײַט די ייִדן האָבן געגאַרט נאָך אַ ייִדיש וואָרט, אַ ייִדיש ליד און טעאַטער, זאָגט איידעס אַזאַ שילדערונג [1]: „די ייִדן אין יאָהאַנעסבורג מיט 30—35 יאָר צוריק האָט זיך געלעבט ניט גאָר פֿייגלדיק. זיי האָבן געבענקט נאָך אַ ייִדיש וואָרט, נאָך אַ ייִדיש ליד, טענץ — אַלאַ שמחת-תורה אָדער פּורים-שפּילן".

„אין 1895 האָט זיך אין יאָהאַנעסבורג געפֿונען אַ באַוווּסטער ייִדישער אַרטיסט און ער האָט צוזאַמען מיט נאָך דרײַ דורכגע-

1 זע „דרום-אפריקע", נאָוועמבער 1928, ה. הערש „ייִדיש טעאַטער אין דרום-אפריקע".

פֿירט אַ ייִדישן קאָנצערט און אַן איינאַקטער „אַ קלאַפּ פֿאַר אַ קלאַפּ". דער דערפֿאָלג פֿון אָט דעם קאָנצערט איז געווען אַ גוואַלדיקער. ייִדן זײַנען אויף מאָרגן אַרומגעגאַנגען מיט שײַנענדיקע אויגן און מיט האַנאָע אויף די פּנימער".

דער דערפֿאָלג פֿון דעם קאָנצערט־אָוונט האָט אָנגעמוטיקט די אונטערנעמער צו שפּילן ייִדיש טעאַטער. מ׳האָט זיך גלײַך גענומען צו דער אַרבעט און זייער דערפֿאָלגרײַך אויפֿגעפֿירט „שולאַמיס". מ׳האָט דערפֿאָלגרײַך אויפֿגעפֿירט ייִדיש טעאַטער צוויי מאָל אַ וואָך. מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט פֿון אַמעריקע באַוווּסטע אַרטיסטן און צוזאַמען מיט די היגע קרעפֿטן האָט מען רעגולער געשפּילט ייִדיש טעאַטער, וואָס איז גוט באַזוכט געוואָרן דורכן ייִדישן עולם. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן ביז דעם ענגליש־בורישן קריג (1899).

אין 1902 ווערט דאָס דערפֿאָלגרײַכע ייִדישע טעאַטער פֿאַרגעזעצט. אַ טרופּע איז שוין געקומען אין 1902 און געשפּילט פֿריִער אין קייפּטאַון און דערנאָך אין יאָהאַנעסבורג (עטלעכע יאָר שפּעטער האָט אַ טרופּע זיך אָפּגעשטעלט אין אויטסהאָרן און אין בלומפֿאַנטיין אויף אַ קורצער צײַט). ייִדיש טעאַטער האָט אָנגעהאַלטן קימאַט ווי רעגולער ביז 1909. ס׳איז געווען אַפֿילו אַזאַ צײַט, ווען צוויי ייִדישע טרופּעס האָבן געשפּילט אין צוויי באַזונדערע טעאַטערס אין איין און דער זעלביקער צײַט אין יאָהאַנעסבורג. אין 1909 איז דאָס ייִדישע טעאַטער אין דאָרעם־אַפֿריקע זיך צעפֿאַלן. ס׳זײַנען פֿאָרגעקומען רײַסערײַען צווישן די אַקטיאָרן. אַ טייל פֿון דעם אַקטיאָרן־געזינדל זײַנען געווען שאַרלאַטאַנעס און אויסוואורפֿן. „אַנדערע האָט מען געצוווּנגען אַוועקצופֿאָרן"... אַגעוו האָבן אין יענער צײַט זיך גענומען עפּענען אַ סאַך קינאָען. כאָטש מען האָט געשפּילט אין ייִדישן טעאַטער מערסטנטייל שונד, האָט עס דאָך אין יענער צײַט געהאַט אַ געוויסן קולטורעלן ווערט. אַז דאָס ייִדישע טעאַטער און די אַקטיאָרן האָבן, קענטיק, איבערגעלאָזן אַ שרעקלעכן בײַטאַם.

ווײַזט דער פֿאַקט, וואָס עלף יאָר נאָך 1909 איז אין דאָרעם־אַפֿריקע (אַחוץ אַמאַטאָרישע פֿאָרשטעלונגען, וואָס פֿלעגן פֿאָרקומען פֿון צײַט צו צײַט) ניט געווען קיין ייִדישע טרופּע. עלף יאָר — ווען די ייִדיש ריידנדיקע באַפֿעלקערונג האָט זיך אַלץ מער און מער פֿאַרגרעסערט — איז קיין ייִדיש טעאַטער ניט געווען! אַנשטאָט דעם איז מען (דערהויפּט דער יינגערער עלעמענט) גע־גאַנגען אין ענגלישן טעאַטער. דאָס איז געווען אָן צווייפֿל איינע פֿון די סיבעס, וואָס האָט דערווײַטערט ייִדיש ריידנדיקע פֿון דער ייִדישער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור.

גלײַך נאָך דעם ענגליש־בורישן קריג, ווען די ליטווישע ייִדן, וועלכע זײַנען צוריקגעפֿאָרן קיין ליטע אָדער זײַנען געווען אין דער צײַט פֿון קריג אין קייפּטאָון און אומגעגנט, האָבן גענו־מען צוריקקערן זיך קיין טראַנסוואַל, און עס האָבן אויך גענומען אַרײַנקומען נײַע ייִדישע אימיגראַנטן, האָט זיך געמערקט אַן אוי־סערלעכע ייִדישע אַקטיוויטעט. די, וועלכע זײַנען שוין פֿריִער געווען אין טראַנסוואַל, האָבן זיך געפֿילט מער היימיש. די שרעק פֿאַר דאָס אומבאַקאַנטע איז שוין פֿאַר זיי ניט געווען און דאָס געפֿיל פֿון ניט־פֿרעמדקייט האָט אויך גוט געווירקט אויף די נײַע אימיגראַנטן. כוץ טעאַטער, וואָס מען פֿלעגט גוט באַזוכן, פֿלעגן אָנקומען אַהער צײַטונגען און זשורנאַלן פֿון אַמעריקע און אייראָ־פּע (יעדע צײַטונג און זשורנאַל פֿלעגט געלייענט ווערן קאָלעק־טיוו). אין יענער צײַט האָט זיך געעפֿנט דער ציוניסטישער „האָל" (זאַל) אין באַלמאַראַל־געביידע — אין קאָמיסיאָנער־גאַס אין פֿערעריִע — דער דעמאָלטיקער ייִדישער צענטער. דער „ציע־ניסטישער האָל" איז געוואָרן דער גײַסטיקער צענטער פֿון דעם ציעניזם אין טראַנסוואַל. אין זאַל פֿלעגן קומען ניט נאָר איבער־צײַגטע ציעניסטן, נאָר אויך ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר, ווײַל מ׳פֿלעגט דאָרט קריגן אַ ייִדישע צײַטונג, אַ ייִדיש בוך צום לייענען, אָנפֿירן דעבאַטן, וויקוחים און אויסטײַטשן זאַכן מיטן גראָבן פֿינגער. מ׳פֿלעגט קומען הערן לעקציעס אין ייִדיש, שפּילן שאָך, דאַמקעס

און סטאַם טרעפֿן זיך מיט באַקאַנטע. די גאַנצע אַקטיוויטעט, ד"ה די טעמעס פֿון די לעקציעס און דעבאַטן זײַנען געווען נאַציאָנאַל־רעליגיעזע און וועגן ציעניזם, און עס האָט געטראָגן אַ כאַראַקטער פֿון וועלן דערווײַזן, אַז „מיר ייִדן זײַנען ניט אַבי ווער". עס האָט דאָרטן געהערשט אַ טראַדיציאָנעלע באַלעבאַטישע געמיטלעכקייט. קיין אַנטיציעניסטישע אָדער אַנטירעליגיעזע פֿראַגן האָט מען ניט געטאָרט באַרירן אין דעם „ציעניסטישן האָל", אַפֿילו ניט אין אַ דעבאַטע. כאָטש מען האָט האַנאַע געהאַט פֿון ייִדישן וואָרט און ייִדישן בוך, האָט מען אָבער דאָרט געכאָלעמט און פֿאַרגעטערט „בת־ציון" און איר הייליקע שפּראַך.

אין 1905—1907 האָט אויך עקסיסטירט אַן אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „פֿרײַנד פֿון רוסישער פֿרײַהייט" (Friends of Russian Freedom). דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון דער פֿרײַהייטס־דערוואַכונג אין רוסלאַנד, פֿון דער רעוואָלוציע אין 1905. דאָ איז געווען אין 1907 דער באַוווּסטער בונדיסט סערגיי ריגער. עס האָט זיך גערודלט. זײַנע אַרויסטריטן האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג. ער האָט דאָ געזאַמלט געלט פֿאַרן זעלבשוץ. אַרום אָט דער אָרגאַניזאַציע „פֿרײַנד פֿון רוסישער פֿרײַהייט" האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע ראַדיקאַלע און פּראָגרעסיוו דענקענדיקע עלעמענטן. אין דעם — געוועזענע „עסערן", דערהויפּט בונדיסטן (אַגעוו איז וויכטיק צו דערמאָנען, אַז אין ד"אַ איז קיין מאָל ניט געווען קיין אָפּטיילונג פֿון דער בונדישער פּאַרטיי) און אויך מענטשן, וועלכע האָבן ליב געהאַט די רוסישע שפּראַך און ליטעראַטור. זיי האָבן געהאַט אַ לאָקאַל מיט ייִדישע און רוסישע צײַטונגען, זשורנאַלן און ביכער. אויף זייערע פֿאַרזאַמלונגען, לעקציעס און דעבאַטן פֿלעגט מען כּוץ ייִדיש אויך הערן רוסיש. דער דאָזיקער עלעמענט פֿלעגט מערסטנטייל צײַען די יעניקע פֿון רוסלאַנד, און האָבן זייערע וואָרצלען ניט צוגעלאָזן אַרײַנצוּוואַקסן אין דער זוניקער אַפֿריקע.

צ י ע נ י ז ם

דער פֿאַקט, וואָס דער גרעסטער טייל פֿון די ליטווישע קליינבירגערלעכע ייִדן, קומענדיק אין ד״אַ, האָט געלעבט נאָר מיט דער אַלטער היים און פֿאַרגאַנגענהייט פֿון ליטע, און דער פֿאַקט, וואָס זיי האָבן פֿאַרגעזעצט, קומענדיק אין ד״אַ, זייער רעליגיעז־טראַדיציאָנעלן אַרט לעבן האָט איינגעפֿלאַנצט אין אים אַ ליבע און בענקשאַפֿט צו דעם אַלטן אַמאָל — צוליב דעם האָבן זיי שטענדיק געהאַט אַ פֿאַרלאַנג צו אַ ווידערגעבורט פֿון דעם אַמאָל. אַזאַ עלעמענט איז אין קולטורעלן און אַקטיוון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פּאַסיוו. ניט נאָר קעמפֿט ער ניט פֿאַר בעסערע און שענערע קולטורעלע און פּראָגרעסיווע פֿאָרמען פֿון לעבן, נאָר ער רוקט זיך אָפּ פֿון זיי, ווייל ער וויל לעבן נאָר מיטן ראָמאַנטיזם און די אידעאַלן, וועלכע ער פֿאַרשטייט און וועגן וועלכע ער כאָלעמט, און זוכט אַרייַנצופּאַסן זיך אין דער אָרגאַניזאַציע, וואָס אַנטשפּרעכט מער זייַן טראַדיציאָנעל־רעליגיעזער אידעאָלאָגיע. דערי־בער פּאַסט זיך זייַן פּסיכאָלאָגישע איינשטעלונג אַרייַן האַרמאָניש אין דער ציעניסטישער אידעאָלאָגיע און ראָמאַנטיזם — אין דעם ציעניסטישן גלויבן. דער ציעניזם איז געוואָרן פֿאַר אָט די ייִדן אַ סובלימירונג פֿאַר די קולטורעלע און געזעלשאַפֿטלעכע דאָרעם־אַפֿריקאַנישע ייִדישע בויטוועגדיקייטן. די ציעניסטישע אָרגאַניזאַציע איז געווען די אינסטיטוציע און פּאַרטיי, וואָס האָט זיך אויף אַ מאָדערנעם אופֿן געווידמעט נאָר דעם אַמאָל, פֿון וועלכן אָט די ייִדן האָבן זיך ניט אָפּגעריסן און צו וועלכן עס האָט זיי געצויגן. דעריבער האָט דער ציעניזם אין ד״אַ געהאַט אַ פֿרוכט־באַרן באָדן. די ליטווישע ייִדן האָבן אַלעמאָל באַטראַכט ד״אַ אַלס זייער גאַשמיִעסדיקע היים און די רוכניִעסדיקע איז מעאייווער לעיאַם. וואָס מער מען האָט זיך גייַסטיק דערווייַטערט פֿון דער אַלטער היים אין רוסלאַנד, אַלץ מער האָט מען זיך דערנעענטערט צום ציעניזם — צו דער גאָר אַלטער היים. וואָס מער אַקטיוו דער

ליטווישער ייִד איז געוואָרן קאָמערציעל (און גאַשמיִעסדיק ביכ־לאַל), אַלץ מער פּאַסיוו איז ער געוואָרן צו קולטורעלע (רוכניִעס־דיקע) און סאָציאַלע פּראַגן פון לעבן. אַלץ נעענטער האָט ער זיך געפונען צום ציעניזם. ציעניזם פאַר די ליטווישע ייִדן אין ד"אַ איז געווען אַ היימיש געקעכץ, וואָס איז באַווירצט מיט מאָדערנע נאַציאָנאַל־טראַדיציאָנעלע געווירצן. אַלס נאָכשפּייז — אויל־אָם־האַבע. שוין פאַר דעם ענגליש־בורישן קריג האָבן עקסיס־טירט אין ד"אַ ציעניסטישע פאַריינען. נאָר אַלס פעסטע אָרגאַני־זאַציע האָט זי זיך גענומען אַנטוויקלען נאָך דעם ענגליש־בורישן קריג. זי איז געוואָרן און איז נאָך אַד־האַיעם די שטאַרקסטע און דאָמינירנדיקע ייִדישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנד. אין קיין לאַנד אין דער וועלט איז פּראָפּאָרציאָנעל דער ציעניזם ניט אַזוי דאָמינירנדיק און פאַרנעמט ניט אַזאַ גרויסן פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער אַקטיוויטעט פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט, ווי דער ציעניזם אין דאָרעם־אַפריקע; אין קיין לאַנד גיט מען ניט (פּראָפּאָרציאָנעל) אַזוי פיל געלט פאַרן ציעניזם ווי אין ד"אַ.

דער ציעניזם אין ד"אַ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פירמע, וואָס גיט ייִדן פאַר געלט־פונטן אַ זכוס און אַ „באַ־ווּסטזײַן", אַז זיי בויען דעם אויל־אָם־האַבע. ייִדן האָבן געגעבן געלט און מיט דעם געשטילט זייער געוויסן, אַז זיי בויען אַ רוכניִעס־דיקע היים — אַזאַ, ווען וועלכער זיי האָבן געכאָלעמט. די גרעסטע ציעניסטישע פּערזענלעכקייטן זײַנען געקומען קיין ד"אַ ניט אַלס גײַסטיקע קולטור־טרעגער (מיטן אויסנאַם פון איינציקע), וואָס האָבן עפּעס וואָס קולטורעלס אויפגעטאָן פאַר די ייִדן אין ד"אַ, נאָר בלויז אָנצופירן קאַמפּיינס, צו זאַמלען געלט פאַרן ציעניזם — „אַרויסצוראַטעווען" געלט פון „גאָלעס".

אין יאָר 1926, ווען נאָכום סאָקאָלאָוו האָט דאָ געפירט אַ קאַמפּיין, האָט ער עפנטלעך אויף אַ מיטינג אין קרוגערסדאָרפּ זיך אויסגעדריקט בזע האַלאָשן: די דאָרעם־אַפריקאַנער ייִדן

זײַנען געגליכן צו אַ קו: וואָס מער מען מעלקט זי, אַלץ מער מילך גיט זי.

דער ציעניזם אין ד״אַ האָט געשטערט און אומדירעקט ניט צוגעלאָזן קיינע קולטורעלע אַרבעטן פֿאַר יִדן, הויפּטזעכלעך רוסישע יִדן, אַלס דאָרעם־אַפֿריקאַנישע אײַנוווינער, צוליב דרײַ סיבעס: ערשטנס איז דער ציעניזם פֿאַראינטערעסירט נאָר אין פּאַלעסטינע; צווייטנס „דאַרף זײַן" (לויט זייער מיינונג) דער קולטורעלער צענטער נאָר אין פּאַלעסטינע; און דריטנס וואָלט דאָך די קולטורעלע אַרבעט געדאַרפֿט אָנגעפֿירט ווערן אין יִדיש — די מוטערשפּראַך פֿון אַלע ליטווישע יִדן — אַ שפּראַך, וואָס דער ציעניזם ניט נאָר אָנערקענט ער זי ניט אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך, נאָר אַ שפּראַך, צו וועלכער ער באַציט זיך מיט סינע.

אין די ערשטע יאָרן פֿון זײַן עקסיסטענץ האָט דער ציעניזם אָנגעפֿירט זײַן פּראָפּאַגאַנדע מערסטנטייל אין יִדיש און גענומען אַ געוויסן אָנטייל אין מאַנכע געזעלשאַפֿטן, וואָס האָבן ניט געהאַט דירעקט צו טאָן מיטן ציעניזם. דאָס איז ניט געווען אויס ליבע צו יִדיש אָדער צו דער זיך שנעל אַנטוויקלענדיקער מאָ־דערנער יִדישער ליטעראַטור, נאָר אַ מיטל צו פֿאַראינטערע־סירן און אַרײַנצוציִען די יִדישע מאַסן אין ציעניזם.

וואָס שטאַרקער דער ציעניזם איז געוואָרן אין ד״אַ אַלץ מער און מער האָט מען גענומען איגנאָרירן די יִדישע שפּראַך און די יִדישע ליטעראַטור. ענגליש האָט גענומען פֿאַרבײַטן יִדיש. ענגליש איז געוואָרן דער פֿאַרמיטלער פֿאַר דער העברעי־שער שפּראַך. דער ציעניזם אין ד״אַ האָט דורך פּראָפּאַגאַנדע געריצט און געוועקט נאַציאָנאַלע טראַדיציאָנעלע עמאָציעס (און אין אַ גרויסער מאָס געווען דערפֿאָלגרײַך) און דורך דעם געשאַפֿן אימפּאָטענץ פֿאַר דער מאָדערנער יִדישער ליטעראַטור און שפּראַך.

דער ציעניזם אין ד״אַ האָט אַ דאַנק זײַן גרויסער און פּערמאַנענטער אַקטיוויטעט אויסגעזויגן די לעבנסקראַפט פון אַ מאָדערנעם יידישן קולטור־לעבן, וואָס האָט זיך געקענט אַנט־וויקלען אין ד״אַ, און איז אָן צווייפל דער וויכטיקסטער פאַקטאָר, וואָס פאַר די לעצטע אומגעפער פופציק יאָר איז קולטורעל גאָרנישט מאַמאָשעסדיקס געשאַפן געוואָרן דאָ אויפן אָרט גופא.

י י ד י ש

די יִדיש ריידנדיקע יִדן האָבן זיך גענומען באַווײַזן אין דעם דאָרעמדיקן טייל פֿון אַפֿריקאַנער קאָנטינענט אין אָנפֿאַנג פֿון די אַכציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט.

די יִדיש ריידנדיקע יִדן אין דאָרעם־אַפֿריקע קען מען צע־טיילן אויף צוויי גרופּן: 1) די, וועלכע זײַנען געקומען אַהער ביז 1914 און 2) די, וועלכע האָבן אימיגרירט נאָך דער וועלט־מילכאָמע.

דער עלעמענט, וואָס איז געקומען קיין דאָרעם־אַפֿריקע אין דער ערשטער טקופֿע, איז געווען הויפּטזעכלעך אַ קרעמעריש־הענדלערישער, אַ קליינבירגערלעכער — אַן עלעמענט, וואָס איז ווײַט ניט געווען דער טרעגער פֿון יִדישער ליטעראַטור און פֿון מאָדערנער יִדישער קולטור ביכלאַל. זײַן מוטערשפּראַך איז גע־ווען יִדיש, זײַן דערציִונג אָבער — אַ רעליגיעזע און אַ שטרענג טראַדיציאָנעלע. זײַן „בילדונג״ און וויסן האָט ער ניט געקראָגן אין מאָדערנע אָדער וועלטלעכע שולן, נאָר אין די רעליגיעזע כעדאָרים און יעשיוועס, וווּ אַלץ פֿלעגט נאָר ווערן אויסגעטײַטשט אין דער מוטערשפּראַך — יִדיש. אַזוי אַרום האָט מען נאָך גע־דאַרפֿט בײַ אים צו ערשט אַנטוויקלען דעם פֿאַרלאַנג צו קענען און צו לערנען די זיך גיך אַנטוויקלענדיקע מאָדערנע ליטעראַטור אין זײַן מוטערשפּראַך.

די אימיגראַציע איז געווען אַ שיטערע. קיין באַדײַטנדיקע פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ (ווי ס'איז געווען דער פֿאַל מיט דער

אימיגראַציע אין אַמעריקע אין יענע יאָרן) איז אַהער ביכלאַל ניט געקומען. און דער גאָר גרעסטער טייל פון דער „אינטעליגענץ", וואָס איז אַהער יאָ געקומען, איז באַשטאַנען פון מאַסקיליש-רעלי-גיעזע און טראַדיציאָנעלע באַטלאָנים — טיפּן, וועלכע האָבן ווייניק געקענט, ניט געהאַט קיין כיישעק און ניט קיין אינטערעס צו מאָדערנע שטרעמונגען ביכלאַל, און ביפּראַט ניט געהאַט קיין סטימולן צו ווערן די יעניקע, וועלכע זאָלן איינפלאַנצן אַן אינטערעס און ליבע צו דער יידישער ליטעראַטור און צו דער יידישער שפּראַך, צו וועלכער זיי אַליין האָבן געהאַט אַ ביטל-באַציִונג און באַטראַכט ווי אַ זשאַרגאָן.

קיין פּראָגרעסיווע אַרבעטערשאַפט און מאַסנמענטשן, וועלכע האָבן אַ נאָרמאַלע באַציִונג און נאַטירלעכע צוגעבונדנקייט צו זייער מוטערשפּראַך און ליטעראַטור, זיינען די פּאָטענציעלע טרעגער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און גלייכצייטיק די באַקעמפער פון די פיינדלעכע און קעגנערישע עלעמענטן פון זייער מוטערשפּראַך און ליטעראַטור — אַזאַ עלעמענט איז קיין דאָרעם-אַפריקע קימאַט ווי ניט געקומען.

גלייך ביים אָנקומען פון יידיש ריידנדיקע יידן אין דאָרעם-אַפריקע האָבן די ענגליש-דייטשע יידן דערקלערט, אַזוי צו זאָגן, קריג „דער זשאַרגאָנישער שפּראַך פון די מיזרעך-אייראָפּעיִשע יידן".

דער פאַקט, וואָס די מיזרעך-אייראָפּעיִשע יידן האָבן אַ נאַציאָנאַל-געמיינשאַפטלעכע מוטערשפּראַך און ליטעראַטור, האָט זיי שטאַרק דערווידערט און האָט זיי קאָמפּראָמיטירט אין די אויגן פון די ענגלענדער, ווייל דאָס מיינט דאָך, אַז זייערע „קאָ-רעלידזשיאָניסטס" (מיטגלייביקע) פון מיזרעך-אייראָפּע זיינען ניט קיין רעליגיעזע סעקטע, נאָר אַ נאַציאָנאַלע איינהייט מיט אַ שפּראַך און ליטעראַטור, און דאָס איז אין ווידערשפּרוך מיט זייער באַגריף צו זיין הונדערטפּראָצענטיקע ענגלענדער אָדער דייטשן.

זייער פּרעסטיזש און הונדערטפּראָצענטיקייט אַלס ענגלענדער אָדער דײַטשן איז, אַזוי צו זאָגן, באַדראָט געוואָרן מיטן אָנקומען פֿון די ייִדיש ריידנדיקע מיזרעך-אייראָפּעיִשע ייִדן. זייער קאַמף קעגן אָט דעם פֿאַקט, וועלכן זיי האָבן ניט געקענט דולדן, האָט זיך אויסגעדריקט אין זייער באַציִונג צו ייִדיש מיט עקל און פֿאַראַכטונג.

צו העברעיִש האָבן די ענגליש-דײַטשע ייִדן זיך באַצויגן מיט דערעך-ערעץ, ווײַל דאָס איז דאָך — לויט זייערע האַסאָגעס — די הייליקע, רעליגיעזע און געטלעכע פֿאַרמיטלונג פֿון גאָט צו דעם מענטשן. שפּעטער צו האָבן די „חובבֿי-ציון"-עלעמענטן, די קאָסמאָפּאָליטישע „פֿאַרוועלטלעכער" און הויפּטזעכלעך די ציִוני-סטישע עלעמענטן, זיך אָנגעשלאָסן אָן די רייען צו באַקעמפֿן ייִדיש — די נאַציאָנאַלע מוטערשפּראַך פֿון מיליאָנען מיזרעך-אייראָפּעיִשע ייִדן. זיי פֿלעגן עס נעגירן מיט פּראָפּאַגאַנדע פֿון פּאָזיטיווירן העברעיִש און באַמיִען זיך דערמיט וואָס מערער צו פֿאַרגאָלעסן ייִדיש.

אין דער צײַט, ווען די ייִדיש ריידנדיקע ייִדן האָבן גלײַך בײַם אָנקומען אַהער געשטעלט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד קעגן די ענגליש-דײַטשע ייִדן פֿאַרן אָנגרײַפֿן זייערע רעליגיעזע איניאָנים, האָבן זיי אָבער קיין וואָגיקן ווידערשטאַנד ניט געשטעלט און ניט אָנגעפֿירט קיין קאַמף קעגן כוצפּעדיקן באַליידיקן און קעגן שטענ-דיקן אָנגרײַפֿן זייער מוטערשפּראַך.

די סיבעס זײַנען געווען פֿאָלגנדיקע: 1) אַזוי ווי זיי האָבן אַפֿילו די עלעמענטאַרע בילדונג ניט באַקומען אין זייער מוטער-שפּראַך, האָט זיי געפֿעלט גלויבן און איבערצײַגונג אין דער גײַסטיקער נאַרהאַפּט פֿון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. זיי זײַנען דעריבער געווען צו שוואַך צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד קעגן די אָרגאַניזירטע באַקעמפֿער פֿון ייִדיש. אַגעוו האָבן די ייִדיש ריידנדיקע ייִדן געקלערט, אַז די קעגנער פֿון ייִדיש, סײַ די ענגליש-דײַטשע ייִדן, סײַ די „חובבֿי-ציון" און ביכלאַל ציִעניסטן

זײַנען מער וועלטלעך און מער געבילדעט ווי זיי. אַלס מיטל=שטאַנדישער עלעמענט, וואָס האָט ביכלאַל אַן אַפּאַטישע באַציִונג און איז אינדיפֿערענט צו קולטורעלע איניאַנים, האָט ער קוים געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, ווען זײַן מוטערשפּראַך און ליטעראַטור איז פֿון זיי באַליידיקט געוואָרן. 2) דער ליטווישער ייִד איז געווען צו פֿיל פֿאַרנומען מיטן אײַנאָרדענען זיך עקאָנאָמיש, צו זײַן עקאָנאָמיש דערפֿאָלגרײַך, איז געווען פֿאַרנומען מיט געשעפֿט=זאַכן און האָט געלאָזן דעם איניען מוטערשפּראַך „זאָל גיין ווי עס גייט".

אָט די דעפֿענסיווע שטעלונג מיצאַד דעם גרעסטן טייל פֿון די ייִדיש ריידנדיקע ייִדן, האָט געשאַפֿן בײַ זיי אַ דעמאָראַ=ליזירנדיקן צושטאַנד בענויגייע זייער מוטערשפּראַך. אין אַ מעשעך פֿון יאָרן האָט אָט די אַפּאַטישע שטעלונג צו זייער מוטערשפּראַך געבראַכט דערצו, אַז מאַנכע פֿון זיי גופֿע האָבן גענומען קוקן אויף זייער מוטערשפּראַך און ליטעראַטור מיט פֿאַראַכטונג און געשעמט זיך מיט איר ווי מיט אַ זשאַרגאָן, באַטראַכט איר ווי אַ גאָלעס=שפּראַך.

אין דער צײַט, ווען ס'איז אָנגעפֿירט געוואָרן אַ פּערמאַ=נענטע דירעקטע און אומדירעקטע פּראָפּאַגאַנדע קעגן ייִדיש — ווי קעגן אַ זשאַרגאָן און גאָלעס=שפּראַך — זײַנען די עלעמענטן, וועלכע האָבן געדאַרפֿט אָנפֿירן אַ מוטיקן קאַמף קעגן אָט דער דעגענערירנדיקער אַנטי=ייִדיש שטעלונג, געווען ניט ווידערשטאַנדס=פֿעיִק, ניט גענוג פּראַקטיש און דעריבער צו שוואַך. קיין ייִדישע פּרעסע, וואָס זאָל פּראָקלאַמירן ייִדיש אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך פֿון די מיזרעך=אייראָפּעיִשע ייִדן און פּאָפּולאַריזירן די ייִדישע ליטעראַטור — איז ניט געווען. קיין פֿעסטע ייִדישע קולטור=אָרגאַניזאַציעס (מיטן אויסנאַם פֿון ייִדישן ליטעראַרישן פֿאַריין מיט זײַנע פּעריאָדישע צײַטשריפֿטן, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין יאָהאַנעסבורג) זײַנען ניט געווען. פֿון אַ ייִדישן צענטער איז מען געווען זייער ווײַט. די עלעמענטן, וועלכע האָבן אַ נאָר=

מאָלע באַציִונג צו זייער מוטערשפּראַך און צו זייער ליטעראַטור און האָבן אַ פאַרלאַנג צו זען, אַז ניט נאָר זאָל יִדיש אין דאָרעם־אַפריקע ניט פאַרוואַסערט ווערן און ניט פאַרמיִעסט ווערן, נאָר פאַרקערט ס'זאָל אויפבליען, — האָבן זיך קימאַט ווי אין גאַנצן פאַרלאָזן אויף דער אימיגראַציע. מ'האָט געהאָפט, אַז דער פרישער שטראָם פון יִדיש ריידנדיקע אימיגראַנטן וועט אַרײַנברענגען נײַע קולטור־קייכעס, פרישע יונגע בלוט, ס'וועט אויפלעבן און געזונט מאַכן דעם קרענקלעכן צוגאַנג צו יִדיש און ס'וועט זײַן אַ שטאַרקער אַנטידאָט קעגן דער אַגיטאַציע פון פײַנד פון יִדיש און קעגן דער אָפּגעלאָזנקייט און אַפּאַטיע, קעגן דער פאַרגרעבטער באַציִונג צו זייער מוטערשפּראַך.

די יִדיש ריידנדיקע אימיגראַנטן פון דער צווייטער (נאָך מילכאָמע־) טקופע זײַנען עס געווען די, אויף וועלכע מען האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען, אַז זיי וועלן אַרויסטרײַבן דעם קולטורעלן דאַלעס און זײַן דער פאַרייִנגערונגס־מיטל פאַר דער אָפּגעלעבטקייט און אַפּאַטישער „זאָל גיין ווי עס גייט"־שטעלונג פון די סאַך יִדיש ריידנדיקע יִדן אין דאָרעם־אַפריקע צו זייער מוטערשפּראַך און ליטעראַטור. מ'האָט דאָך מיט רעכט גערעכנט דאָס דערוואַרטן: זיי קומען פון דעם יִדישן צענטער; אין יענע יאָרן האָט דאָך שוין די יִדישע ליטעראַטור זיך גוואַלדיק אַנטוויקלט און זיך צעוואַקסן, איז געוואָרן אַ גרויסער פאַקטאָר אין קולטורעלן און טאָגטעגלעכן לעבן פון די יִדן אין מיזרעך־אייראָפּע. איז אָבער די אימיגראַציע נאָך דער וועלט־מילכאָמע אויך געווען הויפּטזעכלעך פון ליטע. דער עלעמענט, וועלכער איז געקומען, איז געווען אַ באַלעבאַטיש־קליינבירגערלעכער און אַ העברעיִש־ציעניסטישער. ער איז געווען שטאַרק באַאײַנפלוסט פון דער גרויסער העברעיִסטישער פּראָפּאַגאַנדע און פון די שטאַרקע ציעניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זײַנען שטאַרק פאַרשפּרייט אין ליטע. דער דאָזיקער עלעמענט איז היבש באַאײַנפלוסט געווען פון דעם נאַציאָנאַליזם, וואָס העברעיִש טראָגט אַרײַן מיט

זיך — אַ נאַציאָנאַליזם, וואָס מאַכט צו קליינגעלט זייער מוטער־שפּראַך און איר ליטעראַטור און פּראָקלאַמירט קינסטלעך העברעיִש אַלס די איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך פֿון די ייִדן און וויל אײַנשמועסן, אַז ייִדיש איז נאָר אַן אָנשיקעניש, אַ פֿאַרזעעניש, וואָס „דער גאָלעס האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן".

די יעניקע, וועלכע האָבן געלייגט גרויסע האָפֿענונגען אויף דער נאָך־מילכאָמע־אימיגראַציע, אַז דורך איר וועט קומען אַן אויפֿלעבונג פֿון ייִדישער קולטור אין דאָרעם־אַפֿריקע — זײַנען געבליבן שטאַרק אַנטוישט.

פֿון צווישן די צענדליגער טויזנטער ייִדיש ריידנדיקע, וועלכע זײַנען געקומען פֿון ליטע נאָך דער וועלט־מילכאָמע, זיינען ניט געווען אַפֿילע קיין האַלבער טוץ קולטור־טוער אָדער געזעלשאַפֿטלעכע טוער, וועלכע זאָלן האָבן אינטערעס און פֿעיִקייטן פֿאַר קולטור־אַרבעט און ליטעראַטור.

מיטן אויסנאַם פֿון אַ קליינער צאָל קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער אָדער סטאַם אַרבעטער און אַמכאָ־מענטשן זײַנען קיין דאָרעם־אַפֿריקע געקומען מענטשן, וועלכע האָבן אַ גלײַכגילטיקע באַציִונג צו קולטור־פֿראַגן, און דער גאָר גרעסטער טייל איז באַשטאַנען פֿון די, וועלכע האָבן אַן אויסגעשפּראָכענע נעגאַטיווע שטעלונג צו דער מוטערשפּראַך און צו דער ייִדישער ליטעראַטור.

ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און אָט דער פֿאַרהעברעיִזירטער אימיגראַנט האָט אָנגעהויבן לערנען ענגליש און אַרײַנצומישן ענגליש אין זײַן ייִדיש. שפּעטער צו האָט מען שוין גערעדט אַ צעקאַליעטשעטן ייִדיש. מ'האָט גענומען איבערזעצן (און איבערפֿירן) ענגליש אין ייִדיש — די שפּראַך אין וועלכער זיי טראַכטן. העברעיִש, זייער נאַציאָנאַלע שפּראַך, איז געבליבן פֿאַר זיי אַ טראַדיציאָנעלער כאָלעם. דעריבער איז העברעיִש געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע סובלימירונג פֿאַרן שעמען זיך מיט זייער מוטערשפּראַך ייִדיש.

עס שטעלט זיך אַ פֿראַגע, וואָס זײַנען געווען די סיבעס, וועלכע האָבן פֿאַראורזאַכט, אַז אַ סאַך פֿון די ייִדיש ריידנדיקע

יידן אין דאָרעם־אַפריקע זאָלן האָבן אַזאַ שענדלעכע שטעלונג צו יידיש און וואָס זיי שעמען זיך פּאָשעט דירעקט צי אומדירעקט מיט זייער שפּראַך?

די סיבעס זײַנען פאָלגנדיקע:

1) קיין דאָרעם־אַפריקע איז ניט געקומען קיין אַרבעטער־עלעמענט — דער עלעמענט, וואָס איז דער טרעגער פון יידיש און יידישער ליטעראַטור, אַן עלעמענט, וועלכער באַקעמפט די קעגנער פון יידיש.

2) דער עלעמענט, וועלכער איז געקומען אַהער, האָט ביכלאַל ניט קיין קולטורעלע באַציִונג צו ליטעראַטור.

3) דעם עלעמענט, וועלכער איז אַהער געקומען, האָט מען נאָך געדאַרפט לערנען, דערציִען און באַקענען מיט דער יידישער ליטעראַטור; און אַזאַ אינטעליגענץ, וואָס זאָל זײַן באַרופן צו טאָן די דאָזיקע אַרבעט איז אַהער קימאַט ניט געקומען.

4) די עלעמענטן, וועלכע האָבן אַ נעגאַטיווע און פײַנדלעכע באַציִונג צו יידיש, זײַנען שטאַרק און גוט אָרגאַניזירט.

אָבער אַכוץ די אויבן דערמאָנטע סיבעס איז פאַראַן נאָך איין וויכטיקער פאַקטאָר. דאָס איז דער אינפעריאָריטעט (שיפלעס)־קאָמפּלעקס פון דעם אומקולטורעלן באַלעבאַטישן קליינשטעטלשן עלעמענט.

עקאָנאָמיש איז אומבאַדינגט נייטיק צו קענען ענגליש. איז דאָך אָבער אַפריקאַנס — די אַנדערע אָפיציעלע לאַנדשפּראַך — אויך עקאָנאָמיש אומבאַדינגט נייטיק. און ס'איז דאָך צוליב עקאָנאָמישע סיבעס אויך וויכטיק צו קענען איינע אָדער עטלעכע פון די פילע באַנטו־לעשוינעס.

ווי קומט עס, וואָס דער גרעסטער טייל פון די יידיש ריידנדיקע יידן שטרעבן צו ריידן נאָר ענגליש און איבערנעמען זיך נאָר מיט דער ענגלישער קולטור און ניט מיט אַפריקאַנס (אויסשליסנדיק, פאַרשטייט זיך, די גאָר ווייניקע אויסנאַמען)?

קאָמערציעל איז דאָך אין פּראָווינץ אַפּריקאַנס ניט נאָר ווichtיק, נאָר נויטווענדיקער ווי ענגליש. וואָלט דאָס געווען אַן עקאָנאָמישע סיבע, וואָלטן דאָך ייִדן, לעבנדיק צווישן אַפּריקאַנס רײדנדיקע, גערעדט און זיך אַסימילירט מיט אַפּריקאַנס. אַ פֿאַקט איז דאָך, אַז צווישן זיך (מיט גאָר ווייניק אויסנאַמען) רײדן זיי ייִדיש אָדער ענגליש. הייסט דאָך דאָס, אַז אײנעם שטרעבן צו רײדן נאָר ענגליש און זיך איבערצונעמען מיט דער ענגלישער קולטור, שטעקט קיין עקאָנאָמישע סיבע ניט.

איז דאָס דען דער פּראַקטישער כוש פֿון די ייִדן צו דער־שפּירן די גרויסקייט פֿון דער ענגלישער ליטעראַטור און איר וועלטלעכקייט, וואָס זאָל האָבן געטריבן דעם ייִדן אַזוי פֿלײַסיק צו וועלן זיך אָנשליסן אָן איר?

איז דאָך דער פּראָצענט פֿון די ייִדיש רײדנדיקע ייִדן, וועלכע שעמען זיך מיט ייִדיש און וועלכע קענען טאַקע די ענג־לישע ליטעראַטור און זעען די גרויסקייט פֿון דער ענגלישער ליטעראַטור, זייער אַ קלײנער. און די צאָל פֿון די ייִדן, וועלכע פֿאָרן אַרויס מיכוץ דאָרעם־אַפֿריקע צו זען די אַלוועלטלעכקייט פֿון ענגליש, איז דאָך נאָך קלענער.

דאָס רײדן און שטרעבן צו קענען רײדן נאָר ענגליש קומט דערפֿון, וואָס ענגליש איז אַ שטאַטשפּראַך דאָ אין דאָרעם־אַפֿריקע. ענגליש איז די שפּראַך פֿון די גרעסערע שטעט און די קאָמערצשפּראַך אין לאַנד. ווו אָבער קומט דאָ אַרײַן די נויט־ווענדיקייט צו שעמען זיך מיט ייִדיש — די שפּראַך, אין וועל־כער זיי טראַכטן און פֿילן? דאָס שעמען זיך מיט ייִדיש איז דאָך בעשום אופֿן ניט קיין מיטל בעסער זיך אויסצולערנען ענגליש. פֿאַרקערט: ווען מען האָט ניט קיין רעספּעקט פֿאַר דער מוטערשפּראַך, ווי קען מען רעספּעקטירן יענעמס שפּראַך? ווען מען האָט ניט קיין רעספּעקט פֿאַר זיך, ווי אַזוי קען מען געווינען רעספּעקט פֿאַר זיך אין די אויגן פֿון אַנדערע?

(ס'איז אינטערעסאַנט, אַז אַן ענלעכע דערשײַנונג פֿלעגט מען דאָ באַמערקן בײַ די בורן, ווען זיי פֿלעגן אַרײַנקומען אין די שטעט. זיי פֿלעגן זיך שעמען מיט זייער מוטערשפּראַך אַפֿריקאַנס. דאָס איז געווען איידער אַפֿריקאַנס איז געוואָרן מעלוכיש דערהויבן).

אין דער צײַט, ווען די ייִדיש רײדנדיקע ייִדן אין ד'אַפֿריקע האָבן זיך קימאַט ווי גאָרניט אַסימילירט ריטועל (געמישטע כאַסענעס, שמאַדן זיך) און גאָר ווייניק געזעלשאַפֿטלעך, האָבן זיי זיך יאָ אַסימילירט שפּראַכלעך, איבערגענומען אויסערלעכע געוווינהייטן און מאַניערן. זייערע קינדער שיקן זיי נאָר אין ענגלישע שולן און אוניווערסיטעטן און זיי ווערן אויסערלעך אַנגליזירט.

דאָס שעמען זיך מיט ייִדיש איז בלויז דער אויסערלעכער סימפּטאָם פֿון וועלן אונטערדריקן און פֿאַרווישן זייער קליינשטעטלדיקייט, פֿון וועלכער זיי ווילן זיך באַפֿרײַען. ווײַל ניט נאָר מען שעמט זיך מיט דער מוטערשפּראַך, נאָר מיט דעם גאַנצן נאָענטן אַמאָל, פֿון וועלכן זיי ווילן, קענטיק, מיט געוואַלד פּאָטער ווערן. דער באַגריף „גרינער“, „אַ גרינער“ איז אַ באַליידיקונג און איז דער סימבאָל פֿון צוריקגעשטאַנענקייט, אומדערפֿאַרנקייט און פּרימיטיווער נאַיִוויטעט. אַגעוו איז דאָס אַ פֿאַקט, אַז „גרינע“ ריידן ייִדיש. ייִדיש איז די שפּראַך פֿון „גרינע“. דעריבער, קענטיק, ווײַל מען זיך וואָס מער דערווײַטערן דערפֿון.

דער פֿאַרלאַנג צו ווערן „גוט אָפּ“, אַרײַנצופּאַסן זיך און נאָכמאַכן אין עקאָנאָמישן און סאָציאַלן לעבן די ענגלענדער, האָט אָנגענומען די פֿאָרם פֿון וועלן אָוועקגיין פֿון דעם אַמאָליקן איך, מיט וועלכן, קענטיק, מען שעמט זיך. אָפֿט זעט מען אַפֿילו ווי ניט לאַנגאָניקע אימיגראַנטן ווילן פֿון זיך אַראָפּוואַרפֿן די היימישע, אַזוי צו זאָגן, בעגאָדים נאָך איידער זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אַרײַנצוקריכן אין די נײַע.

אָט די שטעלונג צו זייער מוטערשפּראַך און צו זייער נאָענטן אַמאָל, דאָס הייסט — צו זיך אַליין, שטעלט זיי אין אַ טראַגיקאָמישער פּאָזיציע, אין וועלכער זיי זענען אויס קאַריקאַ־טורמעסיק.

די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן די יידיש רעדנדיקע און זייערע היגע געבוירענע קינדער

די ליטווישע ייִדן זײַנען געווען צו פֿיל פֿאַראינטערעסירט צו זײַן עקאָנאָמיש דערפֿאָלגרײַך. די פֿילע גרויסע עקאָנאָמישע דערפֿאָלגן האָבן זיי געגעבן אַן איבערשאַצונגס־ווערדע פֿון זיך אַליין. די מאַטעריעלע דערפֿאָלגן פֿון אַ סאַך ייִדן האָבן זיי (די ייִדן) ווי פֿאַרשיקערט און אַטראָפֿירט זייער פֿאַרלאַנג פֿאַר גײַסטי־קער שפּײַז און פֿאַר קולטור־אינטערעסן, ווײַל זיי האָבן געזען, אַז טראָץ דעם, וואָס זיי זײַנען מענטשן אָן מאָדערנער בילדונג און אָן וויסן, האָבן זיי דאָך געמאַכט אַזעלכע גרויסע מאַטעריעלע דערפֿאָלגן.

ניט געקוקט דערויף, וואָס די, וועלכע האָבן געהאַט אַ מינדערווערטיקן צוגאַנג און באַציִונג צו ייִדיש, האָבן זיי אָבער גלײַכצײַטיק געהאַט גרויס דערעך־ערעץ פֿאַר ענגליש און ענגלישע מאַניערן. אַ סאַך ייִדן האָבן זייערע קינדער געשיקט לערנען אין ענגלישע שולן און אוניווערסיטעטן; זיי געלערנט צו ווערן דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, דענטיסטן און אַנדערע פֿרײַע פּראָפֿעסיעס. זייער פּראַקטישער כוש, קענטיק, האָט זיי אונטערגעזאָגט, אַז קיין בעסערע אינוועסטירונג איז ניט געווען. אַ זון אַ דאָקטאָר, אַן אַדוואָקאַט אד״גל איז כוק, וואָס עס באַצאָלט זיך גוט, גיט עס קאָוועד און פּרעסטיזש. עפּשער האָט זיי טיילווײַז געטריבן דערצו זייער שטאָטישער פֿאַרלאַנג צו אַריסטאָקראַטיזם, און עפּשער דער ווונטש אָוועקצונעמען די קינדער פֿון קרעמערײַ און מאַכן פֿון זיי מיטגלידער פֿון דער פֿרײַער פּראָפֿעסיע.

אַ גוואַלדיקן איַינדרוק האָט געמאַכט אויף זייערע קינדער דער פאַקט, וואָס אַ סאַך עלטערן שעמען זיך מיט זייער מוטער־שפּראַך און מיט זייער נאָענטן אַמאָל און ווילן אים איגנאָרירן. מיינען די קינדער, אַז די עלטערן האָבן ווירקלעך מיט וואָס זיך צו שעמען און קריגן אַ פאַראַכטונג צו די עלטערנס מוטערשפּראַך און צו זייער נאָענטן אַמאָל. די עלטערנס, אַזוי צו זאָגן, שעמען זיך מיט זיך רופט אַרויס אַ מינדערווערטיקייט־געפיל פון די קינדער צו די עלטערן. אַזוי אַרום איז אויסגעוואַקסן אַ גוואַלדיקע מעכיצע צווישן די עלטערן און זייערע קינדער, ווײַל גײַסטיק און קולטורעל האָבן זיי קיין שום געמיינזאַמס ניט. אָפט באַטראַכטן די קינדער דעם טאַטן פאַר אַ גוטן געלט־טײַסטער.

צוויי וועלטן, וועלכע קומען זיך ניט צוזאַמען...

ס'איז אַ טראַגישער בילד, וואָס דערמאָנט אָן דעם פּײַנ־לעכן געפיל פון אַ הון, וואָס זעט אין טײַך שווימען אירע אויס־געבריטע ענטלעך און די מאַמע־הון שטייט און קוקט און קען ניט מיטמאַכן.

די ייִדישע פּרעסע
(אין ייִדיש) [1]

אין גאַנצן פֿינף און פֿערציק יאָר, ווי ס'איז דערשינען די ערשטע ייִדישע צײַטונג אין דאָרעם-אַפֿריקע און מיר האָבן ניט אַפֿילע קיין ביבליאָגראַפֿישע גענויקייט וועגן דער פּרעסע, וואָס איז אַרויס אין מעשעך פֿון אָט דער צײַט.

לאָמיר דורכגיין דעם בייס-אוילאָם פֿון דער דאָרעם-אַפֿרי-קאַנער ייִדישער פּרעסע.

די ערשטע ייִדישע צײַטונג איז געווען דער „אַפֿריקאַנער איזראַעליט" — אַן אַכטבלעטלדיקע וואָכנשריפֿט, אַרויסגעגעבן אין 1890 אין יאָהאַנעסבורג און קימאַט אין גאַנצן אויסגעפֿילט פֿון רעדאַקטאָר גופֿע (אין „דאָס נײַע וואָרט" גיט אָן י. ש. יודעלאָוויץ אַלס יאָר פֿון דערשײַנען פֿון „אַפֿריקאַנער איזראַעליט" דאָס יאָר 1891. און אין S. A. Jewish Year Book פֿון יאָר 1929 ווערט אָנגעגעבן דאָס יאָר 1890). דער רעדאַקטאָר איז געווען נ. ד. האָפֿמאַן. דער „אַפֿריקאַנער איזראַעליט" האָט קוים „געלעבט" זעקס כאַדאָשים (דער זעלבער רעדאַקטאָר האָט אַרויסגעגעבן אַלע איבע-ריקע צײַטונגען אין קייפּטאָון). דעם 1טן אַפּריל 1895 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ וואָכן-צײַטונג מיטן נאָמען „האור", וועלכע האָט עקסיסטירט ביזן 5טן יולי 1897 (אין דעם מאָנאַטלעכן

---

1 כּיצ אַן איבערבליק „צו דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער פּרעסע אין דרום-אַפֿריקע" אין „דאָס נײַע וואָרט" 1916 פֿון י. ש. יודעלאָוויץ, The Jewish Press in S. A. אין The S. A. Jewish Year Book 1929 פֿון זעלביקן מעכאַבער, איז קימאַט ווי גאָרנישט געשריבן געוואָרן וועגן דער ייִדישער פּרעסע אין דאָרעם-אַפֿריקע.

זשורנאַל „דער אַפריקאַנער" (קייפּטאָון), אין אַפּריל־העפט פון יאָר 1914, שרייבט נ. ד. האָפמאַן, אַז זיין צייטונג „האור" האָט עקסיס־טירט פינף יאָר). דערנאָך ווערט דורך דעם זעלבן רעדאַקטאָר אַרויסגעגעבן מיט שותפים „דער אידישער העראָלד"—אַ וואָכנבלאַט, וואָס האָט אויפגעהערט צו עקסיסטירן אין 1898. דעם 1טן אויגוסט 1898 גיט ער אַרויס (מיט שותפים) די וואָכן־צייטונג „דער אידישער טעלעגראַף", וואָס האָט עקסיסטירט ביז ענדע 1902. פון 11טן סעפּטעמבער 1902 ביז אָקטאָבער 1905 איז אַרויסגעגאַנגען אַ וואָכן־צייטונג פון זעלבן רעדאַקטאָר (מיט שותפים) „די אידישע פאָלקס צייטונג". דעם ערשטן יאַנואַר 1909 האָט נ. ד. האָפמאַן אַרויסגעגעבן (אין קייפּטאָון) אַ כוידעש־צייטונג מיטן נאָמען „דער אַפריקאַנער", וועלכע האָט אָנגעהאַלטן ביז אַפּריל 1914 (נ. ד. האָפמאַן שרייבט אין אַפּריל־העפט פון „דעם אַפריקאַנער" 1914 אין „אַ ביסל ווענן זיך זעלבסט", אַז זיין זשורנאַל „דער אַפרי־קאַנער" „גיבן מיר שוין אַרויס פאַר די לעצטע זיבן יאָר").

אין 1896—7 איז אַרויס אין יאָהאַנעסבורג אַ וואָכנשריפט „די אַפריקאַנישע אידישע גאַזעטן", וועלכע האָט עקסיסטירט אַן ערעך אַ יאָר צייט. דער רעדאַקטאָר איז געווען ב. בערמאַן. אין 1898 איז אַרויס אין יאָהאַנעסבורג „דער עקספּרעס" — אַ וואָכן־צייטונג אונטער דער רעדאַקציע פון ש. פאָגעלסאָן (האָט עקסיסטירט בערעך אַ יאָר). „דער קריגסשטאַפעט" איז אַרויסגעגאַנגען אין קייפּטאָון טעגלעך. ער איז דערשינען אין דער צייט פון דעם בוריש־ענגלישן קריג (1899—1902). דער רעדאַקטאָר איז געווען ד. גאָלדבלאַט. דעם 17טן יוני 1903 איז דערשינען אין יאָהאַ־נעסבורג אַ וועכנטלעכע צייטונג „הכוכב", וועלכע האָט עקסיסטירט ביז 1908. דער רעדאַקטאָר איז געווען ז. טרויב. אין 1904 זיינען דערשינען דריי וועכנטלעכע צייטונגען: „דער אידישער אַדוואָ־קאַט" אין קייפּטאָון מיט ד. גאָלדבלאַט אַלס רעדאַקטאָר („דער אידישער אַדוואָקאַט" האָט אָנגעהאַלטן ביז 1914); „דער שטראַל" איז דערשינען אין קייפּטאָון און האָט, קענטיק, אָנגע־

האַלטן ניט לאַנג. דער רעדאַקטאָר איז געווען ל. מאַנפֿריד; אין יאָהאַנעסבורג איז אין יענעם יאָר דערשינען „די אידישע (פֿרײַע) פּרעסע", וועלכע האָט אָנגעהאַלטן פֿינף כאַדאָשים. דער רעדאַקטאָר איז געווען ב. לעוויצקי. דעם 25סטן פֿעברואַר 1909 איז דערשינען אין יאָהאַנעסבורג „די יודישע פֿאָהן". אין אָנהייב איז זי אַרויס אַלס צווייוואָכנדיקע צײַטונג. דערנאָך פֿלעגט זי דערשײַנען יעדע וואָך. פֿון 2טן מײַ ביזן 1טן יולי 1913 איז זי דערשינען טעגלעך, אַכוץ שאַבעס און זונטאָג. דערנאָך איז זי דערשינען צוויי מאָל אין וואָך. דעם 22סטן אויגוסט 1913 איז זי אַרויס צום לעצטן מאָל. דער רעדאַקטאָר איז געווען בענציָען הערש. אין 1910 איז דערשינען אין יאָהאַנעסבורג „די אידישע שטימע" — אַ וואָכנבלאַט, וואָס האָט עקסיסטירט בעערעך 5 כאַדאָשים. רעדאַקטאָר איז געווען ש. יאָפֿע. אין 1911 האָט ש. פֿאָגעלסאָן אַרויסגעגעבן אין יאָהאַנעסבורג אַ וואָכן־צײַטונג „דער אַפֿריקאַנער". נאָך ש. פֿאָגעלסאָנס טויט איז דער רעדאַקטאָר געווען ה. פּאָלסקי. „דער אַפֿריקאַנער" איז אַרויס אין מעשעך פֿון גאַנצע 23 יאָר — די לענגסטע צײַט, וואָס אַ יִדישע צײַטונג האָט אָנגעהאַלטן אין דאָרעם־אַפֿריקע. אין יוני 1912 איז אין יאָהאַנעסבורג אַרויס נאָר איין נומער פֿון אַ וועכנטלעכער צײַטונג „וועכנטלעכע נײַעס". דער רעדאַקטאָר איז געווען מ. שלאָנימסקי. ער מיט אַ גרופּע „יִדישע שרײַבער" האָבן אַרויסגעגעבן „די נײַע צײַט", וואָס האָט אָנגעהאַלטן פֿון אויגוסט ביז אָקטאָבער. עס זײַנען אַרויס צוויי מאָנאַטלעכע און פֿיר וועכנטלעכע נומערן. אין 1912 איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו אַרויסצוגעבן אַ טעגלעכע צײַטונג „די יאָהאַנעסבורגער טאַגעבלאַט". דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 12טן דעצעמבער, דער צווייטער — דעם 17טן דעצעמבער. דערנאָך איז זי דערשינען טעגלעך ביז ענדע יאַנואַר 1913. רעדאַקטאָר איז געווען א. רענדעל.

„די נײַע היים" (פֿלעגט אַרויסגיין פֿינף מאָל אין וואָך) איז דערשינען אין יאָהאַנעסבורג פֿון 22סטן יאַנואַר ביזן 3טן

מערץ 1913. רעדאַקטאָר איז געווען י. ש. יודעלאָוויץ. דעם 2טן יולי 1916 האָט דער ייִדישער ליטעראַרישער (און דראַמאַטי־שער) פֿאַראיין אַרויסגעגעבן אַ ליטעראַרישן כוידעש־זשורנאַל „דאָס נײַע וואָרט". עס זײַנען אַרויס נאָר פֿינף נומערן. אין 1917 איז אַרויס „דער הינערוויג" (אין ענגליש האָט עס געהייסן The Birds Eye). דערנאָך איז דערשינען „דער שטראָם", וועלכער האָט אָנגעהאַלטן ניט רעגולער בעערעך אַ פֿופֿצן כאַדאָשים. רעדאַק־טאָר איז געווען א. רעווינזאָן. אין 1919 האָט די (לינקע) פּויאַליי־ציען־גרופּע אין יאָהאַנעסבורג אַרויסגעגעבן אַ כוידעש־זשורנאַל „אונדזער וועג". רעדאַקטאָר — ש. קאַרטון. „אונדזער וועג" איז אַרויסגעגאַנגען ניט רעגולער, אָבער ס'האָט אָנגעהאַלטן צוויי און אַ האַלב יאָר. אין 1922 איז דערשינען „דרום־אַפֿריקע", אַ ליטעראַרישער כוידעש־זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פֿון ייִדישן ליטע־ראַרישן פֿאַראיין. ער האָט אָנגעהאַלטן צען כאַדאָשים און איז ווידער אויפֿגעלעבט געוואָרן אין 1928, האָט עקסיסטירט פֿון יולי 1928 ביז מערץ 1930. רעדאַקטאָר איז געווען י. מ. שערמאַן און די לעצטע נומערן האָט רעדאַקטירט א. מ. פּינקוס.

דער ייִדישער ליטעראַרישער פֿאַראיין האָט פֿאַרקויפֿט „דרום־אַפֿריקע" צו א. שאַבאַן. שפּעטער צו איז י. מ. סעוויץ אַרײַנגע־טראָטן אַלס שוטעף. דער ערשטער נומער אונטער דער נײַער רעדאַקציע איז אַרויס אין יולי 1930. אין אָקטאָבער 1930 איז „דרום־אַפֿריקע" אַרויס מיט אַן ענגלישער בײַלאַגע אונטער דעם נאָמען „אידישע טריבונע". אין יאַנואַר 1931 האָט „דרום־אַפֿריקע" געביטן דעם נאָמען און האָט זיך אָנגערופֿן „אידישע טריבונע", אָנהאַלטנדיק ביז מערץ 1932, ווען רעב י. מ. גערוויס האָט איבערגענומען א. שאַבאַנס כיילעק. די „אידישע טריבונע" איז געוואָרן אַ האַלב מיזראָכיסטישע צײַטונג. י. מ. סעוויץ פֿלעגט שרײַבן ליבעראַלע אַרטיקלען און י. מ. גערוויס — מיזראָכיסטישע. אין אָקטאָבער 1932 איז די „אידישע טריבונע" איבערגעגאַנגען צו י. בלומענטאַל און איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעוויזיאָ־

ניסטישן כוידעש=זשורנאַל. די „אידישע טריבונע" האָט אָנגעהאַלטן ביז סעפּטעמבער 1933.

אין 1924 איז אַרויסגעגאַנגען „די אידישע שטימע" — אַ וואָכנבלאַט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן פערצן וואָכן. רעדאַקטאָר איז געווען א. רעווינזאָן. אין אַפּריל 1931 האָט דער בלומפאָנ=טיינער יידישער ליטעראַרישער פאַראיין אַרויסגעגעבן אַ ליטעראַ=רישן זשורנאַל „פריסטייטער באַגינען" (אַרויס נאָר איין נומער). אין אָקטאָבער 1931 איז אַרויסגעגאַנגען אין בלומפאָנטיין, פון אַ גרופּע ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור, אַ זשור=נאַל „באַגינען". דער צווייטער נומער און לעצטער איז אַרויס אין מערץ 1932. די דריי זשורנאַלן זיינען די איינציקע זשורנאַלן (און צייטונגען), וועלכע זיינען ווען עס איז דערשינען כוץ יאָהאַ=נעסבורג און קייפּטאָון.

אין מיי 1932 האָט דער יאָהאַנעסבורגער אַרבעטער=קלוב אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל „די פּראָלעטאַרישע שטימע". עס זיינען דערשינען 7 נומערן (מיי, אויגוסט, סעפּטעמבער, אָקטאָבער און אַ טאָפּעלער נומער נאָוועמבער — דעצעמבער 1932. איין נומער — אין נאָוועמבער 1933 און דער לעצטער נומער איז דערשינען אין יאַנואַר 1934).

דאָס זיינען אַן ערעך די מאַציייוועס=אויפשריפטן פון דער דאָרעם=אַפריקאַנער יידישער פרעסע. די איינציקע צווי עקסי=סטירנדיקע צייטונגען (ביידע אין יאָהאַנעסבורג) זיינען „די אַפרי=קאַנער אידישע צייטונג" — אָנגעהויבן דערשיינען אין 1931 אַלס וועכנטלעכע צייטונג. לעצטנס דערשיינט זי צוויי מאָל אַ וואָך. די צווייטע צייטונג איז „דער יידישער עקספּרעס", וואָס דער=שיינט וועכנטלעך זינט 1934.

נאָכן דורכשפּאַצירן דעם בייס=אוילאָם פון דער דאָרעם=אַפריקאַנער יידישער פרעסע איז קעדיי זיך אָפּצושטעלן כאָטש אויף עטלעכע פון די „מאַציייווע"=שרייבערס.

ג. ד. האָפמאַן ווערט באַצייכנט אַלס פּיאָנער און וועטעראַן פון דער יידישער פּרעסע, ניט נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט אַרויס־געגעבן און געווען דער רעדאַקטאָר פון דער ערשטער יידישער צייטונג אין לאַנד, נאָר אויך דערפאַר, ווייל ער איז געווען באַשעפטיקט און פאַראינטערעסירט דריי און צוואַנציק יאָר אין אַרויסגעבן פון צייט צו צייט צייטונגען אין יידיש. ג. ד. האָפמאַן איז געווען אַ ייד אַ מאַסקל, אַ העברעיִשער זשורנאַליסט און אַ באַטלען. זיין באַציִונג צו יידיש קען ווייזן דער פאַקט, וואָס ער אַליין באַצייכנט עס אַלס זשאַרגאָן. אין אַפּריל־נומער (1914) פון זיין „דער אַפריקאַנער" אין „אַ ביסל וועגן זיך זעלבסט" שרייבט ער צו „ווערטע פריינדע, לאַנדסלייט און פאַטראָנייזערס" ערינע־רונגען פון די „זשאַרגאָנישע צייטונגען", וועלכע ער האָט אַרויס־געגעבן. אויף ווי ווייט ער האָט געקענט שרייבן יידיש קען ווייזן דער פאַקט, וואָס אַלע דריי אַרטיקלען, וועלכע ער האָט צוגעשיקט צום דרוקן אין „דאָס נייע וואָרט" (1916) זיינען פאַרוואָרפן געוואָרן ווי ליטעראַריש ניט דרוקפעיִקע. ז. טרויב, דער רעדאַק־טאָר פון „הכּוכב" (איינע פון די בעסערע צייטונגען, וועלכע האָט עקסיסטירט 5 יאָר), איז געווען אַ ייִד, וואָס האָט געדאַווענט דריי מאָל אין טאָג און איז געווען דער סעקרעטאַר פון „חבֿרה ש"ס" אין „גרינעם" שטרענג אָרטאָדאָקסישן בייס־מעדרעש. ער האָט געוויס געקענט מער ש"ס און זיך מער אינטערעסירט דערמיט, ווי מיט דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. בענציִען הערש איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „די יודישע פאָהן" (איינע פון די ווייניק בעסערע צייטונגען, וועלכע האָט אויך אין אַ געוויסער מאָס אָנגעמוטיקט יונגע שרייבער). ער איז געווען אַן איבערגע־געבענער פאַנאַטישער ציִעניסט.

די רעדאַקציע פון „די יודישע פאָהן" האָט געמאַכט אַ קאַמ־פּיין פאַר אַבאָנענטן. אָט ווי אַזוי מען האָט עס געטאָן: „קריגט סובסקרייבערס — האָט מען אַנאָנסירט — פיר די „פאָהן" און דערביי וועט איר פאָלגענדעס געווינען: 1) איר וועט אונטער־

שטיצן אַ ציוניסטישע צײַטונג, 2) איר װעט אונטערשטיצן דעם נאַציאָנאַל־פֿאָנד, 3) איר װעט האָבן געפּלאַנצט אויל־בוימער אָדער געקויפֿט לאַנד אין ארץ־ישראל אין אײַער נאָמען און אײַך װעט עס ניט קאָסטן". „פֿאַר יעדע דרײַ יערליכע אַבאָנענטן איין אייל־בוים, און פֿאַר יעדע פֿופֿצן יערלעכע אַבאָנענטן איין דונאַם ערד". „װי באַװוּסט איז דער פּרײַז פֿון יעדן אויל־בוים זעקס שילינג און פֿון אַ דונאַם לאַנד—צװיי פֿונט" („די יודישע פֿאָהן", 28 דעצעמבער 1911).

ש. פֿאָגעלסאָן, דער רעדאַקטאָר פֿון „עקספּרעס" און דער־נאָך דער גרינדער פֿון „אַפֿריקאַנער" (יאָהאַנעסבורג) — האָט ניט געקענט און זיך ניט אינטערעסירט מיט דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

„דער אַפֿריקאַנער" אין יאָהאַנעסבורג האָט אָנגעהויבן דער־שײַנען, װען ס'איז אַרויס אין קייפּטאָון (זינט יאַנואַר 1909) אַ מאַנאַטשריפֿט פֿון נ. ד. האָפֿמאַן מיטן זעלבן נאָמען. האָפֿמאַן האָט געשריבן פֿאָגעלסאָנען, װי אַזוי רופֿט ער עס אָן זײַן װאָכנ־בלאַט „דער אַפֿריקאַנער", װען האָפֿמאַנס מאָנאַטלעכע צײַטונג אין קייפּטאָון רופֿט זיך דאָך אויך „דער אַפֿריקאַנער". דערויף האָט אים פֿאָגעלסאָן געענטפֿערט: „איר װעט מיר אַנטשולדיקן, איך האָב גאָרניט געװוּסט, אַז אין קייפּטאָון גייט אַרויס אַזאַ צײַטונג" (א. שאַבאַן, „45 יאָר יידישע פּרעסע אין דרום־אַפֿריקע". „יידישער עקספּרעס", 23 יאַנואַר 1936).

װי קומט עס, װאָס די עטלעכע צענדלינג צײַטונגען, װעלכע זײַנען אַרויסגעגעבן געװאָרן אין דאָרעם־אַפֿריקע, האָבן געהאַט אַ געמאַטערטע עקסיסטענץ און אַ קורצן (מיט װייניקע אויסנאַ־מען) קיעם? איז דען ניט געװען קיין באָדן פֿאַר אַ יידישער צײַטונג אָדער צײַטונגען אין דאָרעם־אַפֿריקע? ניט נאָר איז דאָ געװען גענוג פּלאַץ פֿאַר אַ ניט געמאַטערטער װאָכן־צײַטונג, נאָר אַפֿילו פֿאַר אַ טעגלעכער צײַטונג פֿאַר די לעצטע צװיי—דרײַ צענדלינג יאָר. אָבער דערצו האָט מען געדאַרפֿט האָבן מענטשן

מיט אַ כוש פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכקייט, נאָרמאַלער באַציִונג צו דער שפּראַך (און ליטעראַטור), אין וועלכער די צײַטונגען זײַנען גע־דרוקט געוואָרן, אַן אינטערעס פֿאַר דער אַלגעמיינער געזעלשאַפֿט און פֿאַר די פּראָבלעמען פֿון ד׳־אַפֿריקע. מען האָט אויך געדאַרפֿט באַזיצן די פֿעיִקייט פֿון צעאַקערן און צוגרייטן אַ באָדן פֿאַר אַ ייִדישער פּרעסע אין דאָרעם־אַפֿריקע. די דאָרעם־אַפֿריקאַנער ייִדישע בלעטער זײַנען ניט געווען אונטער דער רעדאַקציע פֿון דערצו באַרופֿענע פּערזאָנען (מיטן אויסנאַם עפּשער פֿון די ליטע־ראַרישע צײַטונגען).

ווי געזאָגט, האָבן — אין קולטורעלן זין — די ייִדיש ריידנדיקע ייִדן אין דאָרעם־אַפֿריקע זיך ווייניק אַסימילירט מיט דער ענגלישער און בורישער שפּראַך. כאָטש אַהער איז געקו־מען אַן עלעמענט, וועלכער האָט פֿריִער בײַ זיך אין דער היים זיך ניט אינטערעסירט מיט צײַטונגען, האָט זיך אָבער אין דעם פּראַט די לאַגע אין גאַנצן געביטן, ווען אָט די זעלביקע מענטשן זײַנען געקומען קיין דאָרעם־אַפֿריקע. אַלס עמיגראַנט האָט פֿאַר אים אַ צײַטונג געמיינט אַ סאַך מער ווי אַ ײַנגענעמער צײַטפֿאַר־טרײַב אָדער אינפֿאָרמאַטיווער אָרגאַן. אַ צײַטונג האָט אים גע־דאַרפֿט פֿאַרבינדן מיט דער אַלטער היים, נאָך וועלכער ער האָט געבענקט. זי האָט געדאַרפֿט לינדערן זײַן איינזאַמקייט, ניט צו לאָזן צו זײַן בײַ זיך אַראָפּגעפֿאַלן און ניט זײַן דערשלאָגן פֿון דער פֿרעמדקייט צו דער נײַער סוויווע. זי האָט געדאַרפֿט וועקן אין אים אַ זעלבסטווערדע, לערנען אים, באַקענען און פֿאַרקניפּן אים מיט די נײַע באַדינגונגען און מיט די מענטשן פֿון לאַנד, וועקן אַ געזעלשאַפֿטלעכן אינטערעס און שאַפֿן פֿאַר אים אַ וואַ־רעמקייט און היימישקייט אין דער שפּראַך, וואָס ער פֿאַרשטייט, אין וועלכער ער טראַכט און פֿילט — אין דער שפּראַך, אין וועל־כער ער לעבט און פֿילט זיך היימיש.

אַז אַ גרויסער טייל פֿון די אימיגראַנטן האָבן געהאַט אַן אינטערעס און גערן געלייענט אַ ייִדישע צײַטונג, ווײַזט דער

פֿאַקט, וואָס אַ סאַך ייִדישע צייַטונגען, דער איקער פֿון אַמעריקע, פֿלעגן אַרייַנקומען יעדע וואָך אַפֿילו פֿאַר דעם ענגליש-בורישן קריג. די צאָל אַרייַנגעקומענע צייַטונגען איז נאָך דעם קריג שטאַרק געוואַקסן.

אין די „ליטעראַרישע בלעטער" פֿון 27סטן אָקטאָבער 1933 אין אַן אַרטיקל א"נ „ייִדיש אין דרום-אַפֿריקע און נאָך עפּעס" שרייַבט י. מ. שערמאַן: „איך האָב זיך געווענדעט צו די ייִדישע בוכהאַנדלונגען דאָ אין לאַנד. די נעמלעכע בוכהאַנדלונגען האָבן גערן געגעבן די פֿאָלגנדיקע ידיעות. דער סך-הכּל פֿון די אינפֿאָרמאַציעס איז, אַז וואָך פֿאַר וואָך גייען זיך פֿונאַנדער אין דרום-אַפֿריקע פֿינף טויזנט פֿינף הונדערט ייִדישע צייַטונגען". אין דעם „גייען זיך די לאָקאַלע וואָכנבלעטער פֿונאַנדער אין אַ פּאָר טויזנט". „נעמענדיק אין חשבון, דאָס איין עקזעמפּלאַר ווערט געלייענט פֿון צוויי, דרייַ און אין פֿיל פֿאַלן אויך פֿון פֿיר פּערזאָן, באַקומט זיך אַ סך-הכּל פֿון צוואַנציק טויזנט ייִדישע לייענער אין דרום-אַפֿריקע".

י. מ. שערמאַן האָט פֿאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז מאַנכע קריגן אַרייַן דרייַ, פֿיר, פֿינף צייַטונגען אַ וואָך. אין דער סטאַטיסטיק קומען ניט אַרייַן די צייַטונגען, וואָס אַ סאַך ייִדיש לייענענדיקע באַקומען דירעקט פֿון אַמעריקע און אייראָפּע אָן דער פֿאַרמיטלונג פֿון די היגע בוכהענדלער. אַ סאַך פֿלעגן קריגן די אויסלענדישע צייַטונגען דירעקט, ווייַל דאָס פֿלעגט אויסמאַכן ביליגער און אויך קעדיי צו באַקומען די פּרעמיעס, וואָס מאַנכע צייַטונגען גיבן. די אויבן דערמאָנטע סטאַטיסטיק איז נאָר פֿון יאָר 1933. עס איז גרינג זיך פֿאָרצושטעלן, אַז פֿריִער איז דער טיראַזש פֿון די אויסלענדישע צייַטונגען געווען נאָך אַ גרעסערער. דער טיראַזש פֿון די היגע צייַטונגען ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט קיין מאָל ניט אַריבערגעשטיגן אַ דריטל פֿון די אויסלענדישע צייַטונגען.

וואָלט מען, צום בײַשפּיל, אָוועקגעשטעלט פֿאַר אַ מינימום, וואָס מ׳קען פֿאַרלאַנגען פֿון אַ רעדאַקטאָר, אַז ער מוז קענען שרײַבן אַ ליטעראַרישן ייִדיש, האָבן אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו ייִדיש אַלס די שפּראַך פֿון אַ סאַך מיליאָנען ייִדן און ניט אַלס גאַלעס־שפּראַך אָדער זשאַרגאָן, און אַז ער מוז קענען און זײַן פֿאַראינטערעסירט מער אָדער ווייניקער אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור — וואָלט מען גאָר, גאָר ווייניק געזען פֿון די קוואָרים, וואָס געפֿינען זיך אויף דעם דאָרעם־אַפֿריקאַנישן ייִדישן פּרעסע־בייס־אוילאָם.

לויט דעם לייען־מאַטעריאַל פֿון דאָס ראָוו ייִדישע צײַטונגען, וואָס זײַנען געדרוקט געוואָרן אין דאָרעם־אַפֿריקע, וואָלט שווער געווען פֿאַר עמעצן אין אייראָפּע צו מישפּעטן, וווּ די צײַטונג דערשײַנט. די ייִדישע פּרעסע האָט געזינדיקט ניט נאָר קעגן די ייִדן, נאָר אויך קעגן דאָרעם־אַפֿריקע גופֿא.

א. וו. ווײַס שרײַבט זייער ריכטיק אין יולי־נומער, 1928, פֿון „דרום־אַפֿריקע“: „נעמט אַרונטער פֿון דעם שער־בלאַט „יאָהאַנעסבורג, דרום־אַפֿריקע“ און די צײַטונג האָט געקענט דערשײַנען אין האָנאָלולו, טשילי, פּערו אאַז״וו. די דרום־אַפֿריקאַנער ייִדישע פּרעסע איז אַ וווּנד אויף דעם קערפּער פֿון דרום־אַפֿריקאַנער ייִדנטום“.

די פּרעסע וואָס איז יאָ דערשינען, האָט ניט אויסגעפֿילט דעם בלויז פֿון אַ ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכער פּרעסע אין דאָרעם־אַפֿריקע. דער גרעסטער טייל פֿון דעם באָדן פֿאַר אַ דאָרעם־אַפֿריקאַנישער ייִדישער פּרעסע איז געבליבן ניט צעאַקערט; און דער טייל, וואָס איז יאָ געווען אַ ביסל צעאַקערט, איז פֿאַרוואַקסן געוואָרן מיט ווילדע גראָזן, ווײַל עס האָט געפֿעלט דער ציל, די איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך און ס׳האָט געפֿעלט גלויבן אין איר. די ליטעראַרישע זשורנאַלן, וועלכע זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿון געזעלשאַפֿטן מיט אויפֿריכטיקייט און ליבע, האָבן געזייט אויף אַ פֿאַרדאַרטן, ניט קיין צוגעגרייטן באָדן. האָט עס ניט געהאַט קיין דערפֿאָלג. די ייִדישע פּרעסע אין דאָרעם־

אַפֿריקע האָט בעשום אויפֿן ניט אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן און שטרעבן פֿון די ייִדן און נאָך ווייניקער האָט זי אָפּגעשפּיגלט די אַלגעמיינע לאַגע פֿון די אַנדערע אײַנוווינער פֿון לאַנד. זעלטן ווען פֿלעגט זײַן געדרוקט אַן אַרטיקל אָדער דערציילונג, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען דאָס לעבן פֿון די ייִדן אָדער ניט־ייִדן פֿון לאַנד.

אַלע צײַטונגען, וועלכע זײַנען דערשינען דאָ זײַנען אַרויס־געגעבן געוואָרן פֿון פּריוואַטע אונטערנעמער (מיטן אויסנאַם פֿון ליטעראַרישע אויסגאַבעס, „אונדזער וועג" און „די פּראָלעטאַ־רישע שטימע"). און די אַרויסגעבער זײַנען קוידעם־קאָל געווען פֿאַראינטערעסירט אין דעם פֿינאַנסיעלן דערפֿאָלג פֿון דער צײַ־טונג. זיי האָבן (מיט זייער קליינע אויסנאַמען) געוואָלט צופֿרידנ־שטעלן די, פֿון וועמען זיי פֿלעגן קריגן פֿינאַנסיעלע שטיצע. דער אַנאָנסן־קריגער („קאַנוועסער") פֿלעגט אָפֿט געבן דעם טאָן דער צײַטונג. ער פֿלעגט אָפֿט „פּאַסקענען", וועלכע אַרטיקלען קענען ברענגען אַנאָנסן און וועלכע — ניט. מ'האָט ניט געוואָלט און מען האָט מוירע געהאַט זיך אײַנצורײַסן מיט עמעצן (אויסנאַמען, נאַטירלעך, זײַנען געווען).

האָט מען וויכטיקע פֿראַגן פֿון ייִדישן לעבן אין דאָרעם־אַפֿריקע, וועלכע פֿאָדערן אַן אַקטיווע אַגיטאַציע מיצאַד דער פּרעסע — אָפֿט פֿאַרשוויגן, אָדער מען פֿלעגט גלאַט נעמען דערצו אַ פּאַרעווע שטעלונג. יעדע פֿראַגע פֿלעגט באַטראַכט ווערן פֿון דעם שטאַנדפּונקט, צי עס גרײַפֿט ניט אָן קוידעם־קאָל די ציוני־סטישע אָנפֿירונג אָדער אידעאָלאָגיע, און צי עס גרײַפֿט ניט אָן די רעליגיעזע „מאַכט", פֿון וועלכער זיי האָבן געצויגן — דער־הויפּט דורך די אַנאָנסן—פּאַרנאָסע. די ייִדישע צײַטונגען פֿלעגן זײַן צופֿרידן, אַז מען טשעפּעט ז י י ניט. דעריבער האָבן די צײַטונ־גען אָנשטאָט צו קאָנצענטרירן זיך אויף דעם געזעלשאַפֿטלעך־עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן און אַנטוויקלונג פֿון די ייִדיש רײדנדיקע און פֿון לאַנד גופֿא — געקאָרמעט די לייענער מיטן אייוועך־לעיאַם, און דאָס אויך אין אַ קליינער מאָס. ס'איז ביכלאַל געווען ווייניק לייענשטאָף. איז אויב די היגע צײַטונג שרײַבט

וועגן לעבן פון יענער זײַט יאַם און ווייניק וועגן היגן לעבן, טאָ פּאַר וואָס ניט קריגן לעכאַטכילע די אויסלענדישע צײַטונגען, וועלכע גייען אַרויס אין אַ פּיל גרעסערן פֿאָרמאַט און אַנטהאַלטן גרויסע „שפּאַנענדיקע" ראָמאַנען, וויצן אד"גל. די היגע יִדישע פּרעסע האָט, ווי די יִדן דאָ גופֿע, געצויגן איר כּעיונע פֿון דאָרעם־אַפֿריקע, אָבער גײַסטיק לעבט מען מיט דער אַלטער היים.

מאַנכע יונגע לײַט מיט פֿעיִקייטן צום שרײַבן — יונגע מענטשן, בײַ וועלכע מען האָט געקענט אַנטוויקלען טאַלענט — זײַנען (מיט ווייניק אויסנאַמען) ניט גענוג אָנגעמוטיקט געוואָרן דורכן רעדאַקטאָר און די פּרעסע גופֿע האָט זיי אָפּגעשטויסן. גאָר אַ היפּשע צאָל יונגע מענטשן, וועלכע האָבן גאַנץ געלונגען אָנגע־שריבן אַ ליד אָדער אַ דערציילונג, זײַנען צוליב דעם אין גאַנצן אַוועקגעגאַנגען פֿון יִדיש. די היגע פּרעסע האָט אָפּגעוווינט און געפּלאַנצט אַן אַפּאַטיע צו יִדישע צײַטונגען.

דער אינהאַלט און דער מעהוס פֿון דער היגער יִדישער פּרעסע דערמאָנט אָן דעם ענטפֿער, וואָס איינער האָט געגעבן, ווען מען האָט אים מעכאַבעד געווען מיט אַ גלאָז קאַווע און מ'האָט אים געפֿרעגט, ווי עס געפֿעלט אים די קאַווע. האָט ער געענטפֿערט: „די קאַווע האָט אַ מײַלע און אַ כיסאָרן. די מײַלע באַשטייט דערין, וואָס זי האָט ניט קיין ציקאָריע; דער כיסאָרן אָבער איז, וואָס זי האָט קיין קאַווע אויך ניט". אַזוי בעערעך קען מען כאַראַקטעריזירן די דאָרעם־אַפֿריקאַנער פּרעסע. איר מײַלע, אויף וועלכער מאַנכע ווײַזן אָן, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט ניט געהאַט קיין שונד. איר כיסאָרן אָבער איז, וואָס זי איז ביכלאַל געווען פּוסט, ניט אינטערעסאַנט און אינהאַלטלאָז. טראַכט מען וועגן דער קליינער צאָל פֿון אירע לעזער מוז מען צווייפֿלען, צי די אויבן דערמאָנטע מײַלע האָט טאַקע אין דער עמעסן עפּעס אַ ווערט. ווען מיר דערמאָנען זיך, צום בײַשפּיל, אָן דער אַנטוויקלונג פֿון דער יִדישער פּרעסע אין אַמעריקע, קען מען ניט אָפּלייקענען, אַז דורך איר „העכסט אינטערעסאַנטקייט"

און „שפּאַנענדע“ ראָמאַנען, האָט זי ווייניקסטנס געשאַפן אַ גוואַלדיק גרויסע לייענער־מאַסע, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דאָרטן אַ וויכ־טיקער קולטור־פאַקטאָר.

די יידישע צייטונגען האָבן ניט דערפילט זייער פונקציע. אָנשטאָט זייער דערציִערישער אויפגאַבע און אָנשטאָט צו דערפילן די פליכט צו באַדינען, דערנערן גייסטיק, פירן און ווייזן דעם וועג, געבן דעם טאָן און קאָלאָריט פון לעבן; אָנשטאָט דערמוטיקן און קעמפן קעגן שעדלעכע סימפּטאָמען, אָנשטאָט לערנען און אידענטיפיצירן זיך מיטן לעבן ניט נאָר פון די יידן אַליין, נאָר אויך פון די ניט־יידן, אָנשטאָט גיין מיט דער יידישער מאַסע און פירן זי פאָרויס — האָט זי זיך בלויז נאָכגעשלעפּט, געווען מאַכטלאָז און אימפּאָטענט. דעריבער האָט זי ניט איבערגעלאָזט קיין ווירקונג.

ליטעראַרישער „אייגנס“ פון די ייִדן אין דאָרעם-אַפריקע

ייִדיש ריידנדיקע געפינען זיך שוין דאָ איבער פופציק יאָר. די דאָרעם-אַפריקאַנער ייִדן גופא און די ייִדיש ריידנדיקע פון דער גאַנצער וועלט האָבן דעריבער מיט רעכט געקענט דערוואַרטן ליטעראַרישע (אָדער האַלב ליטעראַרישע) ווערק, וועלכע זאָלן אָפשפיגלען דאָס לעבן, ליידן און שטרעבן פון די אַריבערגעקומענע ייִדן, בורן, ענגלענדער און פון די מיליאָנען שוואַרצהויטיקע — ווערק, וועלכע וואָלטן דאָך אַריינגעוועבט די האַלב טראָפּישע, פוילע און איינגענעמע, די פריינדלעכע און אויך אומפריינדלעכע נאַטור און קלימאַט פון דאָרעם-אַפריקע מיט אירע ראַכוועסדיקע פרי מיטיווע ווילדע ליידיקייטן, בערג, טאָלן, פון זון פאַרברענטע מאָנאָטאָנע פעלדער, פעלדער באַגרינטע, וואָס באַפוצן די גרויקייט פון אַרום און אויך די שיינע לאַנדשאַפטן. מען האָט געהאַט רעכט צו דערוואַרטן ווערק, וואָס זאָלן אָפּשפיגלען די וויכטיקע און אינטערעסאַנטע פּראָבלעמען, ווי די קעגנזייטיקע באַציִונגען צווישן בורן, ענגלענדער, ייִדן אאַז״וו.

מיט גאָר ווייניק אויסנאַמען [1] זיינען אַזעלכע ווערק נאָך ניט דערשינען. איז דאָס דען מעגלעך, אַז די שאַרפע לויטערע

[1] די איינציקע אויסנאַמען זיינען: א) נ. ד. האָפמאַנס „ספר זכרונות“ (1916). כאָטש דאָס בוך האָט ניט קיין ליטעראַרישן ווערט, האָט עס אָבער יע, אין אַ געוויסער מאָס, אַ דאָרעם-אַפריקאַנישן ווערט. ב) „שוואַרץ און ווייס“ — ניין דערציילונגען וועגן דאָרעם-אַפריקאַנער לעבן פון ראַכמיעל פעלדמאַן (אַרויסגעגעבן אין 1935); ג) דאָוויד פראַמס „לידער און פאָעמען“ (1931). דער גאָר גרעסטער טייל פון דעם בוך איז געשריבן אין און וועגן ליטע. עס אַנטהאַלט

שטראַלן פֿון דער דאָרעם־אַפֿריקאַנער זון און די מאַגישע צוציִונג פֿון גאָלד און דימענטן, וואָס קומען אַרויס פֿון די געדערים פֿון דער דאָרעם־אַפֿריקאַנער ערד האָבן אַטראַפֿירט דעם ליטעראַרישן שאַפֿונגס־קייאַך בײַ די ייִדיש ריידנדיקע? ס'איז דאָך ניט מעגלעך, אַז די ייִדיש ריידנדיקע אין דאָרעם־אַפֿריקע זאָלן אויפֿן ליטעראַריש־קולטורעלן געביט זײַן נאָר „דראָנען" (פֿױלענצער־בינען) און ניט פֿאַרמאָגן אויך בינען, וואָס שאַפֿן האָניק.

וואָס זײַנען די סיבעס?

כוץ די פֿריִער דערמאָנטע הויפּטסיבעס איז פֿאַראַן אַ גאָר וויכטיקער פֿאַקטאָר, און דאָס איז: די ייִדיש ריידנדיקע דאָ האָבן זיך ניט אידענטיפֿיצירט מיט דער זיך גיך אַנטוויקלענדיקער און וואַקסנדיקער פֿולבלוטיקער היגער ליטעראַטור אין אַפֿריקאַנס — אַ ליטעראַטור, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן (ביז גאָר ניט לאַנג בלויז פֿון די ווײַסהויטיקע) און די נאַטור פֿון דאָרעם־אַפֿריקע (דער ערשטער רעאַליסטישער בוך „אַמפּי" איז דערשינען אין 1924).

ווען די ייִדיש ריידנדיקע האָבן גענומען קומען קיין דאָרעם־אַפֿריקע, האָבן זיי געפֿונען אַזאַ לאַגע: די שוואַרצהויטיקע, וועלכע האָבן באַטראָפֿן אַן ערעך אַכציק פּראָצענט פֿון דער דאָרעם־אַפֿריקאַנער באַפֿעלקערונג, האָבן געפֿירט אַ פּרימיטיוון שטייגער לעבן און האָבן בכלל ניט געהאַט קיין ליטעראַטור. די לאַגע בײַ די צוויי הערשנדיקע ווײַסהויטיקע פֿעלקער איז

אָבער אויך אַ היפּשע צאָל פּאָעמען, וועלכע האָבן אַ דאָרעם־אַפֿריקאַנישן כאַראַקטער און ווערט; ד) מאָריס האָפֿמאַנס בוך „וואַגלונגס־קלאַנגען" (1935). דאָס בוך אַנטהאַלט אַ פּאָעמע „פֿון מאַלפּנהיים", וואָס טראָגט אַ דאָרעם־אַפֿריקאַנישן כאַראַקטער, און ה) י. מ. שערמאַנס בראָשור „די אַפֿריקאַנס־שפּראַך און ליטעראַטור" (1936). ס'איז קעדײַ צו באַמערקן, אַז לעצטנס זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן עטלעכע באַדײַטנדיקע ווערק אין ייִדיש (ווי, צום בײַשפּיל, י. מ. שערמאַנס „אין לאַנד פֿון גאָלד און זונשײַן"), וועלכע וואַרטן מ'זאָל זיי דרוקן, און ס'איז זייער מעגלעך, אַז מאַנכע פֿון זיי וועלן צו ערשט מוזן געדרוקט ווערן אין דער ענגלישער איבערזעצונג (!).

געווען אַזאַ: די ענגלענדער האָבן געלעבט אויסשליסלעך מיט דער קולטור און ליטעראַטור פֿון ענגלאַנד. בײַ די בורן דערקעגן איז די אָפֿיציעלע שפּראַך געווען האָלענדיש (נידערלאַנדיש). די שפּראַך פֿון דער קירך, פֿון דער אַריסטאָקראַטיע, פֿון די פֿאַר-מעגלעכע, די שפּראַך פֿון דער שול און פֿון דעם געבילדעטן עלעמענט איז געווען האָלענדיש. די ביבל, וועלכע קימאַט אַלע בורן האָבן געלייענט, די ביכער, זשורנאַלן און צײַטונגען זײַנען געווען געשריבן אין האָלענדיש. יעדער געביט פֿון בורישן קול-טורעלן לעבן איז געווען אונטער דער ווירקונג פֿון האָלענדיש. אָבער די שפּראַך, וואָס די בורישע מאַסע האָט גערעדט איז ניט געווען האָלענדיש. זי איז מערניט געווען ענלעך צו האָלענדיש. די גערעדטע שפּראַך האָט זיך שטאַרק אונטערשיידט פֿון דער געשריבענער ליטעראַטור. אַזוי אַרום האָט די מערהייט בורן, וועלכע האָבן געלעבט דערהויפּט אויפֿן לאַנד, קימאַט ווי גאָרניט געלייענט אַכוץ די ביבל. די מער פּראָגרעסיווע און די מער קולטור פֿאָדערנדיקע עלעמענטן בײַ די בורן האָבן דערזען דעם פֿאַקט (און די סטירע), אַז די גערעדטע שפּראַך אונטערשיידט זיך וואָס אַמאָל אַלץ מער און מער פֿון דער געשריבענער אָפֿיציעלער שפּראַך—האָלענדיש. זיי האָבן באַמערקט, אַז וואָס ווײַטער אַנטוויקלט זיך אַלץ מער און מער אַ באַזונדערע אייגנ-אַרטיקע שפּראַך בײַ די בורישע מאַסן. זיי האָבן דערפֿילט און געזען, אַז עס אַנטוויקלט זיך אַ גרויסער שפּראַכן-טהאָם, און אַז די שפּראַך און די ליטעראַטור, וואָס מען קריגט אין האָלענדיש איז אין דיסהאַרמאָניע מיט דער שפּראַך, אין וועלכער די מאַסן פֿילן זיך שפּראַכלעך אין גאַנצן היימיש.

מען האָט גענומען שטודירן און באַאַרבעטן די שפּראַך אויף וועלכער די בורישע מאַסן ריידן און מען האָט אָנגעהויבן זי צו אַנטוויקלען און שאַפֿן אין איר אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל זײַן פֿאַרשטענדלעך און צוטריטלעך פֿאַר די מאַסן. די קעגנערשאַפֿט צו דער אַנטוויקלונג און אָנערקענונג פֿון דער שפּראַך, וואָס

ווערט גערעדט דורך די מאַסן, די קעגנערשאַפֿט מיצד דער רעגירונג און פֿון די „מאַסקילים"=טיפּן, די קעגנערשאַפֿט פֿון דער קירך, אַריסטאָקראַטיע און ענגליש אַסימילירטע, איז געווען זייער גרויס. אויף ווי ווײַט זיי זיינען געווען פֿאַרביטערט, קען ווײַזן דער פֿאַקט, וואָס זיי פֿלעגן באַצייכענען אַפֿריקאַנס אַלס האָטענטאָטן=שפּראַך (דער קאַמף און די עלעמענטן, וועלכע האָבן אָנגעפֿירט דעם קאַמף קעגן אַפֿריקאַנס איז זייער ענלעך צום קאַמף פֿון די העברעיִסטן קעגן יידיש). דער קאַמף פֿאַר דער אָנערקענונג פֿון אַפֿריקאַנס האָט אַלץ מער און מער דערוואָרבן נײַע פּאָזיציעס און געשלאָגן קימאַט אומעטום טיפֿע וואָרצלען. דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך געענדיקט מיט אַ פֿולשטענדיקן זיג, ווײַל דאָס איז געווען אַ פֿאָלקס=באַוועגונג און אַ פּראָגרעסיווע. אין 1914 האָט מען שוין דערלויבט אין מאַנכע אָנפֿאַנגס=שולן צו לערנען אַפֿריקאַנס. אין 1917 איז אַפֿריקאַנס שוין דערלויבט געוואָרן אַלס געגנשטאַנד אין אַלע שולן. אין 1918 האָט דער פּאַרלאַמענט באַשלאָסן, אַז אַלע רעגירונגס=מעלדונגען צום בורן=פֿאָלק זאָלן געדרוקט ווערן אין אַפֿריקאַנס אַנשטאָט האָלענדיש. אין 1925 האָט אַפֿריקאַנס באַקומען פֿולע אָנערקענונג. אַפֿריקאַנס איז אָנערקענט געוואָרן אַלס די מוטער=שפּראַך און די איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך פֿון די בורן, אַלס אָפֿיציעלע מעלוכע=שפּראַך צו גלײַך מיט ענגליש.

נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די בורן ציילן אין דאָרעם=אַפֿריקע אומגעפֿער ניט מער ווי איינס מיט אַ פֿערטל מיליאָן נעפֿאַשעס, און אַז דער גאָר גרעסטער טייל פֿון זיי זײַנען פּויערים אָדער לאַנד=אײַנוווינער, האָבן זיי פֿאַר אַ גאָר קורצער צײַט און מיט אַ באַגרענעצטער צאָל שפּראַכלעך אַנטוויקלטע מענטשן, געשאַפֿן, פֿאַרהעלטניסמעסיק, זייער אַ שיינע און ספּעציפֿיש אַפֿריקאַנישע ליטעראַטור סײַ אין פּאָעזיע און סײַ אין פּראָזע.

זייער אַן אינטערעסאַנטע דערשײַנונג איז, וואָס די ברוינע, וועלכע ווערן אַגעוו פֿאַראַכט דורך די בורן — זיי זײַנען אַ געמיש

פון „ווײַסע" און „שוואַרצע" בלוט, אַ רעזולטאַט פון דער אורשפּרינגלעכער ווײַסער אימיגראַציע, זייערע גענעראַציעס און מאַלײַער, וועלכע באַטרעפן בעערעך אַ האַלבן מיליאָן נעפֿאַשעס, וואָס לעבן הויפּטזעכלעך אין דער קײפּ־פּראָווינץ — ריידן בלויז און אויסשליסלעך אַפֿריקאַנס, וועלכע איז אויך זייער מוטערשפּראַך.

די ענגלענדער אין דאָרעם־אַפֿריקע, האַגאַם זיי זײַנען אַ סאַך מער געבילדעט און מער קולטורעל אין פֿאַרגלײַך מיט די בורן, האָבן סײַ אַמאָל און סײַ אַפֿילע הײַנט ווייניק געשאַפֿן אין דער פּאָעזיע און אין דער פּראָזע אַזוינס, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען דעם גײַסט און דעם פּולס פֿון לעבן און פֿון דער נאַטור אין דאָרעם־אַפֿריקע. דאָס איז געשען דערפֿאַר, ווײַל סײַ אַמאָל און אין אַ גרויסער מאָס אויך הײַנט האָבן די ענגלענדער געצויגן זייער גײַסטיקע שפּײַז נאָר פֿון דער „היים" — ווי זיי רופֿן אָן מוטער ענגלאַנד. סײַ אַמאָל און אין אַ גרויסער מאָס הײַנט קריגן זיי זייער גײַסטיקע יעניקע און פֿלעגונג פֿון דער רײַכער, גרויסער ענגלישער קולטור און ליטעראַטור פֿון אייוועך־לעיאַם — פֿון ענגלאַנד.

די ייִדיש ריידנדיקע, וועלכע האָבן אַן אינטערעס און פֿילן אַ באַדערפֿעניש פֿאַר ליטעראַטור און גײַסטיקן שאַפֿן, האָבן סײַ אַמאָל און סײַ הײַנט געשעפּט זייער גײַסטיקע יעניקע פֿון דער נאַציאָנאַל־מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור פֿון יענער זײַט יאַם. מ'האָט זיך גײַסטיק געשפּײַזט מיט ביכער, זשורנאַלן און צײַטונגען, וואָס האָבן באַהאַנדלט דאָס ייִדישע און ניט־ייִדישע לעבן אין דער אַלטער היים. יעדער ליטעראַרישער און נאַציאָנאַלער אַרויסטריט דאָ, יעדע ליטעראַרישע און נאַציאָנאַלע פּאַרווײַלונג האָט אָפּגעשפּיגלט נאָר דעם אייוועך־לעיאַם, אָבער ניט דאָרעם־אַפֿריקע. ווען ס'האָבן גענומען אַרײַנדרינגען ניט־ייִדישע שטראָמען אין דער ליטעראַטור און קולטור־וועזן פֿון די ייִדיש ריידנדיקע אין דאָרעם־אַפֿריקע, זײַנען עס געווען ליטעראַרישע שטראָמען פֿון דער מעכטיקער ענגליש־אייראָפּעיִשער קולטור, אָבער ניט

פון דער דאָרעם־אַפריקאַנישער. די ייִדיש ריידנדיקע האָבן ניט גענומען קיין אָנטייל און זיך ניט אידענטיפיצירט (מיט גאָר, גאָר ווייניק אויסנאַמען) מיט דער אַפריקאַנס־ליטעראַטור, וועלכע איז הײַנט צו טאָג אין דאָרעם־אַפריקע די איינציקע ספּעציפיש אַפרי־קאַנישע שאַפנדיקע ליטעראַטור, ווי קליין זי זאָל ניט זײַן אין פאַרגלײַך מיט דער ענגלישער אָדער אַנדערע ליטעראַטורן.

דער פאַקט, וואָס די ייִדיש ריידנדיקע ייִדן דאָ אין לאַנד האָבן געלעבט נאָר מיט דער ייִדישער ליטעראַטור פון יענער זײַט יאַם און זיך אידענטיפיצירט נאָר מיט דער ענגלישער און ניט מיט דער אַפריקאַנס־ליטעראַטור, וועלכע וואָלט זיי באַוויזגן צו שרײַבן וועגן פּראָבלעמען פון ספּעציפיש אַפריקאַנישן לעבן און לאַנדשאַפט — אָט דער פאַקט איז אָן סאָפעק אַ וויכטיקע סיבע, וואָס האָט גורעם געווען דערצו, אַז מ'האָט נאָך גאָר אַזוי ווייניק געשאַפן אויפן פעלד פון דער ספּעציפיש אַפריקאַנישער ליטעראַטור אין ייִדיש.

דער ייִדישער ליטעראַרישער פֿאַראיין

אַז דער דאָרעם־אַפֿריקאַנישער ייִדיש ריידנדיקער עלעמענט האָט זיך גאָר ווייניק אידענטיפֿיצירט מיט דעם אַלגעמיינעם ייִדיש שאַפֿנדיקן לעבן אויפֿן ליטעראַרישן און קולטורעלן געביט, ווײַזט בוילעט דער פֿאַקט, וואָס דאָ האָבן עקסיסטירט גאָר ווייניק און שוואַכע קולטור־אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן געדאַרפֿט פֿאַרשפּרייטן און זײַן די טרעגער פֿון דער מאָדערנער יונגער ייִדישער ליטעראַטור און וועלכע האָבן געדאַרפֿט ווײַזן, וואָס פֿאַר אַ גרויסן קולטורוועַרט זי שטעלט מיט זיך פֿאָר.

איין איינציקער אויסנאַם איז געווען. און דאָס איז דער ייִדישער ליטעראַרישער (דראַמאַטישער) פֿאַראיין אין יאָהאַנעס־בורג.

כאָטש קייפּטאָון איז דער עלטסטער און צווייט גרעסטער צענטער פֿון די ייִדיש ריידנדיקע ייִדן אין דאָרעם־אַפֿריקע, דאָך האָט קייפּטאָון פֿאַר די לעצטע עטלעכע צענדלינג יאָר (פֿריִער אויך ווייניק) קיין זאַך מאַמאָשעסדיקס ניט געטאָן, וואָס זאָל האָבן אַ ווערט אויפֿן ליטעראַרישן און קולטורעלן געביט. ס'איז קעדײַ צו באַמערקן, אַז אין קייפּטאָון — אַ שטאָט, וואָס געפֿינט זיך טויזנט מײַל פֿון יאָהאַנעסבורג און איז די אַזוי גערופֿענע דאָרעם־אַפֿריקאַנישע פֿעסטונג פֿון ציעניזם — איז זינט 1914 ניט אַרויס־געגעבן געוואָרן קיין איין צײַטונג אָדער זשורנאַל. דאָרטן איז אַפֿילו ניט געמאַכט געוואָרן קיין פּרוּוו אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַ־

רישן זשורנאַל אין ייִדיש. די ייִדיש ריידנדיקע ייִדן אין קייפּ־טאָון האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין שום איניציאַטיווע און קיין שום אַקטיווקייט אויפֿן געביט פֿון ליטעראַטור און קולטור.

האַגאַם עס האָבן כוץ אין יאָהאַנעסבורג פֿון צײַט צו צײַט עקסיסטירט ליטעראַרישע פֿאַראיינען, ווי לעמאַשל, אין קייפּטאָון, בלומפֿאַנטיין, בענאָני און פּרעטאָריע, זײַנען זיי אָבער געווען פֿון קליינע גרופּן, וועלכע זײַנען מיט דער צײַט אײַנגעשלונגען גע־וואָרן דורך ראַדיקאַלע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס, אָדער זיי זײַנען סטאַם פֿאַרשווונדן.

דער ייִדישער ליטעראַרישער פֿאַראיין אין יאָהאַנעסבורג קען מיט רעכט אָנגערופֿן ווערן דער ייִדישער קולטור־אָאַזיס פֿאַר די ייִדיש ריידניקע ייִדן אין דאָרעם־אַפֿריקע.

דער ייִדישער ליטעראַרישער (דראַמאַטישער) פֿאַראיין, אָדער ווי ער איז געווען באַקאַנט מיטן נאָמען „דער פֿאַראיין", האָט זיך געגרינדעט אין אָקטאָבער 1912 און האָט עקסיסטירט אָן איבעררײַס ביז יוני 1932.

צוואַנציק יאָר (!) עקסיסטענץ פֿון אַזאַ אינסטיטוציע איז ניט קיין קלייניקייט פֿאַר אַזאַ יונגן ייִשעוו, וואָס געפֿינט זיך טויזנטער מײַלן פֿון אַ ייִדישן צענטער.

די צילן פֿון פֿאַראיין זײַנען געווען צו שאַפֿן אַ קולטור־צענטער, באַקענען און פֿאַראינטערעסירן די ייִדיש ריידנדיקע ייִדן אין דאָרעם־אַפֿריקע מיט דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַ־טור, מיטן ייִדישן און אַלגעמיינעם קולטור־לעבן פֿון דער אַלטער היים און פֿון דאָרעם־אַפֿריקע גופֿא דורך וואָרט, שריפֿט און בינע און מיט דער הילף פֿון דער ביבליאָטעק, וואָס „דער פֿאַראיין" האָט געגרינדעט.

מיט די גאָר שטאַרק באַגרענעצטע קולטור־קייכעס, וואָס דער פֿאַראיין האָט פֿאַרמאָגט, איז אים אויסגעקומען אָנצופֿירן זײַן אַקטיווקייט אויף ניט קיין צעאַקערטן פֿאַרלאָזענעם באָדן און אין אַ סוויווע, וואָס האָט פֿאַרמאָגט שטאַרקע קעגנערישע עלע־

מענטן — עלעמענטן, וואָס האָבן זיך באַצויגן צו דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור מיט ביטל, אַפּאַטיע און פאַרגרעבטער אומוויסנהייט.

דורכצופירן אין לעבן אָט די צילן פון אַן אָרגאַניזאַציע, ווי דער ייִדישער ליטעראַרישער פאַראיין, וועלכער האָט קיין מאָל ניט געטראָגן קיין פילאַנטראָפּישן כאַראַקטער, ווי דאָס ראָוו ייִדי־שע אָרגאַניזאַציעס—איז פאַרבונדן מיט אַ סאַך ענערגיע, איבער־געגעבענער אַרבעט און מיט... אַ סאַך מאַטעריעלע מיטלען. ביידע זאַכן האָבן געפעלט. און דאָס, נאַטירלעך, האָט טאָרמאָזירט די אַנטוויקלונג פון ליטעראַרישן פאַראיין. וואַרעמקייט, האַרציקע איבערגעגעבנקייט, ערנסט און ענטוזיאַזם— דאָס האָט דער ליטע־ראַרישער פאַראיין פאַרמאָגט, אָבער דאָס, קענטיק, איז ניט גענוג געווען.

קיין באַלעבאַטישע ליידיקגייער, וועלכע זאָלן האָבן אַ סאַך פרייַע צייַט צו טאָן טעכנישע אַרבעט, האָט דער פאַראיין קימאַט ווי ניט געהאַט. קיין מעצענאַטן אָדער רייַכע צווישן די אַקטיווע מיטגלידער — אויך ניט.

די פאַרוואַלטונגען, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פון ליטעראַרישן פאַראיין, פלעגן באַשטיין פון יונגע מענטשן, וועלכע פלעגן אַרבעטן בייַ טאָג און דעם פאַראיין האָבן זיי געקענט אָפּגעבן נאָר די אָוונטן.

די פינאַנסיעלע פראַגן, ווי דירעגעלט און סכירעס פאַרן סעקרעטאַר (האַגאַם מערסטנטייל איז געווען ניט קיין געצאָלטער סעקרעטאַר), דרוק־הויצאָעס, געלט אויף אייַנצוקויפן נייַע ביכער— דאָס פלעגט ניט נאָר פאַרנעמען דעם אויבנאָן פון די פאַרוואַל־טונגס־זיצונגען, נאָר דאָס איז געווען די קלאָלע, וואָס האָט געשטערט און האָט באַגרענעצט די טעטיקייט פון פאַראיין.

דער ליטעראַרישער פאַראיין, וואָס איז באַשטאַנען דער איקער פון ליטווישע ייִדן, האָט גרופּירט אַרום זיך מערסטנטייל די ליבעראַלע און ראַדיקאַלע עלעמענטן — אָנגעשטעלטע, אַרבע־

טער און סטאַם אַמכאָ. דאָס זײַנען געװען יונגע מענטשן, װעלכע האָבן ליב געהאַט זײער מוטערשפּראַך און געהאַט אַ נאָרמאַלע באַציִונג צו ייִדיש און צו דער ייִדישער ליטעראַטור.

די ערשטע יאָרן האָט דער פֿאַראײן געטראָגן אַ כאַראַקטער פֿון אַ סאָציאַלער פֿאַרװײַלונגס־אָרגאַניזאַציע פֿון ליבהאָבער פֿון ייִדישן װאָרט. ס'פֿלעגן פֿאָרקומען ליטעראַרישע פֿאָרלעזונגען, הומאָריסטישע אָװנטן, קאָנצערטן מיט אײנאַקטערס און פּלי־פּאָסט. דער פֿאַראײן איז געװען אַן אָרט, װוּ מ'פֿלעגט הײמיש און אײַנגענעם פֿאַרברענגען גײַסטיק אַן אָװנט.

אַ דאַנק דעם צופֿלוס פֿון אײניקע ערנסטע און מער קול־טורעלע קרײַזן אין פֿאַראײן, האָט די טעטיקײט גענומען טראָגן אַ מער ערנסטן און מער ליטעראַרישן כאַראַקטער.

אין 1916 האָט דער ליטעראַרישער פֿאַראײן אַרױסגעגעבן אַ זשורנאַל „דאָס נײַע װאָרט". דאָס איז געװען דאָס שענסטע, װאָס דרום־אַפֿריקע האָט אַרױסגעגעבן אין ייִדיש ביז דאַן. „דאָס נײַע װאָרט" האָט אָנגעהאַלטן פֿון יולי ביז ענדע דעצעמבער. אין לעצטן נומער שרײַבט די רעדאַקציע צו די לעזער: „אַלע מיטאַרבעטער פֿון זשורנאַל האָבן בעעמעס דערװיזן, אַז אױך דאָ איז מעגלעך אַרױסצוגעבן אַן אָנשטענדיקן זשורנאַל און שרײַבן אױף אַ רײנער ייִדישער שפּראַך". „אונדזער אױפֿגאַבע איז געװען צו שאַפֿן דאָ אין אַפֿריקע מיט היגע קרעפֿטן אַ קלײנע אָבער אָנשטענדיקע ליטעראַרישע מאָנאַטשריפֿט". „דער זשורנאַל גײט אונטער, װײַל ס'פֿעלן די ליטעראַרישע און נאָך מער די מאָראַ־לישע קרײַזן, װעלכע זאָלן אים אָנהאַלטן בײַם לעבן". „פֿון דער מאַטעריעלער זײַט זײַנען קײן שום מעניִעס ניט געװען".

דער ליטעראַרישער פֿאַראײן האָט קײן מאָל ניט געהאַט מער װי צװײ הונדערט און פֿופֿציק מיטגלידער, אַפֿילו אין זײַן בליִונגס־פּעריאָד. די סיבע איז געװען דאָס, װאָס מיטגלידער זײַנען געװען קימאַט ניט מער פּריװילעגירט, װי זײַטיקע מענטשן. ניט מיטגלידער פֿלעגן האָבן פּריװילעגיעס דערמיט, װאָס זײ

האָבן ניט געצאָלט קיין מיטגלידס־אָפּצאָל און דאָך פֿלעגן זיי האָבן די זעלבע נוצן און פֿלעגן קומען אויף אַלעם פֿאַרטיקן. כוץ נעמען ביכער פֿון ביבליאָטעק (אַפּילע ביכער צום לייענען פֿלעגן אַ געוויסע צײַט ניט מיטגלידער אויך קריגן פֿון פֿאַראיין־ביבליאָטעק, אײַנצאָלנדיק אָרועסגעלט) האָבן ניט מיטגלידער געקענט קומען צו אַלע אָוונטן און אונטערנעמונגען פֿרײַ. פֿאַרן זעלבן אַרײַנגאַנג־פּרײַז ווי מיטגלידער האָט יעדערער געקענט באַזוכן די מוזיקאַליש־וואָקאַלישע קאָנצערטן, טעאַטער־פֿאָרשטע־לונגען און אַנדערע פֿאַראַנשטאַלטונגען, וואָס דער פֿאַראיין פֿלעגט אײַנאָרדענען.

דער פֿאַראיין האָט געהאַט אַ ביבליאָטעק פֿון איבער פֿופֿצן הונדערט פֿון די נײַסטע ייִדישע ביכער, וועלכע זײַנען אָן שום סאָפֿעק געלייענט געוואָרן דורך טויזנטער מענטשן. טראָץ די באַגרענעצטע ליטעראַרישע קייכעס, האָט דער פֿאַראיין דורכגע־פֿירט ליטעראַרישע אָוונטן, לעקציעס, רעפֿעראַטן, דעבאַטן אויף ליטעראַריש־געזעלשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע טעמעס. דער פֿאַראיין האָט ניט געהאַט קיין מיטלען אַרויסצוגעבן צײַטונגען, פֿלעגן אָנשטאָט דעם פֿון צײַט צו צײַט ווערן אײַנגעאָרדנט לעבעדיקע צײַטונגען, כאַווײרים פֿלעגן פֿאַרלייענען זייערע ווערק. דער פֿאַראיין פֿלעגט פֿון צײַט צו צײַט אָרגאַניזירן מוזיקאַליש־וואָקאַלישע און גראַמאָפֿאָן־קאָנצערטן, בעאייס וועלכע מען פֿלעגט זינגען און שפּילן ייִדישע פֿאָלקסלידער. די דראַמאַטישע סעקציע בײַם פֿאַראיין פֿלעגט דורכפֿירן טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען, אויספֿירן איינ־אַקטערס. דער פֿאַראיין האָט עטלעכע מאָל אײַנגעאָרדנט אַ לייענ־צימער בײַ זיך אין לאָקאַל, וווּ מ׳פֿלעגט קענען קריגן אַכוץ לאָקאַלע אויך ייִדישע צײַטונגען און זשורנאַלן פֿון אַמעריקע און אייראָפּע. אָבער דאָס פֿלעגט לאַנג ניט אָנהאַלטן, ווײַל דאָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ סאַך הוצאָעס און ס׳האָט געפֿאָדערט, אַז אַ סאַך מענטשן זאָלן זיך אָפּגעבן דערמיט; און ווי געזאָגט, האָבן ביידע זאַכן געפֿעלט. דער פֿאַראיין האָט אויך געשטיצט ייִדישע

פֿאָלקסשולן אין ליטע און אין פּוילן. די וועכנטלעכע ליטעראַרישע אָוונטן און דעבאַטן אין פֿאַראיין זײַנען געוואָרן אַ געזעלשאַפֿטלעכע קולטור־אינסטיטוציע אין יאָהאַנעסבורג. מאַנכע פֿון די סעריעס וועכנטלעכע לעקציעס, ליטעראַרישע אָוונטן אָדער דעבאַטן האָבן אָנגעהאַלטן אָן איבעררײַס עטלעכע יאָר — אַ זאַך, וואָס אַפֿילע קיין ניט־ייִדישע אָרגאַניזאַציע האָט עס ניט באַוויזן דורכצופֿירן. נעמענדיק אין אַכט די זייער באַגרענעצטע קייכעס, איז דאָס אַ גוואַלדיק גרויסער אויפֿטו.

די אָוונטן אין פֿאַראיין פֿלעגן מערסטנטייל פֿאָרקומען דאָנערשטאָג. אין יאָהאַנעסבורג און אומגעגנט האָט יעדערער, וועלכער האָט געהאַט אַן אינטערעס און אַ פּאָזיטיווע באַציִונג צו ייִדיש, צו ייִדישער ליטעראַטור און קולטור, געוווּסט, אַז דאָנערשטאָג אָוונט קומט אין ליטעראַרישן פֿאַראיין עפּעס פֿאָר. די „דאָנערשטאָגדיקע אָוונטן" זײַנען געוואָרן אַ מין אינסטיטוציע. אין פֿאַרגלײַך מיט אַנדערע ליטעראַרישע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד זײַנען די לעקציעס, רעפֿעראַטן און דעבאַטן אין ייִדישן ליטעראַרישן פֿאַראיין געשטאַנען פֿאַרהעלטנישמעסיק אויף אַ הויכער מאַדרייגע אין ליטעראַרישן און קולטורעלן זינען. דער פֿאַראיין האָט אָנגעמוטיקט אַ סאַך כאַווײרים און ניט מיטגלידער צו שטודירן פֿאַרשיידענע טעמעס און שפּעטער דאָס פֿאָרלייענען פֿאַר דער אוידיטאָריע פֿון פֿאַראיין. יעדער רעפֿערענט און לעקטאָר האָט זיך באַצויגן צו די צוהערער פֿון פֿאַראיין מיט ערנסט און רעספּעקט; מ'האָט געוווּסט, אַז ס'וועלן דאָרט זײַן „כעווראַ", וועלכע ווייסן און פֿאַרשטייען. האָט עמעצער פֿון די רעפֿערענטן זיך ניט צוגעגרייט ווי געהעריק, אָדער האָט עמעצער גלאַט געפּלאַפּלט, האָט מען זיך ניט געשעמט און... „געצויגן זײַן אויפֿמערקזאַמקייט אויף דעם". די אָוונטן און די טעמעס האָבן — מיט גאָר ווייניק אויסנאַמען — געטראָגן אַן ערנסטן כאַראַקטער און די טריבונע פֿון פֿאַראיין איז געוואָרן אַ ליטעראַריש־קולטורעלע ראַדיקאַלע פֿאָלקס־טריבונע. דער ייִדישער ליטעראַרישער פֿאַראיין

איז עפּשער געווען די איינציקע אינסטיטוציע אין יאָהאַנעסבורג און אומגעגנט, וואָס פּלעגט ערנסט באַהאַנדלען ליטעראַרישע, קולטורעלע אָדער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּראַגן ניט נאָר פונעם יידישן שטאַנדפּונקט, נאָר אויך פונעם אַלגעמיין מענטשלעכן.

אין דער צייט פון דער וועלט־מילכאָמע האָבן זיך די אַקטיווע מיטגלידער פון פאַראיין אַריינגעוואָרפן מיט זייער גאַנצן ברען און ענטוזיאַזם אין די הילף־אַקציעס פאַר דעם כאָרעוו געוואָרענעם יידישן לעבן אין אייראָפּע; שפּעטער — אין רעקאָנסטרוקציע־ און קאָלאָניזאַציע־פאָנד. די אַקטיווסטע מיטגלידער פון פאַראיין זיינען געווען די אַקטיווסטע טוער אין דער אַקציע פאַר הילף („רעליף"), רעקאָנסטרוקציע און קאָלפאָנד.

אין 1922, ווען ס'איז געקומען אַהער פּערעץ הירשביין — דער ערשטער באַזוך פון אַ יידישן שרייבער אין דאָרעם־אַפריקע — האָט דער ליטעראַרישער פאַראיין אָרגאַניזירט אויסער אַ פייערלעכן קאַבאָלעס־פּאָנים אויך זיינע ליטעראַרישע און אַלגעמיינע אַרויסטריטן.

דער פאַראיין האָט דערפאָלגרייך פאַרוואַנדלט הירשביינס באַזוך אין אַ מאַניפעסטאַציע פאַר דער יידישער ליטעראַטור. די גרויסע זאַלן, אין וועלכע הירשביין פלעגט אַרויסטרעטן, זיינען געווען געפּאַקט. זיי האָבן געוויזן, אַז מ'קען אויפוועקן ביי אַ סאַך יידיש ריידנדיקע אין דאָרעם־אַפריקע אַן אינטערעס און סימפּאַטיע צו דער יידישער ליטעראַטור.

אין דעצעמבער 1922 האָט דער פאַראיין אַרויסגעגעבן דעם ערשטן נומער פון אַ כוידעש־זשורנאַל „דרום־אַפריקע". אין דער האַקדאָמע צום ערשטן נומער שרייבט די רעדאַקציע צווישן אַנדערן: „ווי יונג אונזער ישוב איז דאָ אין דעם לאַנד, ווי קליין אונזערע כוחות זיינען דאָ, פילן מיר אָבער, אַז ערגעץ ווו זיינען באַהאַלטן איינצלנע פונקען פון שאַפנדן גייסט — אָט די פונקען ווילן מיר קאָנצענטרירן". „דאָס יידישע גייסטיקע לעבן אינעם לאַנד איז אָרעם און דער יונגער ייד פילט עס. זיין נשמה איז אויף קעסט

מעבֿר־לים. אַלע זײַנע גײַסטיקע אינטערעסן זײַנען דאָרט. מיטן אַרויסגעבן דעם זשורנאַל „דרום־אַפֿריקע" ווילן מיר מאַכן אַ פּראָבע אַראָפּצוגיין אויף אייגענע קעסט". „מיר פֿאַרלירן ניט פֿון אויג די מעגלעכקייט פֿון אַ נײַער ייִדישער אימיגראַציע. די ייִדישע מאַסן אין דער אַלטער היים וועלן זיך ציִען אין אַלע ריכטונגען; און דרום־אַפֿריקע איז אַ לאַנד פֿון גרויסע פּערספּעקטיוון. די נײַע אימיגראַנטן וועלן קומען און ברענגען דאָ נײַע כּוחות אין אונזער ישובֿ. דרום־אַפֿריקע נייטיקט זיך אין יונגע פֿרישע כּוחות". „מיר האָבן ניט בדעה זיך אָפּצושליסן אין די ענגע ד' אמות פֿון ייִדישן לעבן. מיר זײַנען בירגער פֿון דעם לאַנד און די פּאָלי־טישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען פֿון דעם לאַנד וועלן שטענדיק געפֿינען אַן אָפּקלאַנג אין אונזער זשורנאַל".

צוליבן מאַנגל אין ליטעראַרישע קייכעס און מאָראַלישער שטיצע איז דער אויגוסט־נומער פֿון 1923 געווען דער לעצטער. פֿאַר די באַגרענעצטע קייכעס איז „דרום־אַפֿריקע" אָן שום ספֿק געווען אַ גרויסע דערגרייכונג!

אין יולי 1928 איז געמאַכט געוואָרן נאָך אַ פּרוּוו אַרויסצו־געבן אַ ליטעראַרישן זשורנאַל און „דרום־אַפֿריקע" איז באַנײַט געוואָרן. אין אַרײַנפֿיר־וואָרט שרײַבט די רעדאַקציע: „אין דעם פֿאָרוואָרט פֿון דעם 1טן נומער „דרום־אַפֿריקע", וועלכער איז דערשינען אין 1922, שרײַבט די רעדאַקציע „... און טאָמער וועט אונזער פּראָבע ניט אויסהאַלטן, וועלן מיר ניט פֿאַרלירן דעם מוט... דער באָדן וועט ווערן שפּעטער צײַטיקער און אונזער זשורנאַל וועט אויפֿשטיין מיט נײַע כּוחות..." באַנײַענדיק דעם זשורנאַל „דרום־אַפֿריקע" גלייבן מיר, אַז דער באָדן דערצו איז איצט מער גינסטיק. פֿאַר די לעצטע עטלעכע יאָר זײַנען דאָ געקומען — און האַלטן אין קומען — נײַע ייִדישע אימיגראַנטן. „דרום־אַפֿריקע" וועט פּרובירן אָפּשפּיגלען דאָס לעבן — פּאָליטיש, סאָציאַל, קולטורעל — פֿון די ענגלענדער און בורן אין דעם לאַנד און באַלײַכטן פֿיל זײַטן פֿון דעם פֿאַר אונז אַזוי פֿרעמדן

לעבן פון די מיליאָנען שוואַרצע, וועלכע לעבן אויף דעם קאָנטי־נענט. איינע פון די אויפגאַבן פון דעם זשורנאַל וועט זײַן צו אַנטוויקלען לאָקאַלע שרײַבער־טאַלאַנטן. ס'איז נייטיק און וויכטיק, אַז אין דרום־אַפריקע זאָל זיך אַנטוויקלען אַ ייִדיש קולטורעל לעבן, אַז די, וועלכע האָבן וואָס צו זאָגן און האָבן די פעיִקייט דערצו, זאָל געגעבן ווערן די מעגלעכקייט ווי דאָס אַרויסצוזאָגן". בײַם שלוס זאָגט די רעדאַקציע: „מיר לאָזן אַרויס דעם ערשטן נומער „דרום־אַפריקע" מיטן פולן צוטרוי אויף אַ ברייטער אונטערשטיצונג".

די אונטערשטיצונג איז ניט געגעבן געוואָרן און צוליב דעם מאַנגל אין ליטעראַרישע קייכעס האָט דער זשורנאַל „דרום־אַפריקע" אין פעברואַר 1929 אויסגעהויכט זײַן לעצטן אָטעם.

אין יאַנואַר 1929 האָט דער ליטעראַרישער פאַראיין, נאָך אַ סאַך צוגרייטונגס־אַרבעט — אַרײַנרעכנענדיק אַ גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונג — מיט גרויס ענטוזיאַזם געעפנט די ערשטע מאָדערנע ייִדישע נאָכמיטאָג־פאָלקסשול אין דאָרעם־אַפריקע.

די פאַרוואַלטונג האָט געהאַט רעכט צו האָפן אויף דערפאָלג, ווײַל סײַ דער פאַרוואַלטער, סײַ איינער פון די צוויי לערער (ביידע פון פוילן) זײַנען געווען קאָמפּעטענטע מענטשן מיט דערפאַרונג ווי צו פאַרוואַלטן און אָנצופירן די שול און ווי צו לערנען מיט די קינדער.

מ'האָט צונויפגעזאַמלט קינדער און ס'האָט ניט לאַנג געדויערט ביז די לימודים זײַנען, פאַרהעלטניסמעסיק, אָנגעגאַנגען נאָרמאַל. שפּעטער צו האָט מען געעפנט אַ קינדער־גאָרטן און אַ קינדער־ביבליאָטעק. דער פּרווו איז געווען זייער געראָטן. מאַנכע פון דער פאַרוואַלטונג האָבן שוין געוועבט פאַנטאַזיעס וועגן עפענען אָפּטיילונגען אין אַנדערע געגנטן פון שטאָט און נאָכדעם — אויב עס וועט זײַן דער פּאַסיקער לערער־פּערסאָנאַל — עפענען אָפּטיילונגען אין אַנדערע שטעט.

דער דערפֿאָלג פֿון דער פֿאָלקסשול האָט אַרויסגעוואָרפֿן אַ מוירע אויף די טאַלמוד־טיירעס און האָט אַרויסגערופֿן צאָרן מיצאַד די ציִעניסטישע העברעער, ניט אַזוי צוליב דעם, וואָס מ'לערנט נאָר יידיש, נאָר צוליב דער עצעם אידעע פֿון אַ פֿאָלקס־שול אויף יידיש. זיי האָבן אויך געזען אין דער יידישער פֿאָלקסשול אַ קאָנקורענץ צו די רעליגיעזע טאַלמוד־טיירעס. דאָס האָט זיי שטאַרק דערצאָרנט. די טאַלמוד־טיירעס האָבן אָנגענומען די אַלט באַקאַנטע מעטאָדן קעגן דער פֿאָלקסשול. זיי האָבן גענו־מען וואַרפֿן שמוץ און טרייבן רעכילעס, פֿאַרשפּרייטן זינלאָזע באָבע־מייסעס, אַז די „יידישיסטן און באָלשעוויקעס פֿון דער פֿאָלקסשול וועלן טרייבן די קינדער אַוש צו שמאַד"... זיי האָבן זיך ניט געשעמט צו גיין צו די עלטערן פֿון די קינדער און גיסן פּעך און שוועבל אויף דער פֿאָלקסשול. אין יאַנואַר־נומער פֿון יאָר 1929 איז דער אָפֿיציעלער ציִעניסטישער אָרגאַן, דער „זייאָניסט רעקאָרד", אַרויס מיט אַן אַרטיקל קעגן דער שול. צווישן אַנדערן אַנטוויקלט דער „זייאָניסט רעקאָרד" אַן „עקאָנאָ־מיש־מאַטעריאַליסטישע" טעאָריע, אַז „פֿון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט האָט יידיש קיין באַרעכטיקונג ניט; אין ד'־אַפֿריקע האָט נאָך קיינער ניט פֿאַרלאָרן זיין שטעלע צוליבן ניט קענען קיין יידיש".

האַגאַם אין דער יידישער פֿאָלקסשול פֿלעגן די קינדער קומען לערנען נאָך מיטאָג — נאָכדעם ווי זיי זיינען שוין געווען דעם גאַנצן ערשטן האַלבן טאָג אין דער רעגירונגס־שול — האָבן די קינדער ליב געקראָגן, לעהייפּעך ווי אין די טאַלמוד־טיירעס, דאָס וואָס מ'האָט זיי געלערנט און ווי מען האָט זיי געלערנט אין דער יידישער פֿאָלקסשול. די קינדער האָבן ליב געקראָגן די באַציִונג, וואָס מ'האָט אַרויסגעוויזן צו זיי אין דער פֿאָלקסשול, זיי האָבן זיך פֿאַראינטערעסירט מיט די לימודים, ליב געהאַט די לערער און פֿלעגן זייער גערן גיין אין דער יידישער פֿאָלקסשול. ס'איז געווען אַ פֿאַל, אַז אַ מיידל (אַ היגע געבאָרענע) איז איין פֿרימאָרגן ניט געגאַנגען אין דער רעגירונגס־שול, ווייל זי איז

געווען קראַנק. ווען איר מוטער איז נאָך מיטאָג אַרײַן אין צימער זען וואָס עס מאַכט דאָס קינד, האָט זי עס אין בעט ניט געפֿונען. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס מיידל איז בעשטיקע אַוועק אין פֿאָלקסשול. זי האָט ניט געוואָלט — האָט זי דערציילט שפּעטער דער מוטער — פֿאַרפֿעלן צו זײַן אין דער שול.

אַז ייִדיש איז די קינדער אָנגעקומען ניט שווער און קימאַט ווי נאַטירלעך — ווײַל די קינדערשע אויערן האָבן דאָך עס פֿאָרט געהערט פֿון זייערע עלטערן און אין דעם אַרום — ווײַזן בוילעט די גרויסע פֿאָרשריטן, וואָס די קינדער האָבן געמאַכט אין שול. די זײַטיקע האָבן געקענט אין דעם זיך איבערצײַגן פֿון די צוויי גרויסע קינדער־אָוונטן, וואָס דער הויפּטלערער האָט דורכגעפֿירט מיט זיי. בײַ יעדן קינדער־קאָנצערט אָדער קינדער־אָוונט פֿלעגט דער גרויסער זאַל זײַן איבערגעפּאַקט מיט די עלטערן פֿון די קינדער און פֿרײַנד פֿון פֿאָלקסשול. וואָס פֿאַר אַ געהויבענע און יאָנטעוודיקע שטימונג עס האָט געהערשט! די קינדער האָבן גלענצנד אויסגעפֿירט איינאַקטערס, געזאַנגען, דעקלאַמאַציעס אד"גל. ס'האָט זיך קוים געגלייבט, אַז אויף דער בינע ווערט אַלץ אויסגעפֿירט מערסטנטייל דורך היגע געבוירענע קינדער! וואָס פֿאַר אַ קלאָרן געשמאַקן ייִדיש די קינדער האָבן גערעדט, דעקלאַמירט און ווי אויסגעפֿירט זייערע ראָלן! פּונקט ווי ייִדיש וואָלט געווען אין גאַנצן נאַטירלעך פֿאַר זיי!

די צאָל קינדער אין פֿאָלקסשול און קינדער־גאָרטן האָט טראָץ דעם אַלעם ניט אַריבערגעשטיגן זעכציק, דערפֿון 60 פּראָצענט היגע געבוירענע. נײַנציק פּראָצענט פֿון דער אַלגעמיינער צאָל קינדער אין דער פֿאָלקסשול האָבן בײַם אָנקומען אין שול ניט געקענט ריידן קיין ייִדיש. ניט נאָר די קינדער זײַנען געווען פֿאַראינטערעסירט און געפֿילט אַ נאָענטקייט צו דער שול, נאָר אויך די עלטערן זײַנען אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט אין און אַרום דער שול. אַ היפּשע צאָל פֿון די עלטערן זײַנען געוואָרן איבערגעגעבענע טוער און קעמפֿער פֿאַר דער שול. יעדן

כוידעש, אָדער יעדע צוויי כאַדאָשים פֿלעגט די שול־פֿאַרוואַלטונג רופֿן עלטערן־פֿאַרזאַמלונגען. מען פֿלעגט אָפּגעבן באַריכטן פֿון דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט און אָנדײַטן וואָס פֿאַר אַן אַרבעט עס שטייט פֿאָר. יעדערער פֿון די פֿאַרזאַמלטע האָט געקענט נעמען אָנטייל אין דער דיסקוסיע, רעקאָמענדירן פּלענער, מאַכן פֿאָרשלאָגן.

אויף דעם העל באַלויכטענעם האָריזאָנט פֿון דער ייִדישער פֿאָלקסשול האָבן זיך געצומען באַוויַזן שוואַרצע וואָלקנס.

די הויצאָעס אויסצוהאַלטן אַ שול זיַנען גרויסע. די מאָנאַט־לעכע סכירעס פֿאַר אַ פֿאַרוואַלטער, צוויי לערער, די דירעגעלט, אַ באַדינער פֿאַרן שוללאָקאַל, שול־מאַכשירים און ענלעכע הויצאָעס באַטרעפֿן אַ באַדײַטנדיקע סומע. די קינדער, וועלכע האָבן באַזוכט די פֿאָלקסשול, זיַנען מערסטנטייל געווען קינדער פֿון אָרעמע, ניט פֿאַרמעגלעכע עלטערן. דער סכאַר־לימעד האָט געדעקט נאָר זיבעצן פּראָצענט פֿונעם שול־בודזשעט. די אַנדערע דרײַ און אַכציק פּראָצענט פֿלעגן אַרײַנקומען פֿון מאָנאַטלעכע באַשטײַערונגען פֿון פֿרײַנד פֿון דער פֿאָלקסשול. די באַשטײַערונג האָט אָבער ניט געקלעקט און אין פֿאַרלויף פֿון צײַט איז די פֿינאַנסיעלע לאַגע געוואָרן קאַטאַסטראָפֿאַל. אַגעוו האָט דער פֿאַקט, וואָס דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער שול האָט פֿאַרלאָזן ד׳־אַפֿריקע מיטגעהאָלפֿן אָפּצושוואַכן די עקסיסטענץ־מעגלעכקייטן פֿון דער פֿאָלקסשול. די שול האָט עקסיסטירט איבער צוויי יאָר: פֿון 20סטן יאַנואַר 1929 ביז מערץ 1931.

די פֿאַרוואַלטונג און פֿרײַנד פֿון דער ייִדישער פֿאָלקסשול האָבן געוווּסט און געפֿילט, אַז זייער סאַך אַרבעט, וואָס זיי האָבן אַרײַנגעלייגט, איז געווען אַ דאַנקבאַרע אַרבעט און איז ניט פֿאַרלאָרן געגאַנגען. זיי האָט געקרענקט, וואָס אַזאַ נייטיקע און וויכטיקע ייִדישע קולטור־אינסטיטוציע איז אונטערגעגאַנגען, ווײַל עס האָבן געפֿעלט די מאַטעריעלע מיטלען עס אײַנצוהאַלטן.

וואָס פֿאַר אַ גרויסע קולטורעלע אַרבעט און וואָס פֿאַר אַ פּאָזיטיווע רעזולטאַטן וואָלט מען עס דערגרייכט, ווען אין דאָרעם־אַפֿריקע וואָלט מען אויסגעגעבן אויף ייִדישע פֿאָלקסשולן די צענדלינגער און צענדלינגער טויזנטער פֿונטן, וואָס מען פֿאַר־ווענדט דאָ אויף די קאָנסערוואַטיווע, צוריקגעשטאַנענע טאַלמוד־טיירעס!

דער קולטור־מאַצעוו פֿון יונגן דאָר, זײַן באַציִונג צו ייִדיש, צו זײַנע עלטערן און צו זייער נאָענטן אַמאָל, וואָלט ניט געווען אַזוי מיִעס, ווי דאָס איז איצט, און די וואַנט צווישן די ייִדיש ריידנדיקע עלטערן און זייערע קינדער וואָלט געוויס ניט געווען אַזוי גרויס, ווי זי איז איצט.

דער ייִדישער ליטעראַרישער פֿאַראיין, אַלס די גרעסטע און וויכטיקסטע און אָפּט איינציקע קולטור־אָרגאַניזאַציע אין ייִדיש, איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער פֿאַרזאָרגער פֿון ייִדישן וואָרט אין ד׳־אַפֿריקע. ווען אַ וועלכע ניט איז געזעלשאַפֿט פֿלעגט וועלן קויפֿן ייִדישע ביכער אָדער שפּילן אַ ייִדישע פּיעסע אין ייִדיש, אָדער אַפֿילו זינגען ייִדישע פֿאָלקסלידער, פֿלעגט מען זיך ווענדן צום פֿאַראיין נאָך אַן אייצע אָדער נאָך אַן אָנווײַזונג. דער פֿאַראיין האָט, אַזוי צו זאָגן, געהאַלטן אַן אויג איבער אַלץ, וואָס איז נוגע ייִדיש. האָט עמעצער באַליידיקט אָדער אָנגע־גריפֿן ייִדיש, האָט דער פֿאַראיין גענומען די קריוודע אויף זײַן אַדרעס. דער פֿאַראיין האָט אָנגעפֿירט אַן אַגיטאַציע, מ׳זאָל אַרײַנ־נעמען ייִדישע ביכער אין דער שטאָט־ביבליאָטעק (דער גרעסטער קעגנער איז געווען אַ ראַטמאַן אַן ענגלישער ייִד, וועלכער האָט עפֿנטלעך באַשמוצט און באַליידיקט ייִדיש). דער ייִדישער ליטע־ראַרישער פֿאַראיין האָט געווענדט די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון טע־אַטער־ און פֿילם־געזעלשאַפֿטן אויפֿן שלעכטן ייִדיש, וואָס זיי באַנוצן אין זייערע ייִדישע אַנאָנסן. זינט דאַן אַנאָנסירן זיי טאַקע אין אַ פֿאַרהעלטניסמעסיק בעסערן ייִדיש. דער פֿאַראיין האָט געצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון לאַנדסמאַנשאַפֿטן און

כעווּרעס אויף דעם מישמאַשיקן ייִדיש, וואָס זיי באַנוצן אין זייערע אויפֿרופֿן און צירקולאַרן (מאַנכע סעקרעטאַרן פֿון לאַנדסמאַנשאַפֿטן און כעווּרעס האָבן זיך באַקלאָגט, אַז אויב מ'וועט שרײַבן די צירקולאַרן, אויפֿרופֿן און בריוו אין אַ ריינעם ייִדיש, וועלן זייערע מיטגלידער ניט גוט פֿאַרשטיין און מ'קען נאָך באַשולדיקן דעם סעקרעטאַר, אַז ער איז אַ גרינער...).

אַפֿילע צו די מויכער־ספֿאָרימניקעס, וועלכע פֿלעגן אַכוץ אַנדערע אַרטיקלען אויך פֿאַרקויפֿן ייִדישע ביכער, פֿלעגט מען זיך ווענדן וועגן דעם פֿאַרקריפּלטן ייִדיש, וואָס זיי באַנוצן בײַם אַרויסשיקן מעלדונגען וועגן ייִדישע ביכער. דער פֿאַראיין האָט געפֿאָדערט רעספּעקט צו ייִדיש. דער פֿאַראיין איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אויטאָריטעט אין איניאָנים, וואָס האָבן אַ שײַכעס צו ייִדיש אָדער ייִדישער ליטעראַטור אין ד'־אַפֿריקע.

די ציעניסטישע עלעמענטן זײַנען געווען אַ מערהייט בײַם גרינדן דעם פֿאַראיין און אויך אין דער ערשטער פֿאַרוואַלטונג. כאָטש די ערשטע קאָנסטיטוציע פֿון פֿאַראיין האָט געזאָגט, אַז דער פֿאַראיין האָט די אויפֿגאַבע צו פֿאַרשפּרייטן און פֿלעגן די ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור אין ד"אַ, האָבן די ציעניסטן אַרײַנגעטראָגן אַ פּונקט אין רעגולאַמין, „אַז העברעיִש זאָל פֿאַר־נעמען אַ פּלאַץ אויב מעגלעך". די פּראַזע האָט געגעבן די העב־רעער די מעגלעכקייט צו אַגיטירן און באַטלענען צײַט אויף די פֿאַרזאַמלונגען. אָבער פֿאַקטיש איז דער פֿאַראיין (מיט גאָר אַ קליינעם אויסנאַם בײַם אָנהייב פֿון זײַן עקסיסטענץ) געווען אַ ייִדישיסטישער, ראַדיקאַלער און אַנטי־ציעניסטישער.

מ'האָט זיך געפֿילט היימיש און כאַווערישַ אין פֿאַראיין אַ דאַנק די פּאָשעטע, ניט ביוראָקראַטישע באַציִונגען צווישן דער פֿאַרוואַלטונג און די מיטגלידער. יעדערער, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן ליטעראַרישע פֿעיִקייטן און אינטערעס און איז גרייט געווען צו אַרבעטן, פֿלעגט ווערן אויסגעקליבן אין דער פֿאַרוואַל־טונג אָדער קאָאָפּטירט צו איר. לעהייפּעך צו אַנדערע ייִדישע

אינסטיטוציעס זײַנען דאָ קיין קאָוועד־אַמטן ניט געווען. יעדער אַמט האָט געמיינט פּליכט און אַרבעט. דעריבער זײַנען ניט געווען צו פיל באַלאַנים אַפילע אויף דעם אַמט פון פאָרזיצער — אָן אַמט אַ באַזונדערס פאַראַנטוואָרטלעכער. מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג האָבן צום מערסטן געפילט די נויטווענדיקייט פון דער עקסיסטענץ פון ליטעראַרישן פאַראיין, ווײַל זיי גופע האָבן באַזונדערס זיך געניי‏טיקט אין דעם איינציקן כאַוועריש ערנסטן קולטור־ווינקל.

אין דער פאַרוואַלטונג זײַנען געווען פאַרשיידענע ראַדי־קאַלע ריכטונגען און צו פיל צײַט פלעגט ווערן אָפּגעגעבן צו שאַפן אַ האַרמאָנישן פאַראייניקטן פראָנט אין דער פאַרוואַלטונג גופע. פעדאַנטישקייט און גריבלעכישן האָבן פאַרנומען אַ סאַך צײַט, און דאָס אַלץ פלעגט געטאָן ווערן אויפן כעשבן פון פאָזיטיווער קולטור־אַרבעט.

דער ליטעראַרישער פאַראיין אַלס די איינציקע און וויכטיקע אינסטיטוציע, וועלכע האָט אָנגעפירט קולטור־אַרבעט אין דער מוטערשפּראַך פון דעם גאָר גרעסטן טייל פון די דאָרעם־אַפריקאַ־נער יידן, האָט דאָך געדאַרפט שפּילן אין לאַנד אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע ראָלע — ער האָט אָבער די דאָזיקע ראָלע ניט געשפּילט. דער פאַראיין איז ניט געווען קיין וויכטיקער פאַקטאָר אין טאָגטעגלעכן לעבן פון די יידישע מאַסן און האָט קימאַט קיין קאָנטאַקט ניט געהאַט מיט דער היגער געבוירענער יוגנט — קינדער פון די יידיש ריידנדיקע יידן. אָנשטאָט צו גיין צו דער מאַסע, האָט דער פאַראיין נאַיִוו געוואַרט, די מאַסע זאָל קומען צו אים. די זייער באַגרענעצטע קולטור־קייכעס, שוואַכע מאָראַלישע שטיצע, זייער קליינע מיטלען און דער פאַקט, וואָס די מערהייט פון די דאָרעם־אַפריקאַנער יידן זײַנען פאַרציאָניסטישט, ווײַט פון אַ יידישן צענטער און אָן אַ פרעסע — דאָס אַלץ האָט געטריבן דעם פאַראיין צו קאָנצענטרירן זײַן אַקטיווקייט הויפּטזעכלעך אין די ענגע ראַמען פון ליטעראַרישן פאַראיין. ער איז ניט געוואָרן

קיין מאַסנדיקע קולטור־אָרגאַניזאַציע. אָנשטאָט אַגרעסיווער טאַקטיק, ווי דאָס לעבן האָט עס דאַן געפֿאָדערט, איז דער פֿאַראיין געווען דעמאָקראַטיש פּאַסיוו. איינע פֿון די הויפּטסיבעס, פֿאַר וואָס דער פֿאַראיין איז געווען קאָנצענטרירט נאָר אין די ענגע ד׳ אַמעס, איז געווען דאָס, וואָס דער פֿאַראיין האָט ניט געהאַט קיין גלויבן אין זײַנע אייגענע קייכעס און האָט אַלעמאָל געהאָפֿט און געוואַרט אויף קולטורעלע אימיגראַנטישע קרעפֿטן. די האָפֿענונג אויף פֿעיִקע אימיגראַנטישע קולטור־קייכעס האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ מיראַזש. גלײַך נאָך דער וועלט־מילכאָמע, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די ייִדיש ריידנדיקע אימיגראַציע, האָט דער פֿאַראיין זיך צוגעגרייט, אַזוי צו זאָגן, אויפֿצונעמען די נײַע קולטור־קייכעס, אויף וועלכע דער פֿאַראיין האָט אַזוי אומגעדולדיק געוואַרט און געהאָפֿט. אויף די עפֿנטלעכע פֿאַרזאַמלונגען האָט מען אַפּעלירט צו די נײַ אָריבערגעקומענע צו קומען און אָנשליסן זיך אין די רייען פֿון פֿאַראיין. מ׳האָט אַפֿילו אַנאָנסירט אין דער ייִדישער פּרעסע, אַז די נײַ אָריבערגעקומענע ווערן אײַנגעלאַדן צו קומען אין פֿאַראיין און מ׳האָט זיי פֿאַרזיכערט, אַז זיי וועלן זיך פֿילן דאָרט היימיש. מ׳איז געגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז מען האָט געבעטן נײַ אָריבערגעקומענע צו ווערן מיטגלידער פֿון פֿאַראיין און מ׳האָט זיי באַפֿרײַט פֿון מיטגלידס־אָפּצאָל ביז זיי וועלן קריגן אַרבעט. אָבער ווי געזאָגט, האָט די נײַע אימיגראַציע פֿון ליטע געבראַכט אַן עלעמענט אָן אַ קולטורווערט און דאָס איז געווען אַ טויט־קלאַפּ פֿאַרן פֿאַראיין. אַהער איז געקומען אַן עלעמענט, וואָס איז געווען פֿאַרהעברעיִזירט און ציעניסטיש.

אין יוני 1932, נאָך אַן עקסיסטענץ פֿון איבער צוואַנציק (!) יאָר, האָט זיך די איינציקע און וויכטיקסטע ייִדישע קולטור־אינסטיטוציע אין ד׳־אַפֿריקע פֿאַרמאַכט און מיט דעם איז געשלאָסן געוואָרן אַ וויכטיקער היסטאָרישער קולטור־קאַפּיטל. זינט דאַן פֿעלט אָט דער ראַדיקאַלער, וואַרעמער און ערנסטער קולטור־ווינקל. שוין אָנדערטהאַלבן יאָר, ווי ס׳האָט זיך געגרינדעט

אַן ענלעכע אינסטיטוציע—דער „קולטור־פֿאַראיין", ער האָט אָבער דערווײַל אַזאַ מין ווינקל נאָך ניט געשאַפֿן.

אין 1929 האָט זיך דאָ געגרינדעט דער איצט עקסיסטירנ־דיקער ייִדישער אַרבעטער־קלוב. אַנשטאָט אַ פֿרײַנדלעכער באַציִונג צום „פֿאַראיין", האָט דער ייִדישער אַרבעטער־קלוב געהאַט אַן אַגרעסיווע און אומפֿרײַנדלעכע שטעלונג צו אים און געוואָלט ווערן דער גײַסטיקער יורעש פֿון „פֿאַראיין". דער אַרבעטער־קלוב אָבער איז בעשום אופֿן ניט געווען די הויפּטסיבה פֿון אונטער־גאַנג פֿון דעם פֿאַראיין, ווײַל דער גורל פֿון פֿאַראיין איז שוין געווען געכאַסמעט נאָך איידער דער אַרבעטער־קלוב האָט זיך געגרינדעט. די הויפּטסיבה פֿאַר וואָס דער פֿאַראיין איז יאָ אונטערגעגאַנגען, איז געווען דער פֿאַקט, וואָס קיין נײַע פֿעיִקע קולטור־קייכעס זײַנען ניט צוגעקומען. די רייען פֿון די פֿריערדיקע קרעפֿטן זײַנען וואָס אַמאָל שיטערער געוואָרן. אַ סאַך האָבן באַסענע געהאַט, און דאָס מיינט אין דער ייִדישער דאָרעם־אַפֿריקע זיך שטאַרק אָפּגרענעצן אָדער זיך אין גאַנצן צוריקציען פֿון קול־טור־אַקטיווקייט; אייניקע האָבן זיך סטאַם צוריקגעצויגן פֿון געזעלשאַפֿטלעכער און קולטורעלער אַרבעט; מאַנכע זײַנען גע־שטאָרבן. די יעניקע, וועלכע זײַנען יאָ געבליבן אין פֿאַראיין, האָבן געאַרבעט און געטראָגן אויף זייערע פּלייצעס די דאָזיקע פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט מיט זייער גאַנצן ערנסט און טרײַ־שאַפֿט אין מעשעך פֿון דער גאַנצער לאַנגער צײַט. זיי האָבן אָבער פֿאָשעט שוין מער ניט געקענט עס דערטראָגן (ווען דער פֿאַראיין האָט זיך ליקווידירט איז זײַן מיט פֿיל מי דערוואָרבענע ביבליאָטעק איבערגעגעבן געוואָרן דער אַלגעמיינער שטאָטישער ביבליאָטעק).

יידישע ראַדיקאַלע בעוועגונגען

„פּראָגרעס"

אין 1909—1910 האָט זיך געגרינדעט אין יאָהאַנעסבורג אַן אַנאַרכיסטישע גרופּע אונטערן נאָמען „פּראָגרעס". אַ גרויסער טייל פֿון די מיטגלידער פֿון „פּראָגרעס", וואָס איז באַשטאַנען אַן ערעך פֿון אַ פֿופֿציק פּערזאָן, זײַנען געווען שנײַדער, שוסטער און סיגאַרעטן־מאַכער (אַ סאַך פֿון זיי האָבן געליטן פֿון שווינד־זוכט) פֿון לאָנדאָן און עמיגראַנטן פֿון רוסלאַנד. אַנאַרכיזם איז געווען פֿאַר זיי אַן אידעאַל, וועלכן זיי האָבן ניט געוואָלט פֿאַר־לירן קומענדיק קיין דאָרעם־אַפֿריקע. לאָנדאָן איז געווען פֿאַר דער גרופּע דער צענטער. די גרופּע „פּראָגרעס" פֿלעגט שאַפֿן מאַטעריעלע שטיצע פֿאַר איר צענטער אין לאָנדאָן און פֿאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע אין רוסלאַנד. די דאָזיקע געלטמיטלען פֿלעגן אַרײַנקומען פֿון טעאַטער־אונטערנעמונגען און פֿון מיטגלידס־אָפּצאָל. די גרופּע „פּראָגרעס", וועלכע האָט געפֿירט איר אַרבעט אין יידיש, פֿלעגט אײַנאָרדענען דעבאַטן און רעפֿעראַטן וועגן אַנאַרכיזם; זי האָט אויך געהאַט אַ ביבליאָטעק און צײַטשריפֿטן— נאָר וועגן אַנאַרכיזם.

אידעיִש האָבן זיי געפֿירט אַ סעקטאַנטיש לעבן און געדינט זייער אַריבערגעבראַכטער רעליגיע — אַנאַרכיזם, וואָס האָט ניט געהאַט קיין שום מאַמאָשעס אין האַרמאָניע מיטן לעבן אַרום זיי דאָ אין לאַנד.

„פראָגרעס" האָט עקסיסטירט ביז 1914. שפּעטער צו האָבן מאַנכע מיטגלידער פון „פּראָגרעס" זיך אָנגעשלאָסן אָן דער „אינ־טערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ליגע".

„אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ליגע" („אידיש שפּרעכנדע גרופּע")

אין דער צווייטער העלפט פון 1916 איז אין דער דאָרעם־אַפריקאַנישער אַרבעטער־פּאַרטיי פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג צוליב דער שטעלונג צו דער וועלט־מילכאָמע.

עס האָבן זיך געשאַפן צוויי גרופּירונגען: 1) די, וועלכע האָבן געוואָלט מיטגיין מיט דעם פּאַטריאָטישן שטראָם (See it through) און 2) די גרופּע, וועלכע איז אין קעגנזאַץ צו דער ערשטער געווען קעגן דעם וועלטקריג. פון דער אַזוי גערופענער „קריג קעגן קריג" („War on Warites")־גרופּע, וועלכע איז באַשטאַנען פון די מער קלאַסן־באַוווסטזיניקע פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי, האָט זיך פאָרמירט די „אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ליגע" (אי. עס. על.). אָט די ליגע האָט געהאַט אין אירע רייען אַ סאַך יידיש ריידנדיקע. די יידיש ריידנדיקע סאָציאַליסטן האָבן געפילט, אַז זיי קענען זיך בעסער אידעיִש אויסלעבן און זיך אויסדריקן, זיי קענען בעסער פאַרשטיין און קענען דעריבער בעסער דינען דעם סאָציאַליזם אין דער מוטערשפּראַך. דעם 5טן פעברואַר 1917 האָבן זיי געגרינדעט אַ „אידיש שפּרעכנדע גרופּע" פון „אי. עס. על.". די „אַבזיכט" — ווי זיי האָבן זיך אויסגעדריקט—איז געווען „אויפ־צובויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט". אָט די גרופּע האָט געהאַט עטלעכע הונדערט מיטגלידער, צווישן וועלכע ס'איז געווען אַ גרויסע צאָל יונגע רעוואָלוציאָנערן און באַוווסטזיניקע סאָציאַ־ליסטן. מיט זייער גאַנצן אידעיִשן ברען, ענטוזיאַזם און איבער־געגעבנקייט פאַר דער זאַך, האָבן זיי זיך אַרייַנגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון לערנען זיך און אַנדערע און פאַרשפּרייטן דעם

סאָציאַליסטישן געדאַנק. אין פּאַלמעסטאָן-האָטעלזאַל פֿלעגן פֿאָר־קומען יעדן זונטאָג אָוונט לעקציעס און דעבאַטן, וועלכע פֿלעגן זיך אָפֿטמאָל פֿאַרציִען ביז שפּעט אין דער נאַכט. מ׳פֿלעגט אויך אָפּהאַלטן גאַסן-פֿאַרזאַמלונגען און דעם ערשטן מײַ דעמאָנסטרירן מיט דער אַרבעטערשאַפֿט און האַלטן רעדעס אין ייִדיש. זיי פֿלעגן אויך אַראַנזשירן קאָנצערטן, פֿאַרווײַלונגען און אויספֿלוגן, וועלכע פֿלעגן טראָגן אַ סאָציאַליסטישן כאַראַקטער. זייער שטעלונג צו נאַציאָנאַלע פֿראַגן און נאַציאָנאַליזם איז געווען אַ קאָסמאָפּאָ־ליטישע. מיטגלידער פֿלעגן זיך ניט אַדרעסירן אַלס כאַווײרים, נאָר אַלס גענאָסן. אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 1917 האָט דער ייִדישער ליטעראַרישער פֿאַראיין אײַנגעלאַדן די „אידיש שפּרעכנדע גרופּע", וועלכע האָט אַגעוו פֿאַרמאָגט אַזוינע כעוורע, וועלכע זײַנען געווען גוט באַקאַנט מיט דער ייִדישער ליטעראַטור, זי זאָל נעמען אָנטייל אין אַ מענדעלע-אָוונט. האָט די גרופּע דאָס אָפּגעוואָרפֿן מיטן מאָטיוו, אַז זיי „האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט דער ייִדישער בורזשואַזער ליטעראַטור". אין סעפּטעמבער 1919 האָט די „אידיש שפּרעכנדע גרופּע" אַרויסגעגעבן אין ייִדיש (אַגעוו אין אַ גוטן ייִדיש) אַ בראָשור (48 זײַטן): „די אַרבעטער-רעוואָ־ליוציע אין רוסלאַנד און די קאָנסטיטוציע פֿון דער רוסישער סאָציאַליסטישער פֿעדעראַטיווער סאָוועטן-רעפּובליק".

מיט דער גרינדונג פֿון דעם פּועלי-ציוניסטישן פֿאַראיין זײַנען די אַטאַקעס אויפֿן ייִדישן נאַציאָנאַליזם, ציוניזם, פּועלי־ציוניזם און אימפּעריאַליזם שטאַרק געשטיגן. אויף זייער פּלאַט־פֿאָרם פֿלעגט מען אַטאַקירן און פּאָלעמיזירן דערהויפּט מיט די פּועלי-ציון, ווײַל זיי זײַנען געווען די וויכטיקסטע און פֿאַר זיי מער שעדלעכע אָפּאָזיציע, וועלכע מען האָט ניט געקענט איגנאָרירן. אויף דער יאָהאַנעסבורגער ייִדישער ראַדיקאַלער גאַס איז געווען פֿריילעך מיט פּאָלעמיקעס פֿון אי. עס. על. „אידיש שפּרעכנדע גרופּע" און די פּועלי-ציון.

די גרינדונג פֿון דעם פּועלי־ציעניסטישן פֿאַראײן, וועלכער האָט פֿאַרמאָגט גוטע רעדנער און ענטוזיאַסטישע כּוורע, די באַלפֿור־דעקלאַראַציע װעגן אַ ייִדישער נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינע און די דעקלאַראַציע וועגן זעלבסטבאַשטימונג פֿאַר קלענערע נאַציעס מיצאַד ראַטן־רוסלאַנד, האָט קענטיק שטאַרק געווירקט. דאָס האָט אַרײַנגעבראַכט אַ געוויסע צערודערונג אין די מייכעס פֿון די קאָסמאָפּאָליטיש דענקענדיקע פֿון דער „אידיש שפּרעכנדער גרופּע‟. אַ היפּשע צאָל פֿון די מער אַקטיווע מיט־גלידער זײַנען אַריבער צו די פּועלי־ציען און מאַנכע האָט מען שפּעטער אויסגעשלאָסן פֿאַר סימפּאַטיעס מיטן ייִדישן נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם — מיטן ציעניזם. אַכוץ דעם, וואָס דאָס אַרויס־טרעטן און דאָס אויסשליסן אַ היפּשע צאָל אַקטיווע מיטגלידער האָט זייער אָפּגעשוואַכט די עקסיסטענץ פֿון דער „אידיש שפּרעכנ־דער גרופּע‟, זײַנען פֿאָרגעקומען אויף זייערער אַ קאָנפֿערענץ גרויסע אידעיִשע סיכסוכים צוליב פּאָליטישער שטעלונג — סיכסוכים, וואָס האָבן אָפּגעטויט די עקסיסטענץ פֿון זייער אַן אַקטיווער ראַדיקאַלער גרופּע. די „אידיש שפּרעכנדע גרופּע‟ האָט אויפֿגעהערט צו עקסיסטירן אין יאַנואַר 1920.

ייִדישער סאָציאַליסטישער פֿאַראײן „פּועלי־ציען‟

דעם 24סטן נאָוועמבער 1918 האָט אַ גרופּע ראַדיקאַלע ציעניסטישע יוגנט, וועמען די אַלגעמיינע ציענ׳ אָרגאַניזאַציע האָט אידעיִש ניט באַפֿרידיקט, אָפּגעהאַלטן אַ דערפֿאָלגרײַכע גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג און מיט דעם איז אין יאָהאַנעסבורג געגרינדעט געוואָרן דער ייִדישער סאָציאַליסטישער פֿאַראײן „פּועלי־ציען‟.

דער פּועלי־ציעניסטישער פֿאַראײן האָט גלײַך בײַם אָנהייב פֿאַרמאָגט נאַיִווע איבערגעגעבענע, זייער ענערגישע און פֿאַרהעלט־

ניסמעסיק קולטורעל אַנטוויקלטע אַקטיווע מיטגלידער, וועלכע האָבן אין אַ קורצער צײַט אויך צוגעצויגן באַוווּסטע פּערזאָנען, וואָס האָבן דעם פֿאַראיין געגעבן פּרעסטיזש.

פֿאַרן גרעסטן טייל פֿון קאָמיטעט גופֿא זײַנען די צילן און אויפֿגאַבן פֿון דעם געגרינדעטן פּויאַלי-ציעניסטישן פֿאַראיין געווען ניט קלאָר. זיי האָבן זיך געשטעלט אין פֿאַרבינדונג מיט די פּויאַליי-ציעניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין איראָפּע און אַמעריקע. מען האָט זיך געווענדט צו דער אַלגעמיינער ציעניסטישער פֿע-דעראַציע דאָ אין לאַנד, אַז מ'זאָל זיי אַרײַננעמען אַלס קערפּער-שאַפֿט און מ'האָט פֿאָרגעלייגט צו אַרבעטן געמיינזאַם אויף די געביטן, אויף וועלכע מען איז ניט קעגנעריש פּרינציפּיעל. מ'האָט זיך אויך געווענדט צו דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ליגע, אַז מ'זאָל זיי אַרײַננעמען אַלס ייִדישן סאָציאַליסטישן פֿאַראיין. מען האָט אָבער זייער ווינטש ניט באַפֿרידיקט, מאָטי-ווירנדיק עס דערמיט, וואָס די סאָציאַליסטישע ליגע קען ניט מיטאַרבעטן מיט אַ נאַציאָנאַל-ציעניסטישער קערפּערשאַפֿט.

די פּויאַליי-ציען האָבן קודעם-כּל זיך אַליין געוואָלט לערנען. מען האָט געשאַפֿן אַ שטודירקלאַס. מען האָט אָנגעהויבן מיט קאַרל מאַרקסעס „קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט". מען האָט אויך שטודירט באָראָכאָוון, מוישע העס, מאַרקס. ס'פֿלעגן אײַנגעאָרדנט ווערן רעפֿעראַטן און דעבאַטן וועגן ציעניסטישע, סאָציאַליסטישע און דאָרעם-אַפֿריקאַנישע פֿראַגן. אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿון אַ קאָמיטעט-מיטגליד איז געגרינדעט געוואָרן אַ שטודירקלאַס פֿאַר העברעיִש, אָבער עס איז ניט געווען קיין דערפֿאָלג, ווײַל ווייניק מיטגלידער האָבן געהאַט אַן אינטערעס דערצו. די שפּראַך, וואָס די אָנפֿירנ-דיקע כּוורע האָט אָנערקענט אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך, איז געווען ייִדיש. די רעפֿעראַטן און דעבאַטן זײַנען פֿאָרגעקומען מערסטנטייל אין ייִדיש. רעפֿעראַטן פֿלעגן אויך פֿאָרקומען אין ענגליש און בלויז איין רעפֿעראַט אין העברעיִש (באַפֿרידיקט דעם קאַפּריז פֿון רעפֿערענט — אַ קאָמיטעט-מיטגליד). דער סימבאָלישער

צייכן איז אין אָנהייב געווען אַ רויטער מאָגנדאָוויד. דער פּויאַלײ־ציעניסטישער פֿאַראייז האָט די ערשטע צײַט גענומען אָנטייל אין פֿאַרקויפֿן שקאָלים און אַפּילע געשיקט אַ פֿאָרשטייער צו אַ סאָקאָלאָוו־אָוונט, וועלכן די ציעניסטישע פֿעדעראַציע האָט אײַנגעאָרדנט.

די פּויאַלײ־ציעניסטישע אָרגאַניזאַציע איז געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ מער און מער לינק. אין פֿעברואַר 1920 האָט מען אויף אַן אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג באַשלאָסן ניט צו נעמען אָנטייל אין פֿאַרקויפֿן דעם שעקל און צו רעווידירן די אידעיִשע פּלאַטפֿאָרם. אַ געוויסע פּאַסירונג אין 1919 האָט ניט נאָר אָפּגעפֿרעמדט, נאָר געשאַפֿן אַן אַנטאַגאָניזם צו דער ציעניסטישער פֿעדעראַציע און צו די אַלגעמיינע ציעניסטן בּיכלאַל. דער אינצידענט איז געווען אַזאַ: בעשאַס עס זײַנען אין 1919 פֿאָרגעקומען די באַקאַנטע עקסצעסן קעגן יִדן אין פּוילן, האָט זיך דער פּויאַלײ־ציעניסטישער פֿאַראיין געווענדט צו דער ציעניסטישער פֿעדעראַציע, מען זאָל רופֿן אַ גרויסע מאַסנדיקע פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונג. מען האָט אָבער דעם פֿאַרלאַנג איגנאָרירט. אָבער די פּויאַלײ־ציען זײַנען ניט געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך געלאָזט, מען זאָל זיי פֿאַרבײַגיין. זיי האָבן זיך געווענדט צו דער דאָרעם־אַפֿריקאַנישער „באָרד אָוו דעפּיוטיס" (פֿאַרבאַנד פֿון די קעהילעס). אויך דאָ האָט מען זיי איגנאָרירט. האָט דער פּויאַלײ־ציעניסטישער פֿאַראיין געפֿאָדערט אַ דערקלערונג און מער זיך ניט געלאָזט אָפּשטופּן מיט טערוצים. די ענטפֿערס פֿון דער ציעניסטישער פֿעדעראַציע זײַנען געווען, אַז פּוילן איז סימפּאַטיש צום ציעניזם, קענען זיי ניט פּראָטעסטירן קעגן איר; און דער ענטפֿער פֿון דער „באָרד אָוו דעפּיוטיס" (וועלכע איז אַלעמאָל געווען באַאײַנפֿלוסט פֿון דער ציעניסטישער פֿעדעראַציע) איז געווען, אַז וויבאַלד ענגלאַנד איז גוטפֿרײַנד מיט פּוילן, איז דעריבער ניט ראָטזאַם צו פּראָטעסטירן. אָט די ציעניסטישע שטעלונג, וועלכע איז קעגן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פֿון דעם

יידישן פאָלק, האָט שטאַרק דערצאָרנט די פּויאַליי־ציען און זיי גופא האָבן באַשלאָסן צו רופן אַ מאַסן־פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג. דער שטאָטזאַל איז געווען צו דעם צוועק אָפּגעזאָגט; מען האָט צוגעצויגן באַקאַנטע פערזענלעכקייטן פון פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען, וועלכע האָבן געזאָלט אַדרעסירן די פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג. מען האָט אָפּגעדרוקט טויזנטער פלוגבלעטלעך. „אונדזער וועג" איז אַרויס מיט פּראָטעסט־אַרטיקלען. די „באָרד אָוו דעפּיוטיס" און די ציעניסטישע אָרגאַניזאַציע, דערזעענדיק, אַז מען קען ניט אַזוי גרינג פאַרנאַרן אין זאַך די פּויאַליי־ציען, האָבן דריי טעג פאַר דער פאַרזאַמלונג זיך געבעטן, אַזוי צו זאָגן, מיטן היטל אין האַנט, אַז מ'זאָל אָפּלייגן די פאַרזאַמלונג אויף עטלעכע וואָכן און זיי וועלן צוזאַמען מיט די פּויאַליי־ציען אָרגאַניזירן די פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז ביים געמיינזאַמען אָרגאַניזירן די פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג וועט דער פּראָטעסט זיין אַ וואָגיקערער. די סענטימענטאַלע פּויאַליי־ציעניסטן האָבן אָנגענומען דעם פאָרשלאָג, ניט כאַפּנדיק זיך, אַז דער גאַנצער אָנשטעל איז געווען, קעדיי די „באָרד אָוו דעפּיוטיס" זאָל ניט פאַרלירן איר פּרעסטיזש. אָבער די איינדרוקספולע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג איז יאָ פאָרגעקומען.

האַגאַם דער פּויאַליי־ציעניסטישער פאַראיין האָט ניט געהאַט מער ווי עטלעכע הונדערט מיטגלידער, האָט ער זיך אָבער דערוואָרבן הונדערטער סימפּאַטיקער. דער פּויאַליי־ציעניסטישער פאַראיין איז געווען איינע פון די אַקטיווסטע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן עקסיסטירט אויף דער יידישער ראַדיקאַלער גאַס אין דאָרעם־אַפריקע. ס'איז דאָרט אַלע מאָל פאָרגעקומען אַ פּערמאַנענטע אַקטיוויטעט, אַזוי צו זאָגן, אין וועלכער מ'האָט זיך געלערנט, קעדיי צו קענען אַנדערע לערנען און צו פאַרשפּרייטן דעם ציעניסטישן און סאָציאַליסטישן געדאַנק. ס'פלעגן פאָרקומען רעפעראַטן, דעבאַטן. מ'האָט אָנגעפירט פּאָלעמיקעס מיט דער „אידיש שפּרעכנדער גרופּע" פון אי. עס. על. מען האָט געקעמפט

קעגן קאָסמאָפּאָליטיזם, קעגן רעאַקציע און אַלגעמיינע ציעניסטן און מיט די רעכטע עלעמענטן אין דעם פּויאַליי-ציעניסטישן פֿאַראיין גופֿע. מען פֿלעגט אויך קליַיבן געלט פֿאַרן פּאַלעסטינער אַרבעטער-פֿאָנד. דעם 1טן מיַי פֿלעגט מען אויפֿפֿאָדערן אַלע כאַווירים צו מאַרשירן אין דער מיַי-דעמאָנסטראַציע צוזאַמען מיט דער היגער אַרבעטערשאַפֿט אונטער דער פּויאַליי-ציען-פֿאָן. אָראַטאָרס פֿלעגן אַדרעסירן אין ייִדיש די גאַסן-פֿאַרזאַמלונגען. מען פֿלעגט פֿונאַנדערטיילן פֿלוגבלעטלעך און פֿאַרקויפֿן זייער אָרגאַן „אונדזער וועג". אין אָוונט פֿלעגן פֿאָרקומען גרויסע ערשטער מיַי-פֿיַערונגען, קאָנצערטן און פֿאַרוויַילונגען. דער פּויאַליי-ציעניסטישער פֿאַראיין האָט פֿון ערשטן ביזן לעצטן טאָג פֿון זיַין עקסיסטענץ זיך אַלע מאָל באַצויגן צום ראַטן-פֿאַרבאַנד מיט נאָענטער פֿריַינדשאַפֿט.

דעם 1טן מאַי 1919 האָבן די פּויאַליי-ציען אַרויסגעגעבן אַן אייגענעם אָרגאַן „אונדזער וועג" — די ערשטע פּאַרטייִשע ציַיטונג אין דאָרעם-אַפֿריקע אין ייִדיש. „אונדזער וועג" איז דערשינען רעגולער יעדן כוידעש (אין זיבן הונדערט און פֿופֿציק עקזעמפּליאַרן) ביז יוני 1920. דערנאָך איז „אונדזער וועג" נאָך אַן איבעררײַס פֿון פֿינף כאַדאָשים ווידער דערשינען אין נאָוועמבער 1920 און האָט אָנגעהאַלטן ביז דעצעמבער 1921 (די לעצטע צוויי נומערן זיַינען געווען טאָפּלטע). „אונדזער וועג" האָט אַנטהאַלטן אַכוץ טעאָרעטישע און אַלגעמיינע יעדיִעס וועגן פּויאַליי-ציען, אויך אַלגעמיינע אַרבעטער-פֿראַגן, ייִדישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען פֿון דאָרעם-אַפֿריקע גופֿע. די ערנסטקייט און איבערגעגעבנקייט פֿון די פּויאַליי-ציען האָט אַרויסגערופֿן אַ סימפּאַטישע באַציִונג צו זיי אַפֿילו פֿון קעגנער. אַ דאַנק דער איניציאַטיווע פֿון די יאָהאַנעסבורגער פּויאַליי-ציען איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ פּויאַליי-ציעניסטישער פֿאַראיין אין קייפּטאָון. די טענדענצן פֿון פּויאַליי-ציען אויף לינקס זיַינען וואָס אַמאָל אַלץ מער געוואַקסן. נאָך

דער שפּאַלטונג פון אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד פּועלי־ציון איז דער היגער פּועלי־ציון־פאַראיין אַריבער צו די לינקע.

אין נאָוועמבער 1920 האָט די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ליגע איינגעלאַדן די פּועלי־ציון צוזאַמען מיט אַנדערע ראַדיקאַלע פאַראיינען אין אַן אייגהייטס־פראָנט בענוגייע פראַגן פון די שוואַרצהויטיקע. אין מערץ 1921 האָט מען די פּועלי־ציון צוזאַמען מיט נאָך פינף אַנדערע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס איינגעלאַדן צו אַ קאָנפערענץ. דער פאָרזיצער איז געווען אַ פאָרשטייער פון די פּועלי־ציון. אויף דער קאָנפערענץ איז געגרינדעט געוואָרן די קאָמוניסטישע פאַרטיי אין דאָרעם־אַפריקע. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן אַריינצונעמען דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַראיין פּועלי־ציון אַלס די יידישע סעקציע אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי מיטן באַדינג, אויב דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל וועט עס אַקצעפּטירן. דער פּועלי־ציוניסטישער פאַראיין האָט אָפּגעגעבן זייער פיל צייט און ענערגיע צו אָרגאַניזירן די ניט אָרגאַניזירטע הונדערטער יידישע באָכערים, וועלכע האָבן געאַרבעט אויפן „ריף" אין די קאָנצעסיע־געשעפטן ביי שרעקלעכע באַדינגונגען. אָבער אַלע פּרוּוון זיינען ניט געווען דערפאָלגרייך צוליב דעם, וואָס אָט די אָנגעשטעלטע זיינען געווען מייסטנס ניט לאַנג אַריבערגעקומענע פון ליטע. אַכוץ דעם, וואָס זיי האָבן מוירע געהאַט פאַרן אָנשליסן זיך אָן אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, זיינען זיי גופא אידעאָלאָגיש געווען צוקונפטיקע באַלעבאַטים. אָט די ניט געלונגענע פּרוּוון צו טאָן עפּעס וואָס מאַמאָשעסדיקס האָבן אַריינגעבראַכט אַ דעמאָראַליזאַציע אין די רייען פון פּועלי־ציוניסטישן פאַראיין. מען האָט זיך גענומען שטעלן די פראַגע: „אויב מען קען ניט דורכפירן פּראַקטישע אַרבעט, ווי זשע איז די עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג פאַרן פאַראיין?" די דאָזיקע פראַגע איז געלייזט געוואָרן דורכן גרויסן שטרייק, וועלכער איז אויסגעבראָכן אין 1922. אין פעברואַר 1922 האָט די פּאָליציי געמאַכט אַ רעוויזיע אין לאָקאַל פון

פּויאַלײ־ציִעניסטישן פֿאַראײן (װעלכער האָט זיך געפֿונען צוזאַמען מיטן ייִדישן ליטעראַרישן פֿאַראײן). מען האָט צוגענומען אַלע דאָקומענטן און די פּויאַלײ־ציִעניסטישע פֿאָן. דאָס איז געװען דער טויטקלאַפּ פֿאַר אײנעם פֿון די אַקטיװסטע און ראַדיקאַלסטע ייִדישע פֿאַראײנען אין דאָרעם־אַפֿריקע.

די פֿאַראײניקטע סאָציאַליסטישע פּאַרטײ צעירי־ציון — פּויאַלײ־ציון

נאָכן אונטערגאַנג פֿון פּויאַלײ־ציִעניסטישן פֿאַראײן (לינקע) איז אין 1922 ביכלאַל ניט געװען קײן אײן אײנציקער ציִעניסטישער פֿאַראײן און יאָהאַנעסבורג סײַ אין ענגליש און סײַ אין ייִדיש (כּוץ דער ציִעניסטישער פֿעדעראַציע און קלײנע ענגליש רײדנדיקע ציִעניסטישע גרופּן).

די אימיגראַציע אין יענע יאָרן פֿון ליטע און אין אַ קלענערער מאָס אויך פֿון פּאַלעסטינע איז באַשטאַנען פֿון אַן עלעמענט פֿון יונגע מענטשן, װעלכע האָבן געהאַט אַ פֿאַרלאַנג, אַ סענטימענטאַלן באַגער און בענקשאַפֿט נאָך ציִעניסטישע פֿאַראײנען אָדער אָרגאַניזאַציעס, צו װעלכע זײ האָבן געהערט פֿאַר זײער אַריבערקומען אַהער. אין דער צװײטער העלפֿט פֿון יאָר 1922 האָט אַ גרופּע „חובבי ציון”, צעירי־ציון, ליבהאָבער פֿון העברעיִש און סטאַם ציִעניסטן, געגרינדעט דעם צעירי־ציון־פֿאַראײן אין יאָהאַנעסבורג.

דער צעירי־ציון־פֿאַראײן איז באַשטאַנען (און באַשטײט נאָך הײַנט) פֿון ייִדיש רײדנדיקע נאַציאָנאַל־ליבעראַלע יונגע מענטשן, װעלכע האָבן ליב ציון און סימפּאַטיזירן מיטן סאָציאַליזם — אין פּאַלעסטינע, זײַנען גרויסע פֿאַרערער פֿון דער היסטאַדרוס, קװוצעס און כּלוצים. האַגאַם אַלע אָן אויסנאַם זײַנען העברעער, זײַנען זײ אָבער קײן מאָל עפֿנטלעך ניט אַרויסגעטראָטן קעגן ייִדיש. די אַרבעט פֿון צעירי־ציון װערט אָנגע־

פֿירט דערהויפּט אין ייִדיש. זינט 1935, ווען ס'איז פֿאָרגעקומען די פֿאַראייניקונג פֿון אַלוועלטלעכן פֿאַרבאַנד פֿון צאירי־ציון און רעכטע פּועלי־ציון, רופֿן זיך די היגע צאירי־ציון „די פֿאַראייניקטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי צאירי־ציון — פּועלי־ציון". די ערשטע יאָרן האָט דער צאירי־ציון־פֿאַראיין געהאַט אַן ערך דריי הונדערט מיטגלידער. לעצטנס — בערך הונדערט און פֿופֿציק. אויפֿן זעלביקן שטייגער און בערך פֿון זעלביקן עלעמענט האָט זיך אויך געגרינדעט אַ צאירי־ציון — פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע אין קייפּטאָון, וועלכע איז ניט ווייניקער אַקטיוו און ניט קלענער אין צאָל ווי די יאָהאַנעסבורגער.

די צאירי־ציון־אָרגאַניזאַציע איז ניט נאָר אָנגעשלאָסן אָן דער ציוניסטישער פֿעדעראַציע, נאָר זי האָט אויך פֿאָרשטייער אין דעם קאָמיטעט פֿון דער פֿעדעראַציע. די צאירי־ציון— פּועלי־ציון נעמען אָנטייל אין אַלע ציוניסטישע אַרבעטן, ווי לעמאָשל, פֿאַרקויפֿן שקאָלים, נאַציאָנאַל־פֿאָנד, קערן־היסוד אאַז"וו. די צאירי־ציון—פּועלי־ציון איז אַ וויכטיקער אָרגאַניזיר־עלעמענט אין דער ציוניסטישער פֿעדעראַציע דורכצופֿירן פּראַקטישע אַרבעטן. זיי זיינען, צום ביישפּיל, די בעסטע אָרגאַניזירער און פֿאַרקויפֿער פֿון שקאָלים און ווערן מאָביליזירט צו יעדן ציוניסטישן קאַמפּיין. זיי האָבן אַריינגעבראַכט אַן אינטערעס אין דעם קלייבן דעלעגאַטן פֿאַרן ציוניסטישן קאָנגרעס מיטן איינפֿירן וואַלן (ביז דאַן פֿלעגט די ציוניסטישע פֿעדעראַציע נאָר באַשטימען דעלעגאַטן). מיטן אַרויסשטעלן זייערע קאַנדידאַטן האָבן זיי אַרויסגערופֿן ניט נאָר אַן אינטערעס, נאָר אויך אַ קאָנקורענץ פֿאַר די אַנדערע ריכטונגען. די צאירי־ציון—פּועלי־ציון פֿירן דורך זייערע קאַנדידאַטן ביי יעדע וואַלן (זיי האָבן קיין מאָל קיין דעלעגאַטן ניט געשיקט, פּונקט ווי די היגע אַלגעמיינע ציוניסטן. זיי שטימען פֿאַר באַוווּסטע צאירי־ציון־פֿירער פֿון יענער זייט יאַם און אויך פֿאַר זייערן אַ מיטגליד אָדער סימפּאַטיקער, וועלכער געפֿינט זיך אַ מאָל צופֿעליק אין אייראָפּע, ווען דער קאָנ־

גרעס קומט פֿאָר). צום נאָענטסטן איז די צאירײ=ציען—פּועלי=
ציען דאָס קלײנע אָדער פֿאַרקויפֿן אַקציעס פֿאַר רײַן אַרבעטער=
אָרגאַניזאַציעס, ווי פֿאַרן „קפּאי" — יידישע אַרבעטער=באַנק.
די אַרבעט ווערט דאָ דורכגעפֿירט נאָר פֿון זײ.

אַכוץ קלײנע געלט האָט דער צאירײ=ציען—פּועלי=ציען=
פֿאַראײן פֿון צײַט צו צײַט לעקציעס, וואָס טראָגן מערסטנטײל
אַ ציעניסטישן כאַראַקטער. זײ אָרגאַניזירן קאָנצערטן, כאַװײרים=
פֿאַרוויילונגען, אָוונטן. זײ האָבן דעם ערשטן מאָל אַ פֿאַרוויילונגס=
אָוונט (אויב דער ערשטער מאָל פֿאַלט אויס שאַבעס אָדער זונטאָג).
נאָך יעדן ציעניסטישן קאָנגרעס אָרגאַניזירן זײ אַ שפּאָט=קאָנ=
גרעס. זײ האָבן אויך דורכגעפֿירט עטלעכע ליטעראַרישע מיש=
פּאָטים און הומאָריסטישע אָוונטן. אין דער צאירײ=ציען—פּועלי=
ציען=פּאַרטײ אין דאָרעם=אַפֿריקע הערשט אַ באַלעבאַטישע סענ=
טימענטאַלע גוטמוטיקייט און אַן אַלגעמײנע געזעלשאַפֿטלעכע
צוריקגעשטאַנענקייט. סײַ בײַם גרינדן און ביז צום הײַנטיקן
טאָג איז די צאירײ=ציען—פּועלי=ציען=אָרגאַניזאַציע אידעיש פֿאַר=
בונדן נאָר מיט פּאַלעסטינע, און פֿראַגן און פּראָבלעמען פֿון
דאָרעם=אַפֿריקע גופֿא אינטערעסירן זײ גאָר, גאָר װײניק.

דער ייִדישער אַרבעטער=קלוב

אין 1929 האָט אַ גרופּע ייִדיש רײדנדיקע אַרבעטער,
אָנגעשטעלטע און ראַדיקאַלן, געגרינדעט דעם ייִדישן אַרבעטער=
קלוב. די מיטגלידערשאַפֿט באַשטײט פֿון קאָמוניסטן, סימפּאַטיקער
פֿון קאָמוניזם און סטאַם ראַדיקאַלע עלעמענטן. דער אַרבעטער=
קלוב האָט אַ מיטגלידערשאַפֿט פֿון אַן ערך צװײ הונדערט און
פֿופֿציק מיטגלידער, אויסשליסלעך ייִדיש רײדנדיקע.

מיט די באַגרענעצטע אינטעלעקטועלע קײכעס, וואָס
דער אַרבעטער=קלוב פֿאַרמאָגט, פֿירט ער דורך זײער פֿיל אונ=
טערנעמונגען און איז זײער אַקטיוו. דער אַרבעטער=קלוב האָט

א גרויסן זאַל מיט אַ בינע, אַ לייען־צימער מיט אַ ביבליאָטעק פון יידישע און ענגלישע ביכער און צייטונגען.

קימאַט יעדע וואָך קומען פאָר רעפעראַטן און דעבאַטן וועגן סאָציאַליסטישע, פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן. די רע־פעראַטן און דעבאַטן קומען פאָר ניט נאָר אין יידיש, נאָר אויך אין ענגליש. פון צייט צו צייט רעפערירן פאַרן קלוב אויך ניט יידן; ווען ניט ווען אויך שווארצהויטיקע. דער אַרבעטער־קלוב האָט געהאַט אַ ספּאָרט־אָפּטיילונג; ביים קלוב עקסיסטירט אַ כאָר, וועלכער טרעט אויף מיט אַרבעטער־ און פאָלקס־לידער. דער אַרבעטער־קלוב האָט אויך אַ דראַמאַטישע סעקציע, וועלכע פירט אויף פון צייט צו צייט אַרבעטער־פּיעסן און אויך אַנטיפאַשיסטישע. די פאָרשטעלונגען ווערן זייער גוט באַזוכט. עס ווערן אויך פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט פאַרווייַלונגס־אָוונטן און אויספלוגן. דעם ערשטן מיי און זיבעטן נאָוועמבער קומען פאָר גרויסע פאַרווייַלונגס־אָוונטן. אין מיי 1932 האָט דער אַרבעטער־קלוב אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל „די פּראָלעטאַרישע שטימע". עס זיינען דערשינען זיבן נומערן (מיי, אויגוסט, סעפּטעמבער, אָקטאָבער און נאָוועמבער־דעצעמבער אין 1932, איין נומער אין 1933 (נאָוועמ־בער) און דער לעצטער נומער איז דערשינען אין יאַנואַר 1934). די שטימונג אין אַרבעטער־קלוב איז אַ כאַווערישע און אַ היימישע.

צוליבן מאַנגל אין אינטעלעקטועלע אָנפירנדיקע קרעפטן האָט ניט דער קלוב קיין גרויסן איינפלוס אין זיין סאָציאַל־רע־וואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע אויסער די ראַמען פון קלוב. ער שפּילט ניט קיין גרויסע ראָלע אויף דער יידישער גאַס צוליב דער באַגרענעצטער צאָל יידישע אַרבעטער און סאָציאַליסטן.

געזעלשאַפטלעכקייט

די רוסישע יידן ביכלאַל און די ליטווישע יידן ביפּראַט האָבן נאָר ווייניק אָנטייל גענומען אין דער היגער אָנפירערישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אַריבערקומענדיק אַהער אין לאַנד

זײַנען זיי געווען צו פֿיל פֿאַרנומען מיט דײַגעס פּאַרנאָסע און שפּע־טער צו מיטן ווערן „גוט אָפּ". אויסער דעם איז דער גאָר גרעסטער טייל פֿון די אימיגראַנטן געווען געזעלשאַפֿטלעך אָפּגע־שטאַנען. די מיִרעוו־אייראָפּעיִשע ייִדן, דערקעגן, זײַנען געקומען אַהער מיט אַ געוויסער מאָדערנער פֿאָרבילדונג, האָבן זיך פּסיכיש לײַכטער אַדאַפּטירט און האָבן געהאַט אַ שטאַרקערן כוש פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכקייט. אַזוי אַרום זײַנען די מיִרעוו־אייראָפּעיִשע ייִדן געוואָרן די טאָנגעבער און פֿירער פֿון דער ייִדישער „געזעל־שאַפֿטלעכקייט". דאָס איז געווען אַמאָל און עס איז נאָך אַזוי אין אַ גרויסער מאָס אויך הײַנט.

די צוויי גרעסטע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין דאָרעם־אַפֿריקע זײַנען: די „דזשואיש באָרד אָוו דעפּיוטיס" (וועלכע פּרעטענדירט צו זײַן די קערפּערשאַפֿט, וואָס דאַרף רעפּרעזענטירן די ד"אַ ייִדן. זי איז געגרינדעט געוואָרן אין יוני 1904 און האָט נאָר איין מאָל געהאַט (און דאָס אויך ניט צו לאַנג) אַלס פֿאָרזיצער אַ רוסישן ייִדן (אַ קורלענדער); און די ציִעני־סטישע פֿעדעראַציע, וועלכע עקסיסטירט שוין עטלעכע צענדליגנג יאָר. זי האָט נאָר אין די גאָר לעצטע יאָרן געהאַט צוויי פֿאָר־זיצערס רוסישע ייִדן.

די ליטוויש־רוסישע ייִדן האָבן זיך נאָר קאָנצענטרירט אַרום רעליגיעז־פֿילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן, ווי סינאַגאָגן, טאַלמוד־טיירעס, יעסוימים־הייזער, מוישעוו־זקיינים, כעוורע־קאַדישע (וואָס כוץ מעקאַבער זײַן פֿאַרנעמט זי זיך מיט פֿונאַנדערטיילן אַ סאַך צדאָקע), גמילעס־כאַסאָדים (וועלכע לײַען אויס אָנפּראָצענטיקע האַלוואָעס).

די לאַנדסמאַנשאַפֿט־געזעלשאַפֿטן, ווידער, זײַנען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָרגאַניזאַציעס פֿאַר קעגנזײַטיקער הילף פֿאַר די מיטגלידער. געזעלשאַפֿטלעך אָבער שפּילן זיי קימאַט קיין שום ראָלע ניט.

דער פֿאַקט, וואָס די ניט יִידיש ריידנדיקע מיַרעוו-אייראָ-פעיִשע יִדן האָבן פֿאַרנומען די געזעלשאַפֿטלעכע פֿירערשאַפֿט פֿון די רוסישע יִדן, האָט אָן צווייפֿל אויך צו טאָן מיט דעם פֿאַקט, וואָס אַכוץ די פֿריער דערמאָנטע ראַדיקאַלע געזעלשאַפֿטן און פֿאַראיינען, איז ניטאָ קיין איין סאָציאַל-געזעלשאַפֿטלעכע אָדער קולטורעלע אינסטיטוציע, וועלכע זאָל אָנפֿירן איר טעטיקייט אין דער מוטערשפּראַך פֿון די רוסיש-ליטווישע יִדן.

ייִדן אין דער אינדוסטריע

(פֿאַבריקאַנטן)

האַגאַם דער פּראַקטישער כוש פֿון די ייִדישע קרעמער, וועלכע זוכן טאָמיד אַ טאַכלעס, האָט זיי אונטערגעזאָגט, אַז עס ווערן שוין צו פֿיל קרעמער, און זיי האָבן דערשפּירט, אַז די קאָנקורענץ ווערט שאַרפֿער, — איז דאָס אָבער ניט געווען די הויפּטסיבע, פֿאַר וואָס דער ליטוויש־רוסישער ייִד האָט זיך גענומען צו אינדוסטריע. ניט קיין קריזיס אין דער קרעמערײַ און האַנדל איז געווען די הויפּטסיבע, וועלכע האָט געשטויסן די ליטוויש־רוסישע ייִדן צו ווערן דער וויכטיקסטער פֿאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער מיטלער (Secondary) אינדוסטריע אין לאַנד, — נאָר די אויסערגעוויינלעך גינסטיקע מעגלעכקייטן דערצו, וואָס האָבן זיך דאָ געשאַפֿן.

כאָטש דאָרעם־אַפֿריקע פֿאַרמאָגט אומאויסשעפּלעכע רעזערוון פֿון רוישטאָפֿן פֿאַר דעם גרעסטן טייל פֿון דער מיטלער אינדוסטריע, האָט מען עס אָבער ניט גענוצט, ווײַל קימאַט אַלע פֿאַבריצירטע סכיירעס פֿלעגט מען קריגן פֿון יענער זײַט יאַם, איבערהויפּט פֿון ענגלאַנד.

ביז דער וועלט־מילכאָמע איז די מיטלע אינדוסטריע אין דאָרעם־אַפֿריקע געווען אומבאַדײַטנדיק, און די, וואָס איז יאָ געווען, האָט געהאַט צו טאָן מיט דער נויטווענדיקייט און פֿאָדערונג פֿון דער גרויסער אינדוסטריע, ווי גאָלד, קוילן, דימענטן אד"גל.

בעשאַס עס איז אויסגעבראָכן די וועלט־מילכאָמע פֿלעגט אויסקומען מיט גרויסע שוועריקייטן צו קריגן סכיירע. דאָס אַלץ צוזאַמען מיטן פֿאַקט, וואָס דאָרעם־אַפֿריקע געפֿינט זיך טויזנטער מײַלן ווײַט פֿון אינדוסטריע־ און פּראָדוציר־צענטערס — האָט גע־געבן דעם איניציאַטיוו שטויס און דערמוטיקונג אָנצוהייבן פֿאַבריצירן דאָ אין לאַנד גופֿע די נייטיקע אַרטיקלען פֿאַרן געברויך פון דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג. מען האָט אָנגעהויבן צו פֿאַבריצירן אַרטיקלען, וואָס ביז דאַן פֿלעגט מען זיי אימפּאָר־טירן. עס זײַנען אַנטשטאַנען נײַע פֿאַבריקן מיקאָל האַמינים. די נײַע זיך גיך אַנטוויקלענדיקע אינדוסטריע האָט קוים געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו שטעלן אויף די פֿיס, ווי עס האָט זיך אָפּגעשטעלט די וועלט־מילכאָמע און צוזאַמען דערמיט האָבן ווידער גענומען פֿאַרפֿלייצן דעם היגן מאַרק די אימפּאָרטירטע אַרטיקלען. די אימפּאָרטירטע אַרטיקלען האָבן גענומען קאָנקורירן מיט די אַרטיקלען פֿון דער היגער פּראָדוקציע, וועלכע האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו דערגרייכן קוואַליטאַטיוו די מאַדרייגע פֿון די אימפּאָרטירטע, ווײַל די נײַ געשאַפֿענע היגע אינדוסטריע האָט ניט געקענט אין מעשעך פֿון דער מילכאָמע־צײַט אַרײַנקריגן נײַע מאַשינען און קוואַליפֿיצירטע פֿאַכלײַט, וועלכע זאָלן פּראָדוצירן גוטע סכיירעס. ניט נאָר איז עס געווען אַ פֿראַגע פֿון קאָנקורענץ אין דער קוואַליטעט, נאָר אויך אין די פּרײַזן, ווײַל די פֿאַבריקן פֿון די אינדוסטריעלע לענדער פֿון יענער זײַט יאַם האָבן שוין אַ לאַנגיאָריקע דערפֿאַרונג, מאָדערנע מאַשינען און האָבן פֿאַבריצירט סכיירעס אויפֿן מאַסשטאַב פֿון מאַסן־פּראָ־דוקציע. דער היגער קאָנסומענט האָט זיך באַצויגן ניט סימפּאַטיש צו די אָרטיקע פֿאַבריצירטע סכיירעס. מ'האָט געהאַט צו די היגע סכיירעס אַ פֿאָראורטייל, ווי צו סכיירעס פֿון אַ שלעכטער קוואַליטעט און וועלכע זײַנען געווען טײַערער פֿון די אימפּאָר־טירטע. ביכלאַל גענומען האָט געהערשט אין דאָרעם־אַפֿריקע ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק אַ מיינונג, וועלכע עקסיסטירט אין יעדן

יונגן נאָך ניט אַנטוויקלטן לאַנד, אַז אימפּאָרטירטע סכיירעס זײַנען די בעסטע.

די דאָרעם־אַפריקאַנער רעגירונג צו יענער צײַט איז געווען אין די הענט פון פראָ־ענגליש־אימפּעריאַליסטישע ענגלענדער און בורן. זיי זײַנען ניט געווען פאַראינטערעסירט צו שטיצן און אָנמוטיקן אַן אַנטוויקלונג פון אַן אָרטיקער מיטעלער אינדוסטריע. דאָרעם־אַפריקע פּראָדוצירט גאָלד, קוילן, צוקער אאַז״וו, אָבער פאַבריצירטע סכיירעס דאַרף מען אימפּאָרטירן — האָבן זיי גע־קלערט — פון מאַלכעס ענגלאַנד אָדער פון אַנדערע פרײַנדלעכע לענדער. די היגע רעגירונג האָט ניט געהאַט קיין ביטאָכן און איז ניט געווען פאַראינטערעסירט צו שאַפן אַ מיטעלע אינ־דוסטריע און האָט ניט געוואָלט אָפּשוואַכן אָדער פאַרקלענערן דעם קאָמערציעלן פּרעסטיזש פון ענגלאַנד און פאַרקלענערן איר אָפּ־זאַצמאַרק אין דאָרעם־אַפריקע.

די קליינע פּראָטעקציע, וואָס די נײַע אינדוסטריע פלעגט קריגן פון דער היגער רעגירונג איז ווײַט ניט געווען גענוג בײַצו־שטיין די קאָנקורענץ פון אויסלאַנד. אַזוי אַרום האָט די נײַ געשאַפענע אינדוסטריע איבערגעלעבט אַ גרויסן קריזיס, צוליב וועלכן עס האָבן זיך געשלאָסן אַ סאַך פאַבריקן.

דער קריזיס האָט אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1925, ווען די דאָרעם־אַפריקאַנער נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי און (אין אַ קליינער מאָס) די אַרבעטער־פּאַרטיי זײַנען געקומען צו דער מאַכט (זיי זײַנען געקומען צו דער מאַכט צוליב דער ברוטאַלער שטעלונג פון דער פריערדיקער רעגירונג צום גרויסן שטרײַק אין יאָר 1922). די נײַע רעגירונג איז געווען קעגן ענגלישן אימפּעריאַליזם און איז גלײַך צוגעטראָטן צו שאַפן באַדינגונגען, וועלכע זאָלן פירן צו אַ דאָרעם־אַפריקאַנישער עקאָנאָמישער זעלבשטענדיקייט. די נײַע רעגירונג האָט ניט נאָר אַרויפגעלייגט גרויסע פּראָטעק־טיווע טאַריפן, קעדיי צו ראַטעווען די שוין געגרינדעטע אינדו־סטריעס אין לאַנד, נאָר זי האָט אָנגעמוטיקט און געשטיצט אין

יעדער הינזיכט די אַנטוויקלונג פֿון נײַע אינדוסטריעס. אַזוי, לעמאָשל, האָט די רעגירונג אַראָפּגענומען קימאַט יעדן אָפּצאָל בײַם אַרײַנפֿירן מאַשינען, וואָס זײַנען נייטיק פֿאַר די פֿאַבריקן. זי האָט שטאַרק פֿאַרקלענערט און אין אַ סאַך פֿאַלן אין גאַנצן אַראָפּגענומען דעם אָפּצאָל פֿון רוישטאָפֿן און אַרטיקלען, וועלכע זײַנען נייטיק פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער אינדוסטריע. אַזוי אַרום האָט די רעגירונג געשאַפֿן אַ גינסטיקן באָדן פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער מיטעלער אינדוסטריע אין לאַנד. פֿון דאַן אָן הייבט זיך אָן דער גרויסער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פֿון דער היגער מיטעלער אינדוסטריע סײַ קוואַליטאַטיוו און סײַ קוואַנטיטאַטיוו. די אַנטוויקלונג פֿון דער אינדוסטריע איז געווען דער וויכטיקער פֿאַקטאָר, וואָס האָט געגעבן באַשעפֿטיקונג אַ סאַך לאַנד־אײַנוווינער און שטאָטישע אַרבעטסלאָזע, און דאָס, וואָס אַ סאַך היגע רוישטאָפֿן זײַנען געוואָרן אויסגענוצט.

אַגעוו איז וויכטיק צו דערמאָנען, אַז די נײַע מיטעלע אינדוסטריעס האָבן אַרײַנגעצויגן צענדליגער טויזנטער פֿרויען, וועלכע האָבן ביז דאַן ניט געהאַט קיין אַרבעט, ווײַל אין די הויפּט־אינדוסטריעס פֿון לאַנד, ווי דאָס אַרויסבאַקומען גאָלד, דימענטן, קוילן א״אַנד, האָבן קיין פֿרויען ניט געאַרבעט. אַפֿילו אין פֿאַרמערײַ, ווי לעמאָשל, בײַ פֿעלדאַרבעט, מעלקן די קי אד״גל, האָבן, לעהייפּעך ווי אין די אייראָפּעיִשע און אַנדערע לענדער, אויך קיין פֿרויען ניט געאַרבעט. דאָ טוען עס אַלץ די שוואַרצע.

אויף וויפֿל די מיטעלע אינדוסטריע האָט זיך אַנטוויקלט די לעצטע צען—צוועלף יאָר, ווײַזט דער פֿאַקט, וואָס אָט די אינדוסטריע באַשעפֿטיקט איצט איבער אַ פֿערטל מיליאָן מענטשן— איבער הונדערט און פֿופֿציק טויזנט שוואַרצע און קאָלירטע און איבער הונדערט טויזנט ווײַסע (אין דעם אַן ערעך זעקס און דרײַסיק פּראָצענט פֿרויען). אָט די ציפֿער איז די לעצטע פֿאַר יאָר געשטיגן. אין 1933—34 האָט די מיטעלע אינדוסטריע פֿאַר־

נוצט דאָרעם־אַפריקאַנישע רוישטאָפן אין ווערט מער ווי פאַר נײַן און צוואַנציק מיליאָן געלט־פונטן. דאָס באַטרעפט זעקס און פופציק פּראָצענט פון די רוישטאָפן, וועלכע ווערן פאַרנוצט אין דער מיטעלער אינדוסטריע.

זינט 1933—34 איז די קאָנסומציע און פּראָדוקציע שטאַרק געשטיגן אַ דאַנק דער גאָר גינסטיקער צײַט („פּראָספּעריטי"), וואָס דאָרעם־אַפריקע מאַכט דורך. די פאָלגנדיקע ציפערן ווײַזן די שטײַגערונג פון דער היגער אינדוסטריע אין יאָר 1934—35: די היגע מיטעלע אינדוסטריע האָט אין דעם יאָר 1934—35 פּראָדוצירט סכויירע אין ווערט פון 131,331,695 פונט. דערויף זײַנען פאַרנוצט געוואָרן רוישטאָפן אין ווערט פון 66,020,790. דערפון היגע רוישטאָפן פאַר 34,466,423 פונט. די ציפערן ווײַזן, אַז די פּראָדוקציע פון דער מיטעלער אינדוסטריע שטײַגט אַריבער אַפילו די גאָלד־פּראָדוקציע, וואָס האָט באַטראָפן פאַרן יאָר 1936 דעם ווערט פון 79,276,920 פונט.

די פּראָדוקציע איז געשטיגן קוואַליטאַטיוו, אַזוי אַז מאַנכע אַרטיקלען קענען זיך פאַרגלײַכן מיט די בעסטע אימפּאָרטירטע אַרטיקלען. אויך קוואַנטיטאַטיוו באַנוגנט שוין ניט מער דער דאָרטיקער אָפּזאַצמאַרק, און מען עקספּאָרטירט שוין מאַנכע אַרטיקלען אַפילו קיין ראָדיסיע אויך אין אַ קלײנעם מאַסשטאַב אין אַנדערע שכנישע לענדער. מען וואַרפט שוין אויגן אויף צענטראַל־אַפריקע, ווי אויף אַ צוקונפטיקן אָפּזאַצמאַרק.

ווער זײַנען עס געווען די יעניקע, וועלכע האָבן געטאָן די פּיאָנער־אַרבעט בײַם גרינדן און בײַם ברענגען עס צו דער הויכער שטופע, אויף וועלכער עס געפינט זיך איצט די מיטעלע דאָרעם־אַפריקאַנישע אינדוסטריע?

די שוואַרצהויטיקע און קאָלירטע („ברוינע"), וועלכע באַטרעפן מער ווי פינף און זיבעציק פּראָצענט פון דער דאָרעם־אַפריקאַנישער באַפעלקערונג, — זיי זײַנען דאָס ניט געווען. זיי

זײַנען נאָר אַן אָרעמער עקספּלאָאַטירטער עלעמענט; און אַלס אַזעלכע זײַנען זיי אויך אין דער נײַ געשאַפֿענער אינדוסטריע.

די בורן, וועלכע זײַנען מערסטנטייל אַ פּויערים־ און קליינ־שטעטל־עלעמענט, שפּילן בּיכלאַל זייער אַ קליינע ראָלע אין דער קאָמערץ פֿון לאַנד. זיי האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין איניציאַטיווע אין שאַפֿן אַ נײַע אינדוסטריע. דער גאַנצער איניען האָט זיי ניט אינטערעסירט.

די פּאָטענציעלע פֿאַבריקאַנטן — די ענגלענדער האָט געפֿעלט די פֿאַרשטענדעניש און דער צוגאַנג צו עקאָנאָמישע פּראָבלעמען און פֿראַגן פֿון דאָרעם־אַפֿריקע גופֿע. עס האָט זיי אויך געפֿעלט צוטרוי און גלויבן, לעהייפּעך צו דעם פֿאַל מיט אויסטראַליע און קאַנאַדע, ווײַל אַבוץ דעם, וואָס דאָרעם־אַפֿריקע איז נאָך אַ יונג לאַנד, זײַנען די ענגלענדער לעגאַבע די בורן אַ מינדער־הייט. זייער צוגעבונדנקייט צו ענגלאַנד האָט בײַ זיי ניט צוגע־לאָזן דעם געדאַנק פֿון אַ קאָנקורענץ מיט מאַמע ענגלאַנד. זיי האָבן ניט געהאַט גענוג גלויבן און קיין צוטרוי צו די אַרטיקלען, וואָס מען קען דאָ פֿאַבריצירן אין דער צײַט, ווען ענגלאַנד קען עס צושטעלן. אידעאָלאָגיש זײַנען זיי געווען קעגן יעדער דער־שײַנונג, וועלכע קען באַגרענעצן עקאָנאָמיש דעם ענגלישן פּרע־סטיזש. געוויס זײַנען זיי געווען קעגן דער נײַער שטרעבונג, אַז דאָרעם־אַפֿריקע זאָל ווערן עקאָנאָמיש זעלבשטענדיק און אומ־אָפּהענגיק פֿון ענגלאַנד. אַגעוו זײַנען פֿאַראַן זייער פֿיל ענגלענ־דער, וועלכע זײַנען קאָמערציעל פֿאַרבונדן מיט ענגלאַנד אומדי־רעקט און דירעקט.

עס זײַנען פֿאַראַן אַ סאַך ענגלענדער, וועלכע ציִען זייער כעיונע דערפֿון, וואָס זיי פֿאַרטרעטן ענגלישע אינדוסטריעס און גרויסע פֿירמעס אַלס האַנדלס־אַגענטן און זײַנען דעריבער פֿאַר־אינטערעסירט אין אַ גרויסן ענגלישן עקספּאָרט.

אָבער טראָץ דעם אַלעם האָט זייער געניטער כוש פֿאַר־געשעפֿט, די זוכעניש פֿון אָפּזאַצמערק, ווי צו אינוועסטירן פּראָ־

פּיטמעסיק זייערע קאַפּיטאַלן, זיי דאָך געשטויסן אָנטייל צו נעמען אין דער אַנטוויקלונג פון דער אָרטיקער אינדוסטריע פון דאָרעם־אַפריקע, ווייל זיי זיינען אינדוסטריעל צו פּראַקטיש, אַז זיי זאָלן ניט אָפּשאַצן די גוואַלדיק גינסטיקע מעגלעכקייטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ אָרטיקער אינדוסטריע, וואָס די רעגירונג האָט געגעבן. אַגעוו האָט זיך אין יענער צייט געמערקט אין ענגלאַנד אַ נייער קורס מיצאַד די גרויס־קאַפּיטאַליסטן. אָנשטאָט צו עקספּאָרטירן סכיירע אין די קאָלאָניעס, האָט מען איינגעזען, אַז עס וועט זיך בעסער באַצאָלן צו עקספּאָרטירן קאַפּיטאַל; האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע באַוועגונג צו גרינדן פאַבריקן אין אַלע טיילן פון דער ענגלישער אימפּעריע.

די ליטוויש־רוסישע יידן, וועלכע האָבן געזוכט נייע וועגן און אויסגאַנגען פאַר זייער ענערגיע און אָנגעקליבענע קאַפּיטאַלן, האָבן זיך באַצויגן צו די ניי געשאַפענע מעגלעכקייטן פאַר אינדוסטריע מיט אָפּטימיזם, מיט גלויבן, וועלכער איז נייטיק און געווינטשן פאַר דער גרינדונג פון אַ נייער אינדוסטריע. זייער ענערגישער טעמפּעראַמענט, זייערע מאַטעריעלע אַמביציעס און זייער קאָמערציעלער ספּעקולאַטיווער כוש האָט זיך אַריינגעפּאַסט און האָט זיי געטריבן מיט גרויס אָפּטימיזם און ענטוזיאַזם צו די נייע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן צו שאַפן און אַנטוויקלען די מיטעלע אינדוסטריע אין לאַנד. מ'האָט אימפּאָרטירט די מאָדערנסטע מאַשינען, מ'האָט אַרונטערגעבראַכט עקספּערטן; און צוזאַמען מיט זייער גרויסן דערפאָלג איז געשטיגן די מיטעלע אינדוסטריע וואָס אַמאָל מער און מער.

לאָמיר דאָ ברענגען אייניקע ביישפּילן:

אין דער באַקלייד־אינדוסטריע, וועלכע באַשעפטיקט איבער פופצן טויזנט (15,000) אַרבעטער, זיינען די יידישע פאַבריקאַנטן פאַרטראָטן מיט איבער זיבעציק פּראָצענט. פון די 200 פאַבריקן, וועלכע געפינען זיך אין לאַנד, זיינען 134 אין טראַנסוואַל (פיר פאַבריקן באַשעפטיקן אַן ערך 2000 אַרבעטער

און אַ פֿערציק פֿאַבריקן ניט מער און אָפֿט ווייניקער ווי צו צען אַרבעטער). פֿון די 134 באַקלייד=פֿאַבריקן אין טראַנסוואַל, וועלכע באַשעפֿטיקן איבער זעקס טויזנט אַרבעטער, זײַנען כּמעט זעקס אינדישע (זיי באַשעפֿטיקן אַן ערעך 180 אַרבעטער) און איין ענגלישער (באַשעפֿטיקט אַן ערעך 20 אַרבעטער), אַלע איבעריקע פֿאַבריקאַנטן ליטוויש=פּוילישע ייִדן.

שנײַדערײַ (באַשטעלונג=שנײַדערײַ). אין וויט=וואַטערסראַנד זײַנען פֿאַראַן 260 שנײַדערײַען. פֿון זיי געהערן 128 צו ליטוויש=רוסישע ייִדן, 91 צו אינדוסן, די איבעריקע — צו ענגלענדער און בורן. קיין סטאַטיסטיק וועגן די אַנדערע טיילן פֿון לאַנד איז ניטאָ, נאָר די לאַגע איז אַן ערעך אַזאַ: אין די איבעריקע טיילן פֿון טראַנסוואַל און אָרענדזש=פֿריסטייט איז פֿאַראַן צו איינע אָדער צוויי ייִדישע שנײַדערײַ=קראָמען כּמעט אין יעדן קליינעם אָדער גרעסערן שטעטל. אין נאַטאַל און אין דער קייפּ=פּראָווינץ (אויסער קייפּטאָון, וועלכע האָט אַ סך ייִדישע שנײַדערײַען, פּונקט ווי די אַנדערע גרעסערע שטעט אין דער קייפּ), ליגט דער שנײַדערפֿאַך הויפּטזעכלעך אין די הענט פֿון אינדוסן.

מעבל=אינדוסטריע. אין וויטוואַטערסראַנד געפֿינען זיך 180 מעבל=פֿאַבריקן. דערפֿון געהערן 126 צו ייִדן.

די לעדער=אינדוסטריע. אין טראַנסוואַל געפֿינען זיך 16 שוכפֿאַבריקן. דערפֿון געהערן 13 פֿאַבריקן צו ייִדן (נאָר 5 פֿון זיי זײַנען גרעסערע).

די טעקסטיל=אינדוסטריע פּראָדוצירט דער עיקר וואָלענע און באַוולנע פֿאַטשיילעס און קאָלדרעס, וואָס אַ סך שוואַרצהויטיקע טראָגן עס אַלס זייערע איינציקע קליידער. מאַנכע שוואָטים טראָגן נאָר געווויסע קאָלירן, וואָס נעמען אָן אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פֿון דעם געגעבענעם שייוועט. די טעקסטיל=אינדוסטריע באַשעפֿטיקט מער ווי 2800 אַרבעטער. מיטן אויסנאַם פֿון איינעם אָדער צוויי זײַנען אַלע פֿאַבריקאַנטן ייִדן.

כאַטש נאָר זעכצן פּראָצענט פֿון דעם פֿאַרדינענדיקן טייל פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין דאָרעם־אַפֿריקע זײַנען פֿאַר־טראָטן אין דער אינדוסטריע, שפּילן די ליטוויש־רוסישע ייִדן די ווײַכטיקסטע ראָלע אין דער מיטעלער אינדוסטריע דאָ אין לאַנד. מיטן אויסנאַם פֿון דער גרויסער צוקער־אינדוסטריע און אירע בײַפּראָדוקציעס און אַכוץ דער מעטאַלורגישער אינדוסטריע (מעכאַנישע שמידערײַען, מעטאַל־וואַרשטאַטן), וועלכע האָט אַגעוו לעצטנס עטלעכע ייִדישע באַלעבאַטים, איז קימאַט ווי ניטאָ אַ מיטעלע אינדוסטריע דאָ אין לאַנד, אין וועלכער ייִדן זאָלן ניט זײַן פֿאַרטראָטן אַלס פֿאַבריקאַנטן.

ייִדישע אַרבעטער אין דער אינדוסטריע

זעכציק פּראָצענט פֿון די מענער און פֿערצן פּראָצענט פֿרויען פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין דאָרעם־אַפֿריקע זײַנען באַשעפֿטיקט בײַ וועלכער עס איז אַרבעט (אין פֿאַרגלײַך צו די זיבן און פֿופֿציק פּראָצענט מענער און צוועלף פּראָצענט פֿרויען פֿון דער ווײַסער ניט ייִדישער באַפֿעלקערונג).

פֿון די מענער איז דער גרעסטער טייל באַשעפֿטיקט אין מיסכער און קרעמערײַ. כוץ קרעמערײַ און קאָמערץ זײַנען ייִדן באַדײַטנדיק פֿאַרטראָטן אין די פֿרײַע פּראָפֿעסיעס, ווי לעמאָשל, דאָקטוירים, דענטיסטן, אַדוואָקאַטן אד"גל. ס'איז אויך דאָ אַ גרויסע צאָל ייִדישע קוסטאַרן (הויפּטזעכלעך ליטוויש־פּוילישע ייִדן), ווי זייגערמאַכערס, שנײַדער, שוסטער, בלעכער אאַז"וו.

ביכלאַל איז די צאָל פֿון די ייִדישע אַרבעטער אומבאַ־שטימט, ווײַל ס'איז ניטאָ קיין גענויע סטאַטיסטיק.

אין דער גרויס־אינדוסטריע, ווי גאָלד, קוילן־גרובן, אײַזנבאַן, האַפֿנס, צוקער א"אַ זײַנען ייִדן קימאַט ווי ניט באַשעפֿטיקט, אויסשליסנדיק, עפּשער, געציילטע יחידים.

אין ניט קוואַליפיצירטע און „שוואַרצע" אַרבעטן, אַרײַנ־רעכענענדיק דאָס בויען וועגן, זײַנען ייִדן אויך ניט פֿאַרטראָטן, ווײַל די דאָזיקע אַרבעטן ווערן געטאָן נאָר דורך די שוואַרצע און „די אָרעמע ווײַסע" (Poor Whites ווי אַ רעגירונגס־הילף). זיי זײַנען קאָנקורענצלאָז צוליבן נישטיקן געהאַלט, וואָס זיי קריגן פֿאַר דער דאָזיקער אַרבעט.

די ייִדישע אַרבעטער זײַנען באַשעפֿטיקט אין דער מיטע־לער און קלײנער אינדוסטריע, און הויפּטזעכלעך אַלס האַנדלס־אָנגעשטעלטע.

עס זײַנען ניטאָ קיין באַזונדערע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראײנען בײַ די אינדוסטריע־אַרבעטער פֿאַר בלויז ייִדיש רײדנדיקע. עס איז ניטאָ קיין פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַראײן, ווו ייִדישע אַרבעטער זאָלן זײַן אַ מערהייט. עס זײַנען פֿאַראַן קלײנע פֿאַבריקן (באַ־זונדערס אין יאָהאַנעסבורג), ווו ייִדישע אַרבעטער זײַנען אַ מער־הייט, אָבער אין זײער פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראײן זײַנען זיי נאָר אַ טײל פֿון דער אַלגעמײנער מיטגלידערשאַפֿט פֿון געגעבענעם פֿאַראײן.

דער באַשטאַנד פֿון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט דאָ טראָגט ניט קיין סטאַביליזירטן כאַראַקטער, ווי בײַ די ייִדישע אַרבעטער אין אײראָפּע. שנײַדערײַ, צום בײַשפּיל, איז דאָ געווען אַמאָל ביז דער אַנטוויקלונג פֿון באַקלײד־אינדוסטריע קימאַט ווי אויסשליסלעך אַ ייִדישער פֿאַך, ווײַל אַ גרויסער פּראָצענט פֿון די ייִדישע אַרבעטער־אימיגראַנטן זײַנען געווען שנײַדער. דאָס באַ־שטעטיקט דער פֿאַקט, וואָס שוין אין יאָר 1899 האָט אײנער אײַזיק סטאָון (אַ פּערזענלעכער און פּאַרטיי־כאַווער פֿון אַרן ליבערמאַן פֿון לאָנדאָן) געמאַכט אַ פּרווו צו גרינדן אַ פּראָפֿעסיאָ־נעלן פֿאַראײן פֿון ייִדישע שנײַדער אין קײפּטאָון.

די לעצטע יאָרן האָט די אימיגראַציע, קענטיק, ניט געבראַכט קיין סאַך שנײַדער. די צאָל ייִדישע שנײַדער אין דעם שנײַדער־פֿאַך ווערט מיט יעדן יאָר אַלץ קלענער. פֿון דער אַלגעמײנער

צאָל 740 שנײַדער, װעלכע אַרבעטן אין װיטװאַטערסראַנד זײַנען בלױז 351 ייִדישע (מערסטנטײל ליטװיש־פּױלישע).

די באַקלײד־אינדוסטריע, װעלכע איז אין מאַנכע לענדער (לעמאָשל, אַמעריקע) אין אַ גרױסער מאָס באַזעצט דורך ייִדישע אַרבעטער, האָט דאָ אין לאַנד זײער װײניק ייִדישע אַרבעטער. פֿון די איבער זעקס טױזנט אַרבעטער אין דער באַקלײד־אינדוסטריע אין טראַנסװאַל זײַנען פֿאַראַן קױם צװײ הונדערט ייִדן.

אין דער לעדער־אינדוסטריע אין טראַנסװאַל, װעלכע באַשטײט פֿון שוכפֿאַבריקן (די גאַרבערײַען געפֿינען זיך אין אַנדערע פּראָװינצן), זײַנען פֿאַראַן אַן ערך פֿופֿציק ייִדישע אַרבעטער. די אַלגעמײנע צאָל אַרבעטער אין דעם פֿאַך (לױט דער סטאַטיסטיק פֿון דער מיטגלידערשאַפֿט פֿון אָט דעם פֿאַראײן, אַרײַנרעכענענדיק אױך די קאָלירטע, אָבער ניט קײן שװאַרצע) איז איבער טױזנט (אין די גאָר קלײנע פֿאַבריקן אַרבעטן מאַנכע ייִדישע באַלעבאַטים אַלײן אױך בײַ די מאַשינען).

פֿון די צװײ טױזנט דרײַ הונדערט אַרבעטער אין דער מעבל־אינדוסטריע אין טראַנסװאַל זײַנען צװײ הונדערט פֿינף און דרײַסיק ייִדישע (קימאַט אױסשליסלעך ליטװיש־רוסישע).

אַחוץ די אױבן דערמאָנטע פֿאַכן זײַנען ליטװיש־רוסישע ייִדן פֿאַרטראָטן אַלס אינדוסטריע־אַרבעטער אין אַ סך אַנדערע פֿאַכן, אָבער אין זײער אַ קלײנער צאָל.

האַנדלס־אָנגעשטעלטע

אױסער די טױזנטער ייִדישע האַנדלס־אָנגעשטעלטע אין די גרױסע שטעט, װי לעמאָשל, אין פֿאַרשײדענע קראָמען, בײַ דער אינדוסטריע, אין ביוראָען, זײַנען פֿאַראַן אַ סך ייִדישע אָנגעשטעלטע צעשפּרײט איבערן גאַנצן לאַנד, הױפּטזעכלעך אין די קראָמען פֿון די ייִדישע באַלעבאַטים. זײער צאָל איז ניט באַװוּסט, װײַל

ס'איז ניטאָ וועגן זיי קיין סטאַטיסטיק. דער גאָר גרעסטער טייל פֿון זיי געהערט ניט צו קיין פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין.

די ייִדישע אָנגעשטעלטע אין די קראָמען פֿון ייִדישע באַלעבאַטים שטעלן פֿאָר, אַזוי צו זאָגן, אַ זיך בײַטנדיקן עלעמענט. דאָס זײַנען אַרבעטער, וועלכע זײַנען פּסיכאָלאָגיש פּאָטענציעלע באַלעבאַטים.

דער פּראָצענט פֿון געוועזענע אַרבעטער (הויפּטזעכלעך האַנדלס־אָנגעשטעלטע), וועלכע זײַנען געוואָרן און ווערן באַלעבאַטים, איז לעהייפּעך צו אייראָפּע זייער גרויס.

אויפֿן „ריף" (גאָלדענער אָדער, וואָס ציט זיך פֿון ראַנדפֿאָנטיין ביז ספּרינגס — אַ מעהאַלעך פֿון 60 ענגלישע מײַל, פֿון וועלכע דער מיטלפּונקט איז יאָהאַנעסבורג) געפֿינען זיך בײַ יעדער גאָלדגרוב „קאָנצעסיעס" (קאָנצעסיאָנירטע גרויסע קראָמען צוזאַמען מיט קאַפֿעריטעס פֿאַר די שוואַרצע, וועלכע אַרבעטן אין די גאָלדגרובן). אָט אין די קאָנצעסיאָנירטע גרויסע קראָמען אַרבעטן הויפּטזעכלעך ייִדישע יונגע לײַט. זיי זײַנען אָרגאַניזירט אין אַ פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין.

אָט דער פֿאַראיין פֿון די „ריף"־אָנגעשטעלטע איז אָן שום סאָפֿעק קוואַנטיטאַטיוו הײַנט צו טאָג דער צום בעסטן אָרגאַניזירטער פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַראיין צווישן די היגע אָנגעשטעלטע. פֿון די זעקס הונדערט און פֿופֿציק אָנגעשטעלטע אין די „קאָנצעסיעס" אויפֿן „ריף" געהערן אַן ערעך פֿינף הונדערט און פֿופֿציק צו זייער פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין. ניט ווייניקער ווי פֿינף און נײַנציק פּראָצענט פֿון די זעקס הונדערט און פֿופֿציק אָנגעשטעלטע אין די קאָנצעסיעס זײַנען ייִדן. קימאַט אַלע זײַנען ניט לאַנג אַריבערגעקומענע. אַ גאָר אומבאַדײַטנדיקער פּראָצענט פֿון זיי זײַנען מער ווי פֿינף יאָר אין דעם „פֿאַך".

אויפֿן „ריף" געפֿינען זיך נײַן און זעכציק „קאָנצעסיעס". אַלע אָן אויסנאַם (!) געהערן צו ליטוויש־רוסישע ייִדן. אַזוי אַרום זײַנען די באַלעבאַטים און ניט ווייניקער ווי פֿינף און נײַנציק

פראָצענט פון די אָנגעשטעלטע אין אָט די „קאָנצעסיעס" דורכויס ליטוויש־רוסישע ייִדן.

איבער אַכציק פּראָצענט פון די באַלעבאַטים פון די „קאָנ־צעסיעס" זײַנען אַליין געוועזענע אָנגעשטעלטע אין דעם זעלביקן „פאַך".

דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון די אָנגעשטעלטע אין די „קאָנצעסיעס" איז דער איינציקער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין, וואָס איז קימאַט אויסשליסלעך אַ ייִדישער. דאָס איז דער איינ־ציקער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין, ווו אויף די פאַרזאַמלונגען רעדט מען הויפּטזעכלעך אויף ייִדיש. דער סעקרעטאַר פון פאַר־איין רעדט ענגליש, כדי צופרידנצושטעלן די געניגע פינף פּראָ־צענט ניט ייִדישע מיטגלידער (יוגאָסלאַוון, ליטווינער א"אַ).

יידישע פאַרמער און פאַרמעריי אין דאָרעם־אַפריקע

ביז ן בוריש־ענגלישן קריג זײַנען ניט געווען קיין ייִדישע פֿאַרמערס (רוסיש־ליטווישע ייִדן). פּסיכאָלאָגיש זײַנען זיי ניט געווען גרייט אויפֿצונעמען דעם געדאַנק צו באַזעצן זיך אויף ערד, ווײַל פֿאַרמערײַ אַלס אַ לעבנס־באַשעפֿטיקונג פֿאָדערט מאַכן שאָלעם מיט דער לאַנגזאַמקייט. עס פֿאָדערט צײַט און געדולד צו וואַרטן אויף דער באַלוינונג פֿאַר דער אַרבעט, וואָס מ'גיט אָפּ דער מוטער ערד. פֿאַרמערײַ איז אַ צו לאַנגזאַמער פּראָצעס פֿון פּאַרנאָסע פֿאַר אומגעדולדיקע, ניט סטאַביליזירטע אימיגראַנטן, וועלכע שטייען, אַזוי צו זאָגן, מיט איין פֿוס דאָ און מיט דער צווייטער — אין דער אַלטער היים.

פֿאַרמערײַ פֿאָדערט מען זאָל שטיין פֿעסט מיט ביידע פֿיס אויף לאַנד, וואָס מען רופֿט אָן היים.

ניט אַמאָל און אויך ניט הײַנט עקסיסטירט וועלכע ניט איז געזעלשאַפֿט, וואָס זאָל זיך אינטערעסירן און זיך באַשעפֿטיקן מיט העלפֿן ייִדישע פֿאַרמערײַ און ייִדישע פֿאַרמערס.

אין מײַ (?) 1913 איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּרוּוו צו שאַפֿן אַזאַ געזעלשאַפֿט. עס האָט זיך פֿאָרמירט אַ צײַט־ווײַליקער קאָמיטעט פֿון Jewish Land Settlement association of South Africa („דאָרעם־אַפֿריקאַנער ייִדישער לאַנד סעטלעמענט־אַסאָסיאיישן") „מיטן צוועק — ווי עס ווערט געזאָגט אין זייער אויפֿרוף — צו אונטערשטיצן און ערמוטיקן ייִדישע פֿאַרמערײַ

אין דאָרעם־אַפריקע". די גרינדער פֿון דער געזעלשאַפֿט האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז "די צו פֿיל געפֿאַקטע שטאָטישע באַפֿעלקערונג איז ניט קיין גרויסע מעלע און אַז פֿיל וואָלט קענען געטאָן ווערן פֿאַרן יידישן פֿאַרמער". "די אויפֿגאַבן פֿון דער אַסאָסי־איישן זיינען: אַרויסצוגעבן אינפֿאָרמאַציעס, וועלכע דאַרפֿן לייכ־טער מאַכן דעם שווערן אָנהייב פֿון יידישן פֿאַרמער". "די אַסאָ־סיאיישן וועט זען צו באַזאָרגן פֿאַר יידישע פֿאַרמערס, אויסער נייטיקע טעכנישע זאַכן, ווי מאַשינען אד"גל, אויך יידישע שולן", ווייל "ס'איז דאָך דאָ אַזאַ גרויסער אונטערשייד צווישן דעם בורישן פֿאַרמער און דעם יידישן פֿאַרמער. דער בור זעט מיט אַלע מעגלעכקייטן צו זיין וואָס ווייטער פֿון זיין שאָכן. קוים קען ער זען פֿון זיין פֿאַרם דעם צווייטן פֿאַרמערס רויך פֿון קוימען — וועט ער אַנטלויפֿן ווייטער. אַנדערש איז דער ייד. ביים יידן איז פֿיל מער אַנטוויקלט דער ווילן צו זיין צווישן מענטשן". דער פּרוּוו צו גרינדן אַן אָרגאַניזאַציע צו "אונטערשטיצן און ערמוטיקן יידישע פֿאַרמערי אין דאָרעם־אַפֿריקע" איז דורכגעפֿאַלן דערפֿאַר, ווייל דער באַוווּסטזיין און נויטווענדיקייט צו נאָרמאַ־ליזירן דעם היגן יידישן קיבוץ איז נאָך ניט געווען רייף, און צווייטנס — ווייל עס זיינען ניט געווען צוגעשטאַנען קיין פֿאַר־אַנטוואָרטלעכע טוער און פֿירער צו דער באַוועגונג. די רייכע יידן, וועלכע וואָלטן געקענט פֿינאַנסירן די אַרבעט, האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס פֿאַר דער זאַך.

דער צווייטער פּרוּוו איז געמאַכט געוואָרן נאָך דער וועלט־מילכאָמע, ווען עס האָט זיך געשאַפֿן אַ שטימונג און באַוועגונגען אויף דער יידישער גאַס אין דער גאַנצער וועלט צו נאָרמאַליזירן די סטרוקטור פֿון יידישן עקאָנאָמישן לעבן. דאָס באַזעצן יידן אויף ערד און לערנען דעם יונגן דאָר אַ פֿאַך איז געוואָרן אַ גע־באָט פֿון טאָג און אַ עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט. דאָס באַזעצן צענדליגער טויזנטער יידן אויף ערד אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, און

אין אַ קלענערן מאַסשטאַב אויך אין אַנדערע לענדער, האָט געפֿונען אַן אָפּקלאַנג אויך דאָ אין לאַנד.

עטלעכע פּרוּוון זײַנען געמאַכט געוואָרן צו שאַפֿן דאָ אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל זיך אונטערנעמען צו דערמעגלעכן דאָס באַזעצן ייִדן אויף ערד. באַזונדערס פֿלעגט די פֿראַגע אַרויפֿשווימען אין דער צײַט פֿון אַ שטאָטישן עקאָנאָמישן קריזיס. די פּערספּעקטיוון און מעגלעכקייטן פֿאַר ייִדישער פֿאַרמערײַ זײַנען דאָ אַלע מאָל געווען זייער גינסטיקע. עס זײַנען פֿאַראַן אַ סאַך פֿרײַע ניט באַאַרבעטע שטאָכים ערד. ערד איז געווען זייער ביליק (הײַנט צו טאָג — אויך ניט טײַער). די רעגירונג גיט עס דורך דער באַנק פֿאַר גרונט (Land Bank) אויף אויסצו־צאָלן אין מעשעך פֿון פֿערציק יאָר פֿאַר קליינע פּראָצענטן. אָבער אַחוץ גרונט איז דאָס באַזעצן ייִדן אויף ערד פֿאַרבונדן מיט גרויסע פֿינאַנסיעלע שוועריקייטן. מען דאַרף האָבן אַ סאַך געלט פֿאַר פֿאַרם־אינוועטאַר: הײַזער, שטאַלן, בריגימער, אָקסן אָדער טראַקטאָרס צום אַקערן, זריע, בעהיימעס און שאָף; אויך אַנדערע הויצאָעס זײַנען אומפֿאַרמײַדלעך ביז דער ערשטער גערעטעניש.

פֿאַר אַזאַ אונטערנעמונג איז נייטיק אַ גרויסע רעגירונגס־שטיצע, אָדער אַ געזעלשאַפֿט מיט גרויסע קאַפּיטאַלן.

עטלעכע פּרוּוון צו שאַפֿן אַן אָרגאַניזאַציע פֿאַר באַזעצן ייִדן אויף ערד האָבן שוין געהאַט אָנגענומען פּראַקטישע צוגרייטונגס־פֿאָרמען. מ'האָט שוין געמאַכט אויספֿאָרשונגען און צוגרייטונגען. מען האָט געהאַט די אַקטיווע שטיצע און מיטהילף פֿון ייִדישע פֿאַרמערס פֿון הײַפֿעלד (הויכפֿעלד Highveld) און אַנדערשוווּ. זיי — די ייִדישע פֿאַרמערס — זײַנען אַלע מאָל געווען ענטוזיאַסטיש פֿאַרן געדאַנק צו באַזעצן ייִדן אויף ערד דאָ.

ווי עס פֿלעגט אָבער קומען צום צוטרעטן שאַפֿן די באַ־שטימטע נייטיקע געלטמיטלען אויף צו פֿאַרווירקלעכן אין לעבן די פּלענער פֿון דעם קאָמיטעט, פֿלעגט עס ווערן צו גאָרנישט.

אָפּטמאָל, ווען עס פּלעגט שוין האַלטן אָט־אָט בײַם פאַרווירק־לעכט ווערן, פּלעגט עס, אַזוי צו זאָגן, מיסטעריעז צערונען ווערן.

די היגע רײַכע ייִדן, וועלכע זײַנען קימאַט אַלע ציעניסטן, זײַנען עפּנטלעך קיין מאָל ניט געווען קעגן באַזעצן דאָ ייִדן אויף ערד. פאַרקערט: דער „געזעלשאַפטלעכער" כוש פון מאַנכע פּלעגט זיי נאָך טרײַבן צו די באַראַטונגען. נאָר ווי עס פּלעגט קומען צום ענדגילטיקן שריט, ד"ה, ווען די געזעלשאַפט האָט געדאַרפט קריגן דאָס געלט, קעדיי דער אַפּאַראַט זאָל נעמען פונק־ציאָנירן, פּלעגן די ייִדישע גווירים ווערן „אַקטיוו" אין זייער פּאַסיוקייט און מיט דעם אָפּטייטן די יונגע צאַפּלדיקע באַוועגונג מיטן אויסרייד, אַז איצט איז ניט די גינסטיקע צײַט דערפאַר. דאָס פּלעגן זיי טאָן ניט צוליב מוירע פאַרן ריזיקירן און אויך ניט צוליב קאַרגשאַפט (מאַכמעס זיי גיבן געלט אויף אַלץ), נאָר מיטן אויסרייד, אַז באַזעצן ייִדן אויף ערד דאַרף מען אין פּאַלע־סטינע. אָט די שטעלונג האָט אָפּגעטייט יעדע באַוועגונג צו גרינדן אַזאַ אָרגאַניזאַציע. די רײַכע ייִדן האָבן ניט געקענט זײַן קעגן ציעניזם און קעגן ציעניסטישער אַרבעט. יעדער פּרוּוו צו נאָרמאַליזירן און עקאָנאָמיש געזינטער מאַכן די ייִדן אין דאָרעם־אַפריקע האָט אין די אויגן פון די ציעניסטן אויסגעזען ווי אַ פאַרראַט קעגן ציעניזם.

אין „דרום־אַפריקע" פון יולי 1930 שרײַבט זייער טרעפּלעך יודרייז אין אַן אַרטיקל א"ג „דערהרגעט די באַוועגונג": „פאַר הימל און לופט, פאַר מיראַזשן און חלומות עקסיסטירט ניט קיין פינאַנסיעלער מאַנגל אָדער געלטקריזיס — מען רײַסט פון טויטע און פון לעבעדיקע. נאָר ווען עס קומט נאָך לאַנגע שווערע יאָרן צו טאָן עטוואָס פאַר זיך, צו שטאַרקן דעם היגן ייִדישן קיבוץ, צו טאָן אונדזער חלק אין דעם אַלגעמיינעם פּראָצעס פון נאָרמאַ־ליזירן דעם ייִדישן לעבן — דאַן איז די צײַט קיין מאָל ניט פּאַסיק, און ס'איז ניטאָ בײַ וועמען צו קלײַבן".

ייִדן אין דאָרעם־אַפֿריקע האָט מען ניט באַזעצט אויף ערד. זיי האָבן אַליין, פֿון זייער אייגענער איניציאַטיווע, זיך גענומען צו פֿאַרמעריי.

די ערשטע ייִדישע פֿאַרמערס האָבן זיך רעקרוטירט פֿון די ייִדישע קרעמער און „טאָכערס" (שמויזערס), וועלכע האָבן גע־קרעמלט און „געטאָכט" צווישן די בורישע פֿאַרמערס. אַזוי אַרום זײַנען זיי געווען אין אַ פֿאַרמערישער סוויווע און דעריבער געהאַט לאַנגיאָריקע באַקאַנטשאַפֿט מיט אַ סאַך פֿאַרמערס און פֿאַרמעריי, נאָך איידער זיי האָבן זיך גענומען צו לאַנדאַרבעט. עס זײַנען אויך געווען האָקערס (Hawkers), וועלכע האָבן אויך פֿריער אין רוסלאַנד געלעבט צו לאַנד, ווו זיי פֿלעגן אַרומפֿאָרן פֿאַרקויפֿן סכיירעס. זיי איז אײַנגעפֿאַלן דער געדאַנק אײַנצוקויפֿן גרונט אויף צום האַלטן און צו פֿיטערן די בעהיימעס, וואָס זיי פֿלעגן קריגן פֿון פֿאַרמער אַלס אויסטויש פֿאַר די סכיירעס, וואָס די פֿאַרמערס פֿלעגן קויפֿן בײַ די ייִדן.

צוויי סיבעס האָבן געטריבן די ייִדישע קרעמער פֿון לאַנד צו ווערן אַליין פֿאַרמערס. איין סיבע איז געווען דאָס, וואָס צווישן די בורישע פֿאַרמערס האָט זיך אַנטוויקלט אַ סיסטעם פֿון אַ יאָריקן קרעדיט: פֿון איין גערעטעניש ביז דער צווייטער. די פֿאַרמערס פֿלעגן קויפֿן אויף קרעדיט אַלץ, וואָס זיי דאַרפֿן פֿאַר זיך, פֿאַר דעם הויזגעזינד, פֿאַרן פֿאַרם. דער קרעמער פֿלעגט דאַרפֿן וואַרטן אויף זײַן געלט ביז דער פֿאַרמער וועט אַראָפּנעמען פֿון די פֿעלדער. אויב דער פֿאַרמער פֿלעגט האָבן אַ געראָטענעם יאָר, פֿלעגט ער דעם קרעמער באַצאָלן דעם כויוו און אָנהייבן נעמען אויף דאָס נײַ, אויפֿן כעשבן פֿון דעם נײַעם יאָר. אויב אָבער עס פֿלעגט זײַן ניט קיין געראָטענער יאָר (ווי דאָס פֿלעגט טרעפֿן אָפֿט צוליב זייער פֿעאָדאַלער סיסטעם פֿון באַאַרבעטן די פֿעלדער), פֿלעגט דער פֿאַרמער באַצאָלן נאָר אַ טייל פֿון כויוו און אָנהייבן נעמען אויפֿן כעשבן פֿון דער קומעדיקער גערע־טעניש. אויף אַזאַ אויפֿן איז דער קרעמער אַרײַנגעצויגן געוואָרן

אין אַ קרעדיט־סיסטעם, וואָס דער קלענערער און ניט פאַרמעגלעכער קרעמער האָט ניט געקענט אויסהאַלטן. אַפילו מאַנכע פון די, וועלכע האָבן עס יאָ געקענט אויסהאַלטן, איז אויך נימעס געוואָרן אָט די סיסטעם פון קרעמערײַ. זיי האָבן פאַרלאָזן קרעמערײַ און געוואָרן „ספעקולייטערס" (ספעקולאַנטן—קויפן אויף פון די פאַרמערס בעהיימעס און לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן און פאַרקויפן עס אויפן שטאָטישן מאַרק). מאַנכע זײַנען אין גאַנצן אַוועק אין שטאָט אַרײַן. די יעניקע געוועזענע קרעמער, וועלכע האָבן זיך שוין אָפּגעוואוינט פון שטאָטישן לעבן, און די, וועלכע האָבן ליב געהאַט דאָס לעבן אויפן לאַנד, זײַנען געוואָרן פאַרמערס.

די צווייטע (און עפּשער וויכטיקערע) סיבע, וואָס האָט געבראַכט דעם ייִדישן קרעמער און טאָכער צו ווערן אַליין אַ פאַרמער, איז געווען די „אויף העלפט־סיסטעם", וועלכע איז דאַן געווען זייער פּאָפּולער הויפּטזעכלעך אין טראַנסוואַל און אָרענדזש־פרייסטייט. שפּעטער איז די דאָזיקע סיסטעם פאַרווערט געוואָרן דורך דער רעגירונג.

די סיסטעם „אויף העלפט" איז געווען אַזאַ [1]: „אַ פאַרמער, וואָס האָט געהאַט אַן אייגענע צי געדונגענע פאַרם און האָט ניט געקענט — גיכער ניט געוואָלט — אַליין אַרבעטן, פלעגט אויסזוכן עטלעכע קאַפער־פאַמיליעס (שוואַרצע), וועלכע האָבן פאַרמאָגט אייגענע אָקסן מיט אַקערס און זיי באַזעצן אויף דער פאַרם. די שוואַרצע האָבן געאַקערט, געזייט, געשניטן און געדראָשן, און העלפט דערפון פלעגן זיי אַוועקגעבן דעם אייגנטימער פון דער ערד. ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַ מין דזשענטעלמען־פאַרמער, וואָס

1 אלע ציטאַטן וועגן פאַרמערײַ זײַנען פון י. מ. שערמאַנס (אליין א געוועזענער פאַרמער) צוויי ארטיקלען „ייִדישע פאַרמער און פאַרמערײַ אין טראַנסוואל". דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס איז געשריבן געוואָרן אויף דער טעמע אין ייִדיש, געדרוקט אין דעצעמבער 1922 און יאַנואר 1923 אין „דרום־אפריקע".

זײַן גאַנצע אַרבעט איז באַשטאַנען אין קומען אָפּנעמען זײַן העלפּט — ווען ס'איז געווען פּאַרטיק".

„דאָס ערשטע, וואָס האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם ייִדישן קרעמער צו דעם ווערט פון פּאַרמערײַ איז געווען די „אויף העלפּט"-סיסטעם". „דעם ייִדישן קרעמער איז די סיסטעם שטאַרק געפעלן. ער האָט דערזען אין דעם אַ נײַעם קוואַל פון פּרנסה. ערדבאָדן איז נאָך דאַן געווען וואָלוול. ס'איז אויך געווען גרינג צו קויפן. האָט דער קרעמער געקויפט אָדער געדונגען אַ היפּשע פאַרם, אַרויפגעזעצט דערויף עטלעכע קאַפער-פאַמיליעס און געוואַרט אויף זײַן העלפּט. און ניט נאָר דאָס אַליין. די עטלעכע קאַפער-פאַמיליעס האָבן דאָך נייטיק געהאַט דורך דעם יאָר עסן און קליידער און געוויסע אַרבעטס-געצײַג און אויך אַמאָל אַ מזומנעם שילינג. פלעגן זיי דאָס אַלץ באַקומען בײַם קרעמער. די רעזולטאַטן זײַנען געווען, אַז בײַם טיילן זיך איז, דעם קאַפער אָנגעקומען נאָר איין אַכטל פון די געווונענע תבֿואות דאָס איבעריקע איז אַוועק צום קרעמער פאַר זײַן העלפט און פאַר דאָס, וואָס זיי האָבן אים געקומט. אָבער טראָץ דעם, וואָס די סיסטעם האָט אים אַרײַנגעבראַכט אַ היפּשן פּראָצענט פאַר דאָס אויסגעלייגטע געלט, איז ער דאָך ניט געבליבן צופרידן. ער האָט אויסגערעכנט, אַז ניט נאָר פאַרדינט ער ניט, נאָר ער פאַרלירט. די קאַפערס, ווענדיק פאַרזייען וואָס מערער, פלעגן אַקערן זייער פלאַך, כּדי דאָס אַקערן זאָל גיין וואָס שנעלער. ממילא איז דאָס אויפגעוואַקסענע געווען מאָגער און די פעלדער פול מיט אַלערליי גראָזן, וועלכע ס'איז שווער אויסצוראַמען. אין פאַרלויף פון אייניקע יאָר איז די ערד געווען מאָגער און כמעט אומפּרוכטבאַר. מיט בעסערער פירונג און מער סיסטעמאַטישער אַרבעט וואָלט די פאַרם אַרויסגעגעבן דרײַ און אפשר פינף מאָל אַזוי פיל ווי איצט. און ער האָט באַשלאָסן צו ווערן אַליין אַ פאַרמער. ער איז געווען זיכער, אַז מ'קען מאַכן דערבײַ געלט. דאָס זעלבע האָבן ייִדן געטאָן אין אַנדערע געגנטן. עס האָט זיי

אָפּגעגליקט אַ פּאָר יאָר נאָכאַנאַנד און זיי האָבן געמאַכט אַ ביסל געלט. צו יענער צײַט האָט אויך דער עקספּאָרט-האַנדל אָנגעפאַנגען זיך אַנטוויקלען. די פּרײַזן פון „מיליעס" (מאַיס) זײַנען געשטיגן, און האָבנדיק דעם בײַשפּיל פון אייניקע פאַרמערס, וואָס זײַנען רײַך געוואָרן אין אַ גאָר קורצער צײַט, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ באַוועגונג צווישן יידן צו ווערן פאַרמערס.

כוץ „אויף העלפט" איז געווען נאָך אַ סיסטעם פון פאַר-מערײַ. דאָס איז די „ווױן-קאָפּערס-סיסטעם" (Squatters): דער ווײַסער פאַרמער גיט אָפּ אַ קליין שטיקל ערד פון זײַן פאַרם פאַר שוואַרצע. די שוואַרצע מעגן אויף דעם שטיקל ערד זייען פאַר זיך מיט אייגענער זריע צו ביסלעך פון פאַרשיידענע פּראָ-דוקטן. דערפאַר אָבער מוזן די שוואַרצע אַרבעטן פאַרן ווײַסן פאַרמער דעם גאַנצן יאָר. אין דער צײַט פון אַקערן און שנײַדן פלעגן די ווײַבער און קינדער אויך מוזן אַרבעטן פאַרן ווײַסן פאַרמער. אויף אַזאַ אופן האָט דער ווײַסער פאַרמער געהאַט אומזיסטע אַרבעטסקראַפט. אָט די סיסטעם ווערט נאָך אויך הײַנט באַנוצט ניט נאָר פון בורן, נאָר אין אַ קליינער מאָס אויך דורך יידישע פאַרמערס.

ביליקע אַרבעטסקראַפט פאַר די ווײַסע פּאַרמערס, סײַ פאַר די אָרעמע און סײַ פאַר די רײַכע, איז (נאָך מער ווי פאַר די גאָלדגרובן) אַלעמאָל און אויך הײַנט די אַקס אַרום וועלכער עס דרייט זיך די פּאָליטישע ראָד אין לאַנד, ווײַל די פּאָרשטייער פון די פאַרמערס אין פּאַרלאַמענט זײַנען אַ מערהייט. ביליקע, לײַכטע צום עקספּלאָאַטירן אַרבעטסקראַפט פאַר די ווײַסע פאַרמערס איז די הויפּטסיבע, וואָס לאָזט ניט די שוואַרצע אויפהייבן זייער קאָפּ און זיך אַנטוויקלען.

די פּראָבלעם פון ביליקער אַרבעט, צו וועלכער מען נוצט די שוואַרצע, האַלט אויף דעם האַס פון ווײַסן צום שוואַרצן און שטאַרקט דעם „גלויבן", אַז דער ווײַסער איז דער האַר און דער שוואַרצער — זײַן קנעכט.

אַט לייענען מיר אין אַ צײַטונג פֿון זונטאָג דעם 28סטן מערץ 1937, אַז אויף אַ קאָנפֿערענץ פֿון וואָל־פֿאַרמער אין צאָפּן פֿון נאַטאַל, האָט אַ פּראָמינענטער פֿאַרמער געזאָגט אַזוי: „די אײַנגעבאָרענע (די שוואַרצע) פֿילן זיך פֿיל בעסער אין די טורמעס ווי אויף די פֿאַרמס פֿון ווײַסע". אָנשטאָט פֿאַרצולייגן פֿאַרבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען אויף די פֿאַרמס פֿון די ווײַסע און העכערן די נישטיקע סכירעס פֿון די שוואַרצע, האָט ער פֿאָרגעלייגט (און אַזאַ רעזאָלוציע איז טאַקע אָנגענומען געוואָרן), אַז די רעגירונג זאָל שטאַרק פֿאַרערגערן די באַדינגונגען אין די טורמעס, קעדיי די שוואַרצע זאָלן וועלן גיין אויף די פֿאַרמס און זאָלן זיך שרעקן פֿאַר די טורמעס, ווו די באַדינגונגען זײַנען בעסערע ווי בײַ מאַנכע ווײַסע אויף דער פֿאַרם.

די באַציִונג פֿון די ייִדישע פּאַרמערס צו זייערע שוואַרצע איז ניט בעסער. אָבער וואָס דער גרעסטער טייל פֿון די ייִדישע פֿאַרמערס צוזאַמען מיט אַנדערע פּראָגרעסיווע פֿאַרמערס האָבן יאָ אַרײַנגעבראַכט, איז דאָס איבערבײַטן דעם פּעאָדאַלן אופֿן פֿון צאָלן דעם לאַנד־אַרבעטער: מען צאָלט אים כוידעשדיקע סכירעס ווי אַ לוין־אַרבעטער.

„כדי צו באַקומען אַ קלאָרן באַגריף פֿון דעם, וואָס דער ייִדישער פֿאַרמער האָט געטאָן פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון פֿאַרמערײַ אין טראַנסוואַל, איז נייטיק צו וויסן, ווי עס איז געווען דער אַלגעמיינער מצבֿ פֿון פֿאַרמערײַ אין די ערשטע עטלעכע יאָר נאָך דעם בורן־קריג און ביז דער ייִד איז געוואָרן אַ פֿאַרמער. עס איז מערקווערדיק און כאַראַקטעריסטיש, אַז די בורן, הגם זיי שטאַמען פֿון אַן אַגריקולטורעלן פֿאָלק, האָבן זיי פֿונדעסטוועגן גאָרנישט אויפֿגעטאָן אין די פֿילע יאָרן, וואָס זיי געפֿינען זיך אויף די ברייטע און רײַכע פֿעלדער פֿון טראַנסוואַל, אויף דעם לאַנדווירטשאַפֿטלעכן געביט. דער אַקער, ווי דאָס אַקערן איז געבליבן פּרימיטיוו". „דאָס אַקערן גופֿא איז געווען פֿון אויבן — „געקראַצט" אויף פֿאַרמער־לשון — און דער גרונט איז ניט קולטי־

ווירט געוואָרן: אונטער די גרויסע שטיקער ערד, וואָס דער אַקער פֿלעגט אויפֿרײַסן, פֿלעגט דער פֿאַרמער אַרונטערוואַרפֿן די „מיליעס" אָדער „קאַפֿער-קאָרן" — די צוויי הויפּטפּראָדוקטן פֿון טראַנסוואַל — און עס איבערלאָזן זיך אַרויסצומאַטערן פֿון דער ערד מיט גאָטס גנאָד. עס האָט געהייסן: געזייט אונטערן אַקער. פֿון פֿלאַנצערס האָט דער בור דאַן ניט געוווסט. ער האָט אויך ניט געוווסט צו האַלטן ריין דאָס פֿעלד פֿון גראָז, וואָס „דערשטיקן" דאָס געזייטע, אָדער האַלטן לויז דעם גרונט, דורך אַ שטענדיקן פּראָצעס פֿון קולטיווירונג, כּדי די אונטערשטע פֿײַכטקייט זאָל ניט פֿאַרלאָרן גיין. פֿלעגט טאַקע זייער אָפֿט טרעפֿן, אַז אָנשטאָט „מיליעס", למשל, פֿלעגט אויסוואַקסן אַ פֿעלד מיט גראָז און דאָס ביסל תּבֿואה, וואָס מען פֿלעגט יאָ באַקומען איז געווען ניט אַנטוויקלט און ניט גענוג פֿאַר צוויי חדשים עסן. מען האָט איבערהויפּט ווייניק געזייט אין יענע יאָרן".

„... די רעזולטאַטן זײַנען געווען, אַז דער פֿאַרמער — די גרויסע מערהייט — איז שטענדיק געווען הינטערשטעליק". אַ סאַך פֿון זיי זײַנען אַוועק אין די שטעט, פֿאַרגרעסערנדיק דערמיט די צאָל פֿון די „אָרעמע ווײַסע".

די ייִדישע פֿאַרמערס — די געוועזענע קרעמער אָדער „טאָכערס" — האָבן זיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין פֿאַרמערײַ מיט זייער גאַנצער ענערגיע. זיי האָבן גוט אויסגענוצט זייערע קאָמערציעלע פֿעיִקייטן און דערפֿאַרונגען, וואָס איז פֿאַר זיי געווען זייער נייטיק פֿאַר מאָדערנער און פּראָגרעסיווער פֿאַרמערײַ.

ערד איז געווען זייער ביליק. אַרבעטסקראַפֿט — אויך. ווי און ווו צום בעסטן קריגן קרעדיט, אָפּזעצן זײַנע פּראָדוקטן און ווו צום ביליקסטן קויפֿן אינווענטאַר און די איבעריקע נויטווענדיקייטן דערצו — דאָס אַלץ האָט דער געוועזענער קרעמער געוווסט. לעהייפּעך צו זײַן בורישן שאָכן קויפֿט דער ייִדישער פֿאַרמער אָקסן צום אַקערן דאַן, ווען אָקסן זײַנען ביליק (ווינטער) און פֿאַרקויפֿט זיי, ווען זיי זײַנען טײַער (זומער). דער ייִדישער

פֿאַרמער האָט עס געקענט דורכפֿירן, ווײַל ער פֿלעגט, לעהײפּעך צו זײַן שאָכן, זײען ספּעציעלע פּאַשע פֿאַר די בעהיימעס און האָט די דאָזיקע פּאַשע רעזערווירט אויף ווינטער. האָט ער געהאַט עסן פֿאַר די בעהיימעס און איז ניט געווען אָנגעוויזן אויף די פֿאַרדאַרטע פֿעלדער, ווו די בעהיימעס קענען צופּעליק טרעפֿן אַ גראָז, און אָפּטמאָל פֿלעגן דעם שאָכנס בעהיימעס טאַקע ניט אויסהאַלטן ביז צו דער צײַט, ווען עס פֿלעגט זיך ווײַזן נײַע גרינע פּאַשע.

דאָס ערשטע, וואָס די ייִדישע פֿאַרמערס האָבן געטאָן, איז געווען באַזאָרגן זיך מיטן בעסטן און מאָדערנסטן פֿאַרם־אינווענטאַר. נאָך אַ קורצער צײַט האָט דער גרעסטער טייל פֿון די ייִדישע פֿאַרמערס אײַנגעזען, אַז סײַ „אויף העלפֿט" און סײַ די סיסטעם פֿון „ווין־קאַפֿער" איז אַ פּרימיטיווע פֿאָרם פֿון פֿאַר־מערײַ (די סיסטעם פֿון „ווין־קאַפֿער" ווערט נאָך אַד־היַיעם פּראַקטיצירט בײַ מאַנכע ייִדישע פֿאַרמערס, הויפּטזעכלעך אין אָרענדזש־פּריסטייט — ניט ווײַט פֿון די רעזערוון פֿון שוואַרצע. דאָרט קריגט מען אַרבעטסקראַפֿט זייער ביליק). די ייִדישע פֿאַר־מערס האָבן געזען, אַז די שוואַרצע (וועלכע זײַנען די אַרבעטס־קראַפֿט פֿאַרן פֿאַרמער) זײַנען אומצופֿרידן, אַרבעטן אָן כיישעק, זײַנען פֿויל, פֿאַרנאַכלעסיקן די אַרבעט און זײַנען ביכלאַל ניט פּינקטלעך, ווײַל זייער לוין איז אַ נישטיקער. די ייִדישע פֿאַר־מערס האָבן אָפּגעשאַצט דעם ווערט פֿון צופֿרידענער אַרבעט און די פּינקטלעכקייט אויף די פֿעלדער און האָבן דעריבער אײַנגע־פֿירט אַ מאָנאַטלעכן געהאַלט פֿאַר זייערע אַרבעטער.

אַקערן טיף, רייניקן גוט די פֿעלדער (יעטן) און אַקערן ווינטער (דאָס אַקערן אין דעם היגן ווינטער ווערט באַצייכנט אַלס „טרוקן־פֿאַרמערײַ") זײַנען גאָר, גאָר גרויסע פֿאַרדינסטן פֿון די ייִדישע פֿאַרמערס אין טראַנסוואַל און אָרענדזש־פּריסטייט. זיי זײַנען געווען די פּיאָנערן פֿון אָט דער סיסטעם אין די געגנטן, ווו זיי האָבן אָנגעהויבן צו פֿאַרמערן.

די יידישע פֿאַרמערס האָבן איינגעזען, אַז פֿלאַך אַקערן איז ריזיקאַליש צוליב עטלעכע סיבעס. ווען עס קומען די גיכע און גרויסע רעגנס, וואַשן זיי אָפּט אַוועק די פּאַרזייטע זריִע אָדער די זריִע נעמט פֿוילן. אָבער גרויס איז די געפֿאַר פֿון אַקערן פֿלאַך אין יאָרן פֿון טריקעניש, ווען דער רעגן פֿאַרשפּעטיקט אָדער פֿאַלט ניט רעגלמעסיק. דאָס טרעפֿט זייער אָפּט. און די אַפֿרי־קאַנער זון וויל פֿון קיין זאַך ניט וויסן. זי זויגט די גאַנצע צייט די פֿייכטקייט פֿון דער מוטער ערד. אין טרוקענע יאָרן און אין יאָרן, ווען רעגן פֿאַרשפּעטיקט, האָבן די פּאַרזייטע זריִעס ביים פֿלאַכן אַקערן ניט גענוג קייאַך און דער באָדן האָט ניט גענוג לופֿט אויפֿצוהאַלטן און העלפֿן דעם פּראָצעס פֿון וואַקסן, ווייל די זון זויגט אַרויס די פֿייכטקייט פֿון דער ערד.

דאָס זעלביקע איז אויך מיטן רייניקן (יעטן) די פֿעלדער. ווען די פֿעלדער זיינען ניט גערייניקט, גייט דער באַגרענעצטער סכום פֿייכטקייט נאָר צו דער פּאַרזייטער זריִע. די פּאַרזייטע זריִעס האָבן ניט קיין „שותּפֿים" — די ווילדע גראָזן, וואָס נעמען אַוועק די נייטיקע שפּייז צום וואַקסן.

דאָס טיף אַקערן האָט דערמעגלעכט און געטריבן צום איינ־פֿירן דאָס אַקערן אין די „ווינטער"־כאָדאָשים. „ביים פֿלאַכן אַקערן פֿלעגט דער באָדן ווערן פֿון ווינט, זון און שטענדיקן טרעטן פֿון די בהמות גיך האַרט און טרוקן. איז דאָס אַקערן אום ווינטער געווען אַן אוממעגלעכקייט". דעריבער פֿלעגט דער פֿאַרמער שטענדיק וואַרטן אויף די ערשטע רעגנס, ווען די ערד פֿלעגט ווערן ווייכער און דאַן פֿלעגט ערשט זיין מעגלעך צו אַקערן. אויף אַזאַ אויפֿן פֿלעגט מען פֿאַרלירן אַ סאַך צייט. ווען דער רעגן פֿלעגט קומען שפּעט, פֿלעגט מען ניט קענען זייען קיין סאַך. דער שפּעטיקער פֿאַרזיי פֿלעגט אָפּט ווערן איבערגעפֿירט. מיטן אַקערן ווינטער האָט מען אין אַ גרויסער מאָס זיך אויך באַפֿרייט פֿון דער פּעסט פֿון „קאַט"־ווערים (שניידווערים), וואָס

פּרעסן מיליעס, ווײַל די אייעלעך פֿון די דאָזיקע ווערים ווערן פֿאַרפֿרוירן און קומען אום.

די אײַנגעפֿירטע דורך די ייִדישע פֿאַרמערס (דער ערשטער, וועלכער האָט מיט איבער דרײַסיק יאָר צוריק דאָס אײַנגעפֿירט אין טראַנסוואַל און אָרענדזש־פֿריסטייט איז געווען י. לאַזאַרוס) ווינטער־פֿאַרמערײַ איז הײַנט צו טאָג אָנגענומען אין טראַנסוואַל און אָרענדזש־פֿריסטייט אַלס אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט פֿאַר פֿאַרמערײַ.

די ייִדישע פֿאַרמערס, די געוועזענע קרעמער און הענדלער, האָבן גלײַך פֿאַרשטאַנען די וויכטיקייט פֿון ניט נאָרן די מוטער ערד. זיי האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז וואָס מערער מען נעמט אַרויס פֿון דער ערד, אַלץ מאָגערער און ווייניק פֿרוכטבאַר ווערט זי. אויב מען וויל גוטע רעזולטאַטן מוז מען די ערד פֿלעגן. מען דאַרף זי פֿלעגן מיט אַ ברייטער האַנט. די ייִדישע פֿאַרמערט גיבן אויס אַ סאַך מער געלט ווי זייערע שכנים אויף קינסטלעכער באַמיסטיקונג (י. לאַזאַרוס, צום בײַשפּיל, גיט אויס פֿערצן טויזנט פֿונט געלט אַ יאָר אויף קינסטלעכער באַמיסטיקונג) און צו באַנוצן בעסערע זריִע.

ס'איז וויכטיק צו דערמאָנען, אַז אין הײַפֿעלד (הויכפֿעלד — אַ געגנט אין צאָפֿן־טראַנסוואַל) זײַנען ייִדן געווען די ערשטע וועלכע האָבן געמאַכט קאַרטאָפֿל אַ פּראָדוקט פֿאַרן מאַרק.

די ייִדישע פֿאַרמערס באַאַרבעטן גרויסע שטאָכים ערד און אייניקע פֿון זיי שאַפֿן אַגריקולטורעלע גרויס־פּראָדוקציע.

די דורכשניטלעכע ייִדישע פֿאַרמערס פּראָדוצירן פֿון צענדליגער ביז הונדערט מאָל אַזוי פֿיל, ווי די דורכשניטלעכע בורישע פֿאַרמערס, וועלכע זײַנען ניט אַזוי אַמביציעז און באַנוגענען זיך מיט ווייניק. דעריבער איז זייער פּראָדוקציע אַ באַגרענעצטע. דאָ אין לאַנד איז דער גרעסטער פּראָדוצענט פֿון מיליעס אַ ייִד (י. לאַזאַרוס, אין טראַנסוואַל). ער פּראָדוצירט איבער הונדערט טויזנט זעק מיליעס און איבער אַכציק טויזנט

זעק קאַרטאָפֿל. ער איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „דער קיניג פֿון די מיליעס". אויך דער „קיניג" פֿון קאַרטאָפֿל איז אַ ייִד מיטן נאָמען י. ד. לוריע, איינער פֿון די גרעסטע פּראָגרעסיווע פֿאַרמער פֿון אָרענדזש־פּריסטייט.

עס זײַנען אַוועק די יאָרן (כאָטש גאָר ניט לאַנג איז עס געווען), ווען די רעגירונג (און מעלוכע־לײַט) פֿלעגן פּראָפּאַגירן צווישן די פֿאַרמערס, אַז זיי (די פֿאַרמערס) זאָלן פּראָדוצירן וואָס מערער. הײַנט איז פּונקט דער הייפּעך. די רעגירונג שרעקט זיך גאָר שטאַרק פֿאַר אַן אַגריקולטורעלער גרויס־פּראָדוקציע. דעריבער קוקט די רעגירונג „קרום" און איז ניט פֿרײַנדלעך געניי‎גט צו דער גרויס־פּראָדוקציע פֿון די ייִדישע פֿאַרמערס. דאָס איז ניט דערפֿאַר, ווײַל די רעגירונג שאַצט ניט אָפּ זייערע גרויסע פֿאַרדינסטן אויפֿן געביט פֿון פֿאַרמערײַ, נאָר דערפֿאַר, ווײַל די גרויס־פּראָדוקציע פֿון די ייִדישע פֿאַרמערס שטעלט די רעגירונג אין אַ שווערער לאַגע. זי דאַרף זאָרגן, ווו און ווי אַזוי אָפּצוזעצן די איבערפּראָדוקציע פֿון מאַנכע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּראָדוקטן, וואָס שטײַגן מיט יעדן יאָר. די ייִדישע פֿאַרמערס מיט זייער (ספּעקולאַטיווער) גרויס־פּראָדוקציע רייצן בײַ דער רעגירונג אַן אָנגעווייטאָגטע פּראָבלעם דערמיט, וואָס זיי פּראָדוצירן אויף אַ מאַסן־מאַסשטאַב. די רעגירונג איז געצווונגען און פֿאַרפֿליכט צו טאָן אַלץ, וואָס עס איז מעגלעך, אַז די פֿאַרמערס זאָלן קריגן גוטע מעקאָכים פֿאַר זייערע פּראָדוקטן, ווײַל זיי (די פֿאַרמערס) האָבן דאָך זיי אַוועקגעזעצט אויפֿן רעגירונגס־בענקל.

ווי זאָל עס די רעגירונג טאָן?

עקספּאָרט קען זיך בעשום אויפֿן ניט באַצאָלן. די אַגרי־קולטורעלע הויפּטפּראָדוקטן פֿון טראַנסוואַל און אָרענדזש־פּריס־טייט זײַנען מיליעס און קאַרטאָפֿל. ביידע אַרטיקלען לוינט ניט צו עקספּאָרטירן צוליב די גרויסע פֿראַכטקאָסטן, ווײַל ס'איז אַ גרויסע דיסטאַנץ פֿון פּאָרט און עס מאַכט אויס צו טײַער דאָס טראַנספּאָרטירן איבערן יאַם. פֿאַר די עקספּאָרטירטע אַגראַר־

פראָדוקטן קריגט מען אין אויסלאַנד ווייניקער ווי אַ העלפט פון פרייז אויפן היגן מאַרק, ווו די רעגירונג האָט קינסטלעך איינגע־פירט פאַרהעלטניסמעסיק הויכע פרייזן.

קעדיי די רעגירונג זאָל זיך איינהאַלטן ביי דער מאַכט מוז זי צופרידנשטעלן די פאַרמערס דורך זאָרגן, אַז זיי זאָלן קריגן הויכע פרייזן פאַר זייערע פראָדוקטן — דורך אויפהאַלטן קינסטלעך די היגע הויכע פרייזן און דורך געבן די פאַרמערס סובסידיעס. אַזוי אַרום שאַפט זיך אַ שווערע לאַגע פאַר דער רעגירונג: וואָס מער די פאַרמערס פראָדוצירן, אַלץ שווערער ווערט פאַר דער רעגירונג די פינאַנסיעלע מעגלעכקייט גענוגנדיק צו סובסידירן זיי. דעריבער איז די רעגירונג שטאַרק קעגן אַגריקולטורעלער גרויס־פראָדוקציע.

די סיסטעם פון „טרוקן־פאַרמעריי", וואָס האָט זייער שטאַרק געהויבן די אַגראַר־פראָדוקציע אין טראַנסוואַל און אָרענדזש־פריסטייט, איז נאַטירלעך ניט אויסגעטראַכט געוואָרן און איז ניט קיין דערפינדונג פון די יידישע פאַרמערס. די סיסטעם האָט שוין עקסיסטירט פריער, נאָר די יידישע פאַרמערס זיינען אָן סאַפעק געווען די ערשטע, וועלכע האָבן עס דורכגעפירט אין דער פראַק־טיק אין די געגנטן, ווו זיי האָבן געפאַרמט און זיי האָבן צוגע־געבן דאָס, וואָס זיי האָבן געלערנט פון זייער דערפאַרונג.

דער גרעסטער אויטאָריטעט אין טרוקן־פאַרמעריי אין דאָרעם־אַפריקע, מאַקדאָנאַלד, האָט אין זיין בוך וועגן „טרוקן־פאַרמעריי אין ד'־אַפריקע" (Dry Farming in S. Africa) אָפגעגעבן אַ גרויסן קאַפיטל וועגן „לאַזאַרוסעס טרוקן־פאַרם־סיסטעם". ער שטרייכט אונטער די גאָר גרויסע פאַרדינסטן, וואָס י. לאַזאַרוס האָט פאַר דער פאַרמעריי אין דאָרעם־אַפריקע.

י. לאַזאַרוס, אַ פאָשעטער ליטווישער ייִד, אַ געוועזענער קרעמער — האָט אָנגעהויבן צו פאַרמען אין 1904. ער באַאַרבעט היינט צו טאָג איבער צען טויזנט אַקער ערד אין היי־פעלד (Highveld) און אויך גרויסע שטאָכים ערד אין אַנדערע טיילן פון

טראַנסוואַל. ער באַשעפֿטיקט איבער טויזנט אַרבעטער (960 איי־נגעבוירענע און 46 ווײַסע). די ווײַסע זײַנען באַשעפֿטיקט אַלס פּראַוואַלטערס און אויפֿזעערס. י. לאַזאַרוס איז איינער פֿון די גרעסטע און דערפֿאָלגרײַכסטע פּראָגרעסיווע פֿאַרמער אין דאָרעם־אַפֿריקע. ער גיט אויך אָפּ צײַט צו לערנען און צו ווײַזן, ווי אַזוי פּראָגרעסיוו צו פֿאַרמען.

עס איז ניטאָ קיין גענויע סטאַטיסטיק וויפֿל ייִדישע פֿאַר־מערס עס געפֿינען זיך דאָ. די צאָל איז אומגעפֿער 350. אין דעם גייט אַרײַן אַכוץ פֿאַרמערס, וועלכע פֿאַרוואַלטן אַליין מיט זייערע פֿאַרמס, אויך אַ צאָל ייִדן באַשעפֿטיקטע אַלס אויפֿ־זעערס און פֿאַרוואַלטערס אויף פֿאַרמס.

נאָך צוויי קאַטעגאָריעס ייִדן ווערן באַצייכנט אַלס פֿאַרמערס:

1) די, וועלכע האָבן פֿאַרמס אַלס זײַטיקע פּרנסה, ד"ה זיי קויפֿן פֿאַרמס פֿאַר אַגריקולטור אָדער פּיצוכט, זיי אָרגאַניזירן עס, שטעלן צו אַלץ וואָס איז נייטיק און דאָס פֿאַרוואַלטן לאָזן זיי איבער צו אַ געדונגענעם אויפֿזעער. זיי אַליין לעבן אין די שטעט אָדער שטעטלעך און קומען אַרויס אויף דער פֿאַרם בלויז פֿון צײַט צו צײַט צו קאָנטראָלירן דעם פֿאַרוואַלטער, און

2) אַזעלכע, וועלכע קויפֿן פֿאַרמס מיטן צוועק צו אינ־וועסטירן געלט. זיי אַליין ווייסן גאָר ווייניק וועגן פֿאַרמערײַ. זיי לאָזן עס אין גאַנצן איבער צו די געדונגענע דערפֿאַרענע פֿאַרוואַלטערס. זיי קומען ווען ניט איז אין דער פֿאַרם אַלס פּריצים צו פֿאַרברענגען דאָרט אַ ביסל צייט. די צאָל פֿון אָט דער קאַטעגאָריע פֿאַרמערס איז זייער אַ קליינע.

די ייִדישע פֿאַרמערס, פּונקט ווי דער גאָר גרעסטער טייל פֿון די פֿאַרמערס אין דאָרעם־אַפֿריקע, זײַנען ניט קיין ערד־אַרבעטער. דאָס טוען די שוואַרצע און די גאָר אָרעמע ווײַסע. די פֿאַרמערס זײַנען נאָר די פֿאַרוואַלטערס און אויפֿזעערס אויף זייערע באַלעבאַטישקייטן. זיי זײַנען ניט קיין פּויערים, נאָר — ווי זיי ווערן באַצייכנט — „קולאַקעס".

די הויפּטפּראָדוקטן פֿון די ייִדישע פֿאַרמערס זײַנען: מיליעס, קאַרטאָפֿל, בעבלעך און „טעף״.

אין אָרענדזש־פֿריסטייט, קייפּ, נאַטאַל און מאַנכע טיילן פֿון טראַנסוואַל זײַנען אויך פֿאַראַן ייִדישע פֿאַרמערס, וועלכע פּראָדוצירן ווייץ; מאַנכע — אויך טאַבאַק און בוימוואָל. אויך מיט פֿיצוכט פֿאַרנעמען זיך ייִדישע פֿאַרמערס.

מער ווי אַ דריטל פֿון דער צאָל ייִדישע פֿאַרמערס זײַנען קאָנצענטרירט אין דער געגנט, וואָס הייסט הײַפֿעלד (Highveld) אין צפֿון־טראַנסוואַל. אַן ערך פֿינף און זעכציק ייִדישע פֿאַרמערס געפֿינען זיך אין אָרענדזש־פֿריסטייט. די איבעריקע זײַנען צעשפּרייט אין קייפּ און נאַטאַל.

ווען מען רעדט וועגן ייִדישער פֿאַרמערײַ אין דאָרעם־אַפֿריקע, טראַכט מען טייקעף וועגן הײַפֿעלד (לעזלי, קינראָס, טריכאַרדס), ווײַל ס׳איז די איינציקע געגנט, וווּ ייִדישע פֿאַרמער זײַנען מער אָדער ווייניקער קאָנצענטרירט. צענדליגער מײַלן קען מען פֿאָרן איבער גרונט, וואָס געהערט צו ייִדישע פֿאַרמערס.

די ערשטע ייִדישע פֿאַרמס האָבן זיך דאָרטן באַוויזן אין 1903—1904. די ערשטע ייִדישע פֿאַרמערס אין הײַפֿעלד זײַנען געווען ל. בער, שאָול קאַהאַן, ראַכמיִעל פּייפּערט און י. לאַזאַרוס.

דער פּראָצעס פֿון באַזעצן זיך דאָרט אויף ערד איז געווען אין אָנהייב אַ לאַנגזאַמער. אין 1907 זײַנען דאָרט געווען מער ניט ווי 14 ייִדישע פֿאַרמערס. אין יענע יאָרן איז פֿאַרמערײַ געווען ניט קיין לײַכטע זאַך. באַזונדערס שווער איז דאָס געווען פֿאַר אַן אימיגראַנט — אַ געוועזענעם קרעמער (י. לאַזאַרוס דערציילט, אַז ער האָט געריטן הונדערט און צען מײַל צו אַ דענטיסט. ניט איין מאָל פֿלעגט אויסקומען צו שלאָפֿן אין רעגן און שטורעם אויף די פֿעלדער).

אין די יאָרן 1927—8—9 איז די צאָל ייִדישע פֿאַרמערס בכלל און אין הײַפֿעלד בפֿרט געווען גרעסער ווי איצט.

די סיבעס, פאַר וואָס ייִדן גייען אַוועק פון פאַרמערייַ זייַנען:

1) שלעכטע ניט גערעטענע יאָרן קענען די וויניק פאַר־מעגלעכע פאַרמערס ניט אויסהאַלטן. ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זאָלן זיי קומען צו הילף אין אַ שלעכטן יאָר, זייַנען ניטאָ.

2) די ייִדישע פאַרמערס האָבן ניט פאַרברענט הינטער זיך די בריקן צו האַנדל און קרעמערייַ. אויב פאַרמערייַ צאָלט זיך ניט, גייט מען גלייַך צוריק אין שטאָט אַרייַן צום האַנדל.

3) אַ באַדייַטנדיקע צאָל פון זיי זייַנען געווען טראַדי־ציאָנעלע ייִדן און האָבן געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן קריגן אַ רעליגיעז־טראַדיציאָנעלע דערציִונג. דאָס האָבן זיי אויף דער פאַרם ניט געקענט דערגרייכן, האָט עס זיי געצויגן צו דער שטאָט.

4) אַ וויכטיקער פאַקטאָר, וואָס האָט אַוועקגענומען ייִדישע פאַרמערס פון לאַנד איז געווען דאָס, וואָס די ייִדישע פאַר־מערס זייַנען אַלס געוועזענע שטאָטישע אייַנוווינער און סאָכרים געווען אַ געזעלשאַפטלעכער עלעמענט — זיי ווילן ניט פירן אַן איזאָלירט לעבן און ווערן פאַרטעמפּט.

5) אַ סאַך פרויען פון ייִדישע פאַרמערס פאַלט שווער. מאַנכע ווילן ניט און קענען ניט זיך צוגעוווינען צום צו לאַנד, צום פויערים־לעבן און עס ציט זיי אין שטאָט. ייִדישע פאַר־מערס האָבן כאַסענע מיט שטאָטישע מיידלעך. מאַנכע פון זיי ווירקן אויף זייערע מענער, זיי זאָלן אַוועקוואַרפן דאָס צו לאַנד־לעבן (פאַרמערייַ) און זיך באַזעצן אין שטעט אָדער שטעטלעך.

אַפילו אין הייַפעלד איז צווישן די ייִדישע פאַרמערס קוים דאָ אַ געזעלשאַפטלעך לעבן צוליב דעם, וואָס די ייִדישע פאַר־מערס זייַנען זייער צעשפּרייט. מערסטנטייל געפינען זיי זיך ווייַט איינער פונעם אַנדערן. עס פעלן דאָרט קולטורעלע און געזעל־שאַפטלעכע געמיינזאַמע אינטערעסן, וועלכע זאָלן זיי דערנענטערן.

דאָך איז אַ וויכטיקע דערשייַנונג, וואָס טראָגט דער „פּראָ־ספּעריטי" אין די שטעט פאַר די לעצטע יאָרן ווערט די צאָל

יידישע פֿאַרמערס ניט קלענער. דאָס ווײַזט, אַז פֿאַרמערײַ נעמט שוין בײַ זיי אָן אַ מער סטאַבילע לעבנספֿאָרם.

די קעגנזײַטיקע באַציִונגען בײַ די יידישע פֿאַרמערס אין הײַפֿעלד טראָגט דעם כאַראַקטער פֿון שייוועט-אַכראַיעס. עס איז אָבער ניטאָ בײַ זיי קיין כאַווערישע נאָענטקייט. עס הערשט אַ שטאַרקע קינע צווישן זיי. די קינע שטאַמט דערפֿון, וואָס איינער אַרבעט אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב, אָדער וואָס איינער האָט אַ גרעסערן דערפֿאָלג ווי דער אַנדערער.

די באַציִונג פֿון גרעסטן טייל פֿון די בורישע פֿאַרמערס צו די יידישע (אין הײַפֿעלד און אַנדערשווו) איז ניט קיין פֿרײַנד-לעכע און ניט קיין גוט ברודערישע — אויס קינע צוליבן גרויסן דערפֿאָלג, וואָס די יידישע פֿאַרמערס האָבן געמאַכט. די יידישע פֿאַרמערס אַלס „אויסלענדער" האָבן ניט דעם „ייכעס" פֿון זײַן געבאָרן דאָ. זיי האָבן ניט קיין טראַדיציע פֿון פֿאַרמערײַ. אַ דאַנק זייערע מאָדערנע און געשעפֿטסמעסיקע מעטאָדן, האָבן זיי געהאַט גרויס דערפֿאָלג און דורך דעם געשטעלט די ניט יידישע פֿאַר-מערס אויף אַ נידעריקערער מאַדרייגע אַלס צווייטע און אָפֿטמאָל אַפֿילע דריטראַנגיקע פֿאַרמערס. די ניט יידישע פֿאַרמערס ווילן עס שטאַרק ניט לײַדן. דער יידישער פֿאַרמער אַלס אַ געוועזענער שטאָטישער עלעמענט און אַלס פּראָגרעסיווער פֿאַרמער לעבט אַ מער שטאָטישן שטייגער לעבן. זיי שאַפֿן זיך שטאָטישע באַקוועמ-לעכקייטן. די יידישע פֿאַרמערס לעבן אין בעסערע הייזער, זיי האָבן טעלעפֿאָנען, ראַדיאָ; קימאַט אַלע יידישע פֿאַרמערס האָבן אויטאָמאָבילן (וועלכע זײַנען הײַנט צו טאָג אַ געשעפֿטס-נויט-ווענדיקייט). די יידישע פֿאַרמערס באַזוכן אָפֿט די שטאָט. נאָך אַ גאָר וויכטיקע סיבע פֿון אומפֿרײַנדלעכקייט און אָפֿט האַס איז, וואָס מיטן אָנקומען פֿון אַ סאַך יידישע פֿאַרמערס אין הײַפֿעלד (און אויך אַנדערשווו) איז דער פּרײַז פֿון באָדן גוואַלדיק געשטיגן. דורך דעם איז געוואָרן שווער פֿאַר די אָרעמע און מיטלשטאַנדיקע בורישע פֿאַרמערס צוצוקויפֿן ערד, קעדיי צו פֿאַרגרעסערן זייערע

פֿאַרמס — אַ זאַך, צו וואָס יעדער פֿאַרמער שטרעבט. די ניט פֿרײַנדלעכע בורן מיינען אויך, אַז זיי קריגן ניט קיין גרויסע פּרײַזן פֿאַר זייערע פּראָדוקטן צוליב דעם, וואָס די ייִדישע פֿאַר־מערס פּראָדוצירן אין אַ גרויסן מאַסשטאַב.

אַלע ייִדישע פֿאַרמערס אין דאָרעם־אַפֿריקע רעקרוטירן זיך פֿון ליטוויש־רוסישע ייִדן און זייערע היגע געבוירענע קינדער.

האָגאָם די ייִדישע פֿאַרמערס האָבן ניט קיין דוירעסדיקע צוגעבונדנקייט צו לאַנדווירטשאַפֿט און זיי באַטראַכטן פֿאַרמערײַ ווי אַ מיטל רײַך צו ווערן, האָבן זיי דאָך אַרײַנגעבראַכט דאָרט וווּ זיי האָבן געפֿאַרמט וויסנשאַפֿטלעכע מעטאָדן אין פֿאַרמערײַ אין געגנטן, וווּ עס האָט ביז דאַן געהערשט אַ פֿעאָדאַלע סיסטעם פֿון לאַנדווירטשאַפֿט.

ייִדישע פֿאַרמערס אין דאָרעם־אַפֿריקע האָבן אַ דאַנק זייערע סיסטעמאַטיזירטע און געשעפֿטסמעסיקע מעטאָדן אַרײַנגעבראַכט, אַזוי צו זאָגן, אַ קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם פֿון פּראָדוקציע. אַזוי אַרום האָבן זיי געהאָלפֿן אינדוסטריאַליזירן אַ טייל פֿון דער פֿעאָדאַלער סיסטעם פֿון פֿאַרמערײַ אין טראַנסוואַל און אָרענדזש־פֿריסטייט.

אינהאַלט

זייט

אַ פּאָר באַמערקונגען 3

אַלגעמיינער בילד 5

די קעגנזייַטיקע באַציִונגען צווישן ייִדן און בורן און צווישן ייִדן און ענגלענדער 29

קולטור-צושטאַנד 40

ייִדיש 55

די ייִדישע פּרעסע (אין ייִדיש) 66

ליטעראַרישער „אייגנס“ פֿון די ייִדן אין דאָרעם-אַפֿריקע 79

דער ייִדישער ליטעראַרישער פֿאַראיין 85

ייִדישע ראַדיקאַלע כעווּרעס 102

ייִדן אין דער אינדוסטריע 117

ייִדישע פֿאַרמער און פֿאַרמערײַ אין דאָרעם-אַפֿריקע 130